Leben

# לעבן

העפטן פון צייט צו צייט
פאר ליטעראטור
קונסט און פובליציסטיק

אונטער דער רעדאקציע
פון משה שאליט

# פון די מלחמה־יארן

I.

5

# אינהאלט:


1. די אייראָפּעאישע מלחמה

(אַ זאַמלונג פון יידישע פאָלקסווערטלעך, רמזים, בריוו, מעשיות און לעגענדעס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון קריג).

געזאַמלט און דערקלערט פון שמואל לעהמאַן.

2. דאָקומענטן

(א. די אָרגאַניזירונג פון דער פרעסע אין געביט אָבאָסט; ב. די מיליטערפאַרוואַלטונג ליטע).

משה שאַליט.

3. זכרונות

(די פוילישע און די באָלשעוויסטישע אָקופּאַציעס פון ווילנע אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה).

ד"ר יעקב וויגאָדסקי.

4. פאַרשיידענעס

(לידער און גימטריאות, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער וועלט-מלחמה).

ש. סאָלאָמאָן.

העפטען פון צייט צו צייט
פאר ליטעראטור
קונסט און פובליציסטיק

אונטער דער רעדאקציע
פון משה שאליט

# פון די מלחמה-יארן

I.

# די איראפעאישע מלחמה

(א זאמלונג פון יידישע פאלקס-ווערטלאך,
אנעקדאטן, רמזים, בריוו, גראמען,
לידער, מעשיות און לעגענדעס,
וואס זיינען געשאפן
געווארן אין דער
צייט פון קריג).

געזאמלט און דערקלערט
— פון —
**שמואל לעהמאן.**

„לעבעך" ווילנע,
רעד. משה שאליט.

# טעלעגראַמעס, בריוו, אונטערהאַנדלונגען און געשפּרעכן צווישן די מלוכות.

## פאַר וואָס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה?

.1

דער קיסר ווילהעלם האָט געשיקט צום רוסישן קיסר אַ טעלעגראַמע און האָט זיך אונטערגעשריבן: „ווילהעלם“ און אַזוי ווי אויף רוסיש שרייבט מען דאָך ווילהעלם מיט אַ „גע“ (ג), האָט דער רוסישער קיסר געלייענט וויל־גולם — האָט ער זיך באַליידיגט און האָט אים אַרויסגערופן אויף אַ מלחמה.

סעפּטעמבער 1914.

.2

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט רוסלאַנד געשיקט דייטשלאַנדן אַ זאַק קאַשע (אַ רמז אויף אַ סך זעלנער) און האָט געזאָגט:

—„נאַ, קענסט עס אויפעסן מיט אַמאָל“?

האָט דייטשלאַנד אים צוריקגעשיקט אַ פערטל זעקל פעפער און ער האָט געזאָגט:

—„איך וועל די קאַשע אויפעסן, נישט מיט אַמאָל. נאָר ביסלעכווייז און דו עס אויף דאָס פערטל זעקל פעפער“...

ווען רוסלאַנד האָט נאָר אויפגעגעסן צוויי פעפער, האָט אים באַלד אָנגעהויבן צו ברענען אויפן האַרצן.

יאַנואַר 1915.

.3

דער רוסישער קיסר האָט געשריבן אַ בריוו צום קיסר ווילהעלם, אַז ער וויל מיט אים מאַכן שלום און ער וועט אים אַוועקגעבן פּוילן, האָט דער קיסר ווילהעלם צוריקגעשריבן, אַז אין דריי טעג אַרום וועט ער אים געבן אַ תשובה.

נאָך די דריי טעג האָט ער אים געענטפערט:

—„אַז דו וועסט מיר צושטעלן אַזוי פיל מיינע זעלנער, וויפל דו האָסט געשריבן ביי דיר אין די צייטונגען, אַז דו האָסט גענומען אין „פלען“ אַריין, וועל איך מיט דיר מאַכן שלום.

אויגוסט 1915.

.4

דער רוסישער קיסר האָט געשריבן דעם דייטשן קיסר, אַז ער וויל מיט אים שליסן שלום אויף דעם תנאי, אַז ער גיט אים אָפּ פּוילן און דער דייטשער קיסר זאָל אים אַרויסלאָזן פון גאַליציע.

.5

גראַף הינדענבורג האָט געשריבן אַ בריוו צו ניקאָלאַי־ניקאָלאַיעוויטשן:

—„זאָלסט זען, די רוסן זאָלן ניט לויפן אַזוי שנעל ווייל ס'איז אוממעגליך זיי צו דעריאָגן.

מאַי 1915.

.6

אַ דייטשער אַעראָפּלאַן האָט אַראָפּגעוואָרפן אויף די רוסישע פּאָזיציע אַ בעזים. האָבן די זעלנער מורא געהאַט צוצוגיין. האָט זיך געפונען אַ דרייסטער סאָלדאַט און איז צוגעגאַנגען און האָט יעם בעזים אויפגעהויבן און האָט אים אַוועקגעטראָגן אין שטאַב אַריין.

אין שטאַב האָט מען פּראָוויכטיג באַטראַכט דעם בעזים, האָט מען אין אים געפונען אַ בריוו. איז געשטאַנען געשריבן פון דייטשן קיסר אַזוי: צום וואַרשעווער קאָמענדאַנט:

די פּאָסט האָסטו שוין אַרויסגעראַמט, די גאָסודאַרסטווענע באַנק האָסטו שוין אַרויסגעראַמט, אַלץ האָסטו שוין אַרויסגעראַמט, איצט נאַ דיר אַ בעזים און גיי קער אויס, ווייל מיין באַגאַזש גייט אויפן וועג.

אויגוסט 1915.

.7

ס'איז געפלויגן אַ דייטשער אַעראָפּלאַן איבער וואַרשע און האָט אַראָפּגעלאָזט אַ בריוו מיט אַ בעזים, איז געשטאַנען געשריבן אין בריוו: „נאַריש חזיר, רייניג אָפּ וואַרשע!“

יולי 1915.

.8

גראַף הינדענבורג האָט צוגעשיקט אַ באַפעל צום וואַרשעווער קאָמענדאַנט:

—„אַזוי ווי איך דאַרף אין קורצן אַריין אין וואַרשע, האָב איך געהערט, אַז מען האָט אונטער־געמינעוועט אַלע בריקן און אַלע רעגירונגס־געביידעס, כדי ווען איך וועל אַריינקומען, זאָלן זיי ווערן אויפגעריסן. זאָג איך דיר אָן, אויב דו וועסט אַזוי טאָן, וועל איך אויפרייסן און פאַרברענען אַלע צערקוועס אין מאָסקווע.

יוני 1915.

.9

דער דייטשישער קיסר האָט באַפוילן דעם רוסישן קיסר, אַז ווייבאַלד עס וועט אים פעלן

אַ קיטעל פון הערש, וועט ער חרוב מאַכן מאַסקווע און פעטערבורג.

10.

דער גאַסלעדניק האָט געגעבן אַ טעלעגראַמע צום קיסר ווילהעלם:

—„מען שלאָגט די דייטשן,—וויינט די מאַמע, מען שלאָגט די רוסן,—וויינט דער טאַטע".

11. אויגוסט 1915.

רוסלאַנד און דייטשלאַנד זיינען געגאַנגען מאַכן אַ הלואה אין אַמעריקע, האָט מען דייטשלאַנד ניט געוואָלט באָרגן און רוסלאַנד יאָ.

—„פאַרוואָס?"

—פאַרדערפאַר, ווייל רוסלאַנד, וואָס ער נעמט, גיט ער צוריק,—ער האָט גענומען גאַליציע און האָט אָפּגעגעבן און אַז דייטשלאַנד נעמט, גיט ער שוין מער ניט צוריק.

סעפּטעמבער 1915.

12.

פראַנקרייך פרעגט רוסלאַנד:

—„פאַרוואָס פאַרשפּילסטו די מלחמה?"

פאַרענטפערט ער זיך:

—„ס'איז גלייכער מיט אַ קלוגן צו פאַרשפּילן ווי מיט אַ נאַר צו געווינען".

# רוסישע נצחונות און העלדישקייטן.

## אַן אויסטויש.

1.

ארבעים שנה אקוט בדור— פערציג יאָר האָב איך מיך אָפּגערעט מיט מיין פאָלק, ואומר— האָט מען מיר געזאָגט: עם תועי—ס'איז דאָ אַ פאָלק, וואָס בלאָנדזשעט און וויל פאַרבלאָנדזשען קיין קעניגסבערג. לבב—זיינען זיי פאַרקראָכן קיין לאָדזש. והם לא ידעו דרכי—זיי האָבן מיינע וועגן קיין קעניגסבערג ניט געוואוסט, אשר נשבעתי באפי—האָב איך געשוואוירן ביי מיין גרימצאָרן, אם יבאון אל מנוחתי—אויב זיי וועלן קומען קיין קעניגסבערג.

(דאָס האָט, מכלומרשט, געזאָגט דער דייטשער קייסער).

2.

וההזיר כי מפריס פרסה—דער חזיר שטעקט אויס (אַריין) דאָס פיסל, וגרה לא יגר—נאָר וואָרינען וועט ער דאָ נישט.

(דאָס האָט מען געזאָגט, ווען רוסלאַנד האָט פאַרנומען גאַליציע).

3.

אין די קאַרפּאַטן שטייט אויף אַ מצבה אויפגעשריבן: „קבורת רוסיה פה תהיה"— דער ראשי תיבות דערפון איז קרפת (קאַרפּאַטן).

4.

## ניט רוסלאַנד האָט גענומען פשעמישל, נאָר פשעמישל האָט גענומען די רוסן.

ווען דער רוס איז אַריין אין פשעמישל, איז דער קייסער פראַנץ יאָזעף געזעסן פאַרטרויערט, קומט אַריין דער קיסר ווילהעלם און פרעגט אים:

—„וואָס זיצסטו עפּעס אַזוי טרויעריג?" זאָגט ער:

—„וואָס זאָל איך ניט זיצן טרויעריג, די רוסן האָבן צוגענומען פשעמישל"

זאָגט דער קיסר ווילהעלם:

—„ס'איז ניט אמת, פשעמישל האָט גענומען די רוסן".

5. יולי 1915.

דער עסטרייכישער קיסר איז געקומען צום קיסר ווילהעלם און האָט פאַר אים געוויינט און געקלאָגט: „זע נאָר, זיי זיינען געקומען צו דיר קיין קעניגסבערג, האָסטו זיי באַלד אַרויסגעטריבן און ביי מיר האָבן זיי שוין צוגענומען לעמבערג און פשעמישל און זיי זיינען שוין אין די קאַרפּאַטן און דו טרייבסט זיי ניט אַרויס.

האָט דער קיסר ווילהעלם געענטפערט:

—„צו מיר האָב איך זיי ניט אַריינגעלאָזן און פון דיר וועל איך זיי ניט אַרויסלאָזן".

אויגוסט 1915.

6.

—דו ווייסט, דער רוס האָט איינגענומען.

—וואָס?

—אַ מיתה משונה.

7.

ס'האָט אַ סאָלדאַט געזאָגט:

—„דאָ איז ער אַ קאָזאַק, זאָל ער נאָר קומען קיין סיביר, וועט מען אים שניידן".

8.

ווען די קאָזאַקן זיינען געקומען קיין לובלין, האָבן זיי געזאָגט:

—„אַ קרעכצוי אַרויף בערלין (אַף אַ שיינע שטאָט בערלין)?"

זיי האָבן געהערט... לין, האָבן זיי געמיינט בערלין.

1915.

.9

— די רוסן האָבן איינגענומען 3 שטאַרקע פּאָזיציעס.

— וואָסערע?

— היינט, מאָמענט און הצפירה.

(עטליכע וואָכן פאַרן אַפּטרעטן פון וואַרשע, האָבן די רוסן פאַרמאַכט די דריי יידישע צייטונגען).

יולי 1915.

.10

— פונדעסטוועגן האָט פּאַניע באַוויזן אַ קונץ אין דער מלחמה. ער האָט באַוואָרנט, אַז קיינער זאָל שוין ניט קענען נעמען פּעטערבורג.

— פאַרוואָס?

— ווייל ער האָט עס אַ נאָמען געגעבן פּעטראָגראַד.

.11

— פאַרוואָס האָט מען עפּעס פּעטערבורג אַ נאָמען געגעבן פּעטראָגראַד?

— ווייל, אַז איינער איז געפערליך קראַנק, עצט מען אים צו אַ נאָמען.

דעצעמבער 1914.

.12

**ווי אַזוי רוסלאַנד נעמט אַ סך געפאַנגענע.**

נאָך אַ שלאַכט גייט דער גענעראַל צו יו דעין אָפיציר און פרעגט אים: „וויפיל האָסט געפאַנגענע דייטשן?" זאָגט ער למשל: „דריי". דערנאָך גייט ער צו צו אַ צווייטן און פרעגט אים: „וויפיל האָסטו געפאַנגענע?" זאָגט ער למשל: „צוויי". שרייבט דער גענעראַל אויף נעבן דעם דריי אַ צוויי—32. דערנאָך גייט ער צו צו אַ דריטן און פרעגט אים ווייטער: „וויפיל האָסטו געפאַנגענע?" זאָגט ער למשל: „ער האָט גאָר ניט. שרייבט דער גענעראַל אויף נעבן דעם צוויי אַ נאָל—320. דערנאָך גייט ער צו צו אַ פערטן און פרעגט אים, צי ער האָט עפּעס געפאַנגענע, זאָגט ער: (למשל) „ניין". שרייבט דער גענעראַל ווייטער אויף אַ נאָל—איז שוין 3200 געפאַנגענע.

.13

פּ. ס. אַ. (ראשי־תיבות פון פּעטערבורגער טעלעגראַפן אַגענטור) מאַכט: פּוייס טייטשט אַנדערש.

.14

דער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: ווער עס וועט אים ברענגען הינדענבורגס קאָפּ באַקומט 30 טויזנט רובל.

האָט הינדענבורג אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: ווער עס וועט ברענגען ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשעס קאָפּ, קריגט אַ מאַרק, ווייל זיין קאָפּ איז מער ניט ווערט ווי פאַר די הינט צו וואַרפן.

# פאַרוואָס געווינט דייטשלאַנד און רוסלאַנד מוז פאַרשפּילן?

.1

— אונזערער וועט געווינען.

— פון וואַנען ביסטו אַזוי זיכער?

ווייל דער, וואָס וועט געווינען, וועט דאָך דער זיין אונזערער.

1914.

.2

גאָט שלאָגט זיך מיט ערד און געווינען וועט גאָט.

(גאָט איז די ראשי־תיבות פון גערמאַניע, אַוסטריע, טערקיי).

.3

ווי אַזוי קען רוסלאַנד געווינען, אַז ער שלאָגט זיך מיט גאָט.

.4

איידער דער דייטשער קיסר איז געגאַנגען אונטערשרייבן די מלחמה מיט רוסלאַנד, האָט ער געשיקט רופן די גרעסטע הייבין *) און האָט זיך געפרעגט ביי איר:

—„ווי זאָגסטו, איך גיי האַלטן מלחמה, וועל איך געווינען?"

האָט זי געזאָגט:

—„איך בין אַ הייבין, ווייס איך, ווען איך זע, אַז אַ קינד גייט מיט די פיסלעך פריער מיט די הענטלעך, וועט עס שוין ניט לעבן, אָבער

1) אין דער גמרא ווערט אַ הייבין אָנגערופן חכמה. עס איז אויך דאָ אַ פאָלקספראַגע: —פאַרוואָס ווערט אַ הייבין אָנגערופן אויף גמרא־לשון חכמה? ווייל איזהו חכם הרואה את הנולד.

אז עס גייט מיטן קאפ, וועט עס לעבן. דו ביסט דאך מיטן קאפ 2) וועסטו געווינען.

1914.

5.

די פאראייניגטע מלוכות פון פארשפילן,
ווייל זיי שלאגן זיך מיט גאט און אז מען שלאגט
זיך מיט גאט, ווערט פון אלץ א תל, א קופע
ערד. און ערד איז דאך עפר און עפר איז די
ראשי־תיבות פון ענגלאנד, פראנקרייך, רוסלאנד.

דעצעמבער 1914.

6.

דייטשלאנד גייט מיט דער נאטור און גאט
איז איבער דער נאטור און גאט איז מיט אים—
איז דאך דא גאט און נאטור, דאדורך געווינט ער.

7.

מיט דעם רוס שלאגט זיך א טויטע ארמיע,
דאדורך מוז ער פארשפילן.
טויטע ארמיע,—דאס זיינען די יידן און
רביים, וואס די רוסן האבן זיי אומשולדיג
געהאנגען און געשאסן.

8.

דאס יידישע פארגאסענע בלוט
באצאלט אים גאנץ גוט,

ער וועט האבן צו גדיינקען,
ער וועט זיך אין די הייזער ארומבלאנקען.

וואו ער וועט קומען,
וועט מען אים בארנישט געבן.

ער וועט שטיין ביי דער טיר,
ווי אן אפגעקומענער גביר.

1915.

9.

א רייטשער זעלנער איז ארויסגעגאנגען נאך
וואסער, האט ער פונדערווייטנס דערזען עטליכע
רוסישע סאלדאטן און האט אויסגעשטעלט זיין
ביקס צום שיסן.

שרייען די רוסישע סאלדאטן:
—„האלט! צי דו ווייסט ניט, אז ביי אונז
איז ניטא קיין געווער?"

מאי 1915.

10.

איין סאדאט האט געזאגט צום צווייטן:
—„סטרעליאי" (שיס):
האט דער צווייטער געפרעגט:
—„טשעם (מיט וואס)?"
האט דער ערשטער געענטפערט:
—„פאראכאם" (מיט פולווער).
א יעסלי ניע בודיעט(און וויבאלד ס'וועט ניט זיין)?
—טא גאראכאם (איז מיט ארבעס).

11.

א יידישער זעלנער האט געזאגט:
—„ווי אזוי קען רוסלאנד געווינען, אז קאק
(какъ—ווי אזוי) איז א ווארט און ניקאלאי
ניקאלאיעוויטש איז דער פירער און איך בין דער
זעלנער.

—„ווי אזוי קען דער רוס געווינען, אז קאק
איז א ווארט און שטשי איז דאס מאכל און
ניקאלאי איז דער קיסר און איך בין דער זעלנער".

# רוסלאנדס אפטרעטן און דייטשלאנדס אריינקומען.

1.

—קיינער זאגט ניט אזוי פיל אשרי־יצר ווי
רוסלאנד:
—פאר וואס?
—ווייל אומעטום גייט ער ארויס...

יולי 1915.

2.

דעם רוס דארף מען מאכן אן אפעראציע—
ער האט אלעמאל דעם דייטש אין הינטן (טיל).

יולי 1915.

3.

פאניע דער רין
פארדינט זיך א פריז,—
ניט פון גבורות
נאר פון מאכן פיס.

4.

דא גייען די עם תועי לחאת.
האט מען געזאגט אויפן רוסישן מיליטער,
ווען ס'איז צוריק ארויס פון גאליציע.

5.

—פאר וואס איז דער רוס ארויס פונלעמבערג?

2) ד. ה. מיט קאפ—מיט חכמה.

—ווייל אזוי ווי דער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די אַלע, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין די שטעט נאָכן ערשטן יולי 1914 מוזן אַרויס, און דער רוס איז דאָך אַריינ־געקומען קיין לעמבערג נאָכן ערשטן יולי, דאַ־דורך האָט ער געמוזט אַרויס.

יוני 1915.

6.

דער רוס מאַכט אַ באַל, ער פאַרבעט אַלע קיין רוסלאַנד.

ער עוואַקויִרט קיין רוסלאַנד.

יולי 1915.

7.

די אַנדערע וואָך וועט מען פאַרמאַכן די גאָסודאַרסטווענע באַנק און דעם שליסל וועט מען אַהינשיקן דעם קיסר ווילהעלם.

יולי 1915.

8.

אויף דעם בריק איז אויפגעקלעפּט אַ קוויטל, אַז קיין ליגנער טאָר אויף דעם בריק ניט גיין, ווייל ער איז מינירט און מ'קען נאָך אַריינפאַלן אין וואַסער אַריין.

איידער די רוסן זיינען אַרויס פון וואַרשע, האָט מען פון איין זייט בריק פאַרווערט צו גיין, ער האָט געזאָלט זיין מינירט.—

דער שפּרוך איז געבוירכט געוואָרן אין וואַרשע, ווען מ'האָט געהערט איינעם זאָגן אַ ליגן.

9.

ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט געשריבן צום רוסישן קיסר, אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגן צו קומען אויף דער פּאָזיציע, ווייל די פּאָזיציע דערנענטערט זיך צו אים. אויגוסט 1915.

10.

—פאַר וואָס איז דער רוס אַריבער קיין פּראַגע?

—ווייל מ'האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע פערד זאָל מען אַריבערפירן אויף יענער זייט ווייסעל—איז ער אַריבער.

די רוסן זיינען אַרויס פון וואַרשע קיין פּראַגע, וואָס ליגט פון יענער זייט ווייסעל און זיי האָבן זיך דאָרט פאַר־טיידיגט עטליכע טעג און די גרויסע אַרמיע האָט אויף אַזאַ אופן געקענט אין דער צייט אָפּטרעטן וואָס ווייטער.

אויגוסט 1915.

11.

—פון די פינקער פּלאַטעס וועט מען דעם רוס שוין ניט קענען אַרויסיאָגן.

—פאַר וואָס?

—ווייל אַ חזיר האָט ליב צו נאַרן אין די פּלאָטעס.

12.

דער רוס איז אַרויסגעגאַנגען און דער דייטש איז אַריינגעטראָטן.

13.

די יידישע טרער
און דעם דייטש געווער
וועלן פאַריאָגן
דאָס רוסישע מיליטער.

14.

איידער די דייטשן זיינען אַריינגעקומען קיין לובלין, איז איבער דער שטאָט געפלויגן אַן אַעראָפּלאַן און האָט אַראָפּגעוואָרפן פּראָקלאַמאַציעס אין געשטאַנען געשריבן:

די יידישע טרער
און ס'דייטשישע געווער
וועלן מאַכן אַ תל
פון רוסישן בער.

15.

דער דייטש גייט צו רוסן.
וואָרטשפּיל אויף צעריסן. 1914.

16.

דער דייטש איז אויף צחות, ער גייט צו רוסן.

17.

מ'זאָגט, אַז דער דייטש האָט שוין ניט אויף קיין קאָפּעט—ער גייט צו רוסן.

18.

דעם דייטשישן קיסר האָט מען געמאַכט אַן אָפּעראַציע אויפן ווייסמעס, דערפאַר קען ער ניט איינזיצן אויף קיין אָרט. 1915.

19.

דער דייטש איז באַנקראָט—ער נעמט און גיט ניט צוריק. מאַי 1915.

20.

ווען די דייטשן זיינען אַריינגעקומען דאָס דריטע מאָל קיין לאָדז, האָבן זיי געזאָגט:

—„דאָס ערשטע מאָל איז געווען דער באַזוך, דאָס צווייטע מאָל—די פאַרלאָבונג, דאָס דריטע מאָל—די חאַכצייט.

ד. ה., אַז נאָך דעם דריטן מאָל וועט ער שוין דאָרט פאַרבלייבן און ניט אַרויסגיין.

אַפּריל 1915.

21.

אין לאדז איז דא משיח:

ד. ה., ס'איז דארט זעהר גוט.—דאס איז געגרויכט געווארן אין ווארשע, ווען דער דייטש איז געווען אין לאדז.

22. יאנואר 1915.

דייטשלאנד האט אים אין לוויטש.

מ'האט דערמיט געמיינט, אז לוויטש איז פארנומען געווארן פון די דייטשן. דאס ווערטל האט אויך א צווייטע באדייטונג: מ'זאגט אין פאלק א ווערטל: „כ'האב דיך אין לוויטש", ד. ה. איך פרעג ניט נאך דיר.

23.

לאדז מיט בלוט,
איוואנגראד מיט גליק,
ווארשע מיט מוזיק.

דאס איז געווען פארשפרייט מיט א צייט פריהער, איידער די דייטשן האבן פארנומען ווארשע.

24.

א דייטשישער אעראפלאן איז געפלויגן איבער ווארשע, האט מען גענומען אים שטארק באשיסן און ער איז צוריק אוועק. ווען ער איז צוריק־געפלויגן האט מען געזען, אז דער עק איז ביי אים ניטא—ער איז געבליבן ביי רוסלאנד...

25. יולי 1915

גראף הינדענבורג מיט זיין ארמיע איז קראנק געווארן, האט מען באשטימט זיי צו שיקן קיין אטוואצק אויף קוראציע.

דאס האט מען געזאגט, ווען ס'איז שוין געווען קלאנגען אין ווארשע, אז די דייטשן זיינען אין אטוואצק.

26.

דער קיסר ווילהעלם איז שוואך, ער קומט קיין אטוואצק אויף קוראציע.

27. אויגוסט 1915.

מ'האט געפרעגט א דייטשישן זעלנער:

—„געוואלד און געשריגען, איר זייט שוין געווען אזוי נאהענט פון ווארשע, פאר וואס זייט איר אוועקגעגאנגען"?

האט ער געענטפערט:

—„הע, איר מיינט, אז ס'איז א פולע (אדער א פערטל גענזענס) אויפצועסן, ס'איז אויפצופרעסן א גאנץ חזיר:

28.

# א מיטל די דייטשן זאלן ניט קענען אריינקומען קיין ווארשע.

אזוי ווי דער רוסישער שטאב האט זיך דערוואוסט, אז די דייטשן רוקן זיך צו וואס נעהנטער צו ווארשע, האט מען געקלערט א פלאן ווי אזוי זיי איינצוהאלטן, זיי זאלן קיין ווארשע ניט אריינקומען. איז געגאנגען דער העכסטער הויפט־קאמאנדיר און האט ארויסגעגעבן א באפעל, אז מ'זאל קיינעם ניט אריינלאזן קיין ווארשע, נאר דעם, וואס וועט האבן א פראפוסק.

—אויף אזא אופן וועט דער דייטש שוין ניט קענען אריינקומען, ווייל ער האט דאך ניט קיין פראפוסק.

יוני 1915.

29.

דער רוס האט דעם דייטש פארטריבן קיין ווארשע.

—פאר וואס איז ווארשע געפאלן?

—פאר נאוואגעארגיעווסק.

31.

דייטשלאנד האט זיך באגאריסט.

—פאר וואס?

—ער איז אריינגעגאנגען קיין כעלם.

# ניקאלאי, דער נאסלעדניק און ניקאלאי ניקאלאיעוויטש.

1.

ניקאלאי איז געווארן א שרייבער: ער שרייבט מאנימעסטן.

אין אנהייב מלחמה איז כמעט יעדן טאג געווען אן אנדער מאנימעסט אונטער־געשריבן „ניקאלאי".

2.

—אז ניקאלאי וועט פארשפילן די מלחמה, וואס פאר א שטראף קומט אים צו געבן?

—מען וועט אים געבן א יידישן פאס און אים אוועקשיקן קיין רוסלאנד.

פעברואר 1915.

3.

ניקאלאי האט אנגענומען א פאדריאד צוצו־שטעלן פלייש.

עס ווערט געמיינט די גרויסע צאל מענטשליכע קרבנות, וואס רוסלאנד שיקט

אויפן שלאכט אויפגעתרגעט צו ווערן.

4.

מ'האט געזאגט, אז ס'איז געווען א קאריקאטור ווי דער קיסר ווילהעלם שטייט ביי א פלייש־מאשינקע און דרייט און דער רוסישער קיסר לייגט אריין דאס פלייש.

5. מאי 1915.

מ'האט געפרעגט דעם גאסלעוניק, וואס ער זאגט וועגן דער מלחמה.

האט ער געענטפערט:

—„אז דער טאטע מיט דער מאמען קריגן זיך, וויל איך מיך ניט אריינמישן".

סעפטעמבער 1915.

6.

ביי דעם קיסר אין שטוב וויינט מער פון אלעמען דער גאסלעדניק, ווייל האט דער דייטש א נצחון, וויינט דער טאטע, האט דער דייטש א מפלה, וויינט די מאמע, קומט דעם גאסלעדניק אויס אלעמאל צו וויינען. מאי 1915.

7.

דער קיסר האט געזאגט צו ניקאלאי ניקאלאיעוויטשן: „שטעל אפ די מלחמה, ס'איז שוין גענוג בלוט פארגאסן געווארן".

האט ניקאלאי ניקאלאיעוויטש געענטפערט:

—בל־זמן דעם שונא'ס א פוס וועט זיך געפינען אויף דער רוסישער ערד, וועל איך ניט אויפהערן מלחמה צו האלטן און דו אליין וועסט אויך מוזן גיין.

8.

דער קיסר האט געפרעגט ניקאלאי ניקאלאיעוויטשן: „ווי לאנג וועט מען עס אזוי מלחמה האלטן?"

האט ער געענטפערט:

—„ווי לאנג עס וועלן זיין אין לאנד די יידן".

# ווער וועט געווינען די מלחמה?

1.

אין דער צייט, ווען מ'האט געקרוינט ניקאלאי דעם צווייטן, האט מען אין אלע שטעט און שטעטלעך, אין די שולן און אין די בתי־מדרשים, געדארפט שווערן, אז מען זאל געטריי דינען דעם קיסר. האט דער סאכאטשאווער רבי אברעמעלע געוויזן מיט די פינגער צוויי און די באדייטונג פון די צוויי האט קיינער ניט געוואוסט, נאר ווען ס'האט זיך געמאכט דער יאפאנישער קריג איז געווען צוויי כתות: איינע האט געהאלטן מיטן רוס און איינע האט געהאלטן מיט יאפאניע.

איינמאל האט זיך דער סאכאטשאווער רבי ארומגעדרייט אין בית־המדרש און דער עולם האט זיך געשפארט איינער מיטן אנדערן: דער האט געזאגט דער רוס וועט געווינען און דער האט געזאגט יאפאניע וועט געווינען, איז מען צוגעגאנגען צום רבין און מ'האט אים געפרעגט: „וואס וועט זיין מיט דער איצטיגער מלחמה?"

האט ער געזאגט:

—„די מלחמה וועט רוסלאנד פארשפילן, נאר עס דארף זיין נאך א מלחמה און דעמאלט וועט ער שוין אין [illegible] פארשפילן".

און דאס [illegible] מען—האט ער געמיינט מיט די צוויי פינגער [illegible] צוויי מלחמות.

[illegible]

2.

פון א דארף האט א ייד מיט דער גאנ[illegible] פאמיליע געמוזט אנטלויפן צוליב דעם באפעל פון קאמענדאנט. דער ייד האט געהאט זיין פארמעגן א פאר סויזנט רובל, האט ער, ביים אוועקגיין דאס געלט ניט גענומען, ווייל ער האט גערעכנט, אז ס'וועט וועט עס נעמען, דאס ווייב ווידער האט גערעכנט, אז דער מאן וועט עס נעמען.

אויפן וועג, ווען דער ייד איז געוואר געווארן, אז דאס געלט איז דארט געבליבן, האט ער באשלאסן צוריק צוגיין.

ווי ער גייט אזוי צוריק, טרעפט אים א ציגאנקע—פרעגט זי אים:

—„פון וואנען גייסטו און וואוהין גייסטו און נאך וואס גייסטו?"

האט ער איר געענטפערט אויף יעדער פראגע.

האט זי אים געזאגט, אז צוריקקערן זאל ער ניט, ווייל דער וועג איז א שרעקליכער און דאס געלט האט גענומען א סאלדאט פון דער און דער ראטע. און זי האט דערביי אנגערופן דעם נאמען פון סאלדאט.

דער ייד האט זי, אבער, ניט געוואלט הערן און איז געגאנגען.

דער וועג איז באמת געווען א שרעקליכער, נאר דאך האט ער זיך דערשלאגן צום דארף. ווי ער איז אריינגעקומען צו זיך אין שטוב אריין, האט ער דארט געטראפן א סך סאלדאטן און דאס געלט איז שוין אויף דעם ארט ניט געלעגן.

איז דער ייד אוועק צום קאמענדאנט און האט

אים דערציילט די גאַנצע זאַך פֿון דעם געלט און האָט אים געזאָגט, אַז אַ ציגאַנקע האָט אים גע־טראָפֿן אויפֿן וועג, האָט זי אים געזאָגט, אַז דאָס געלט האָט גענומען אַ סאָלדאַט מיט דעם און דעם נאָמען. דער קאָמענדאַנט האָט באַלד געשיקט נאָך דעם סאָלדאַט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז ריכטיק אַזוי ווי דער ייִד האָט געזאָגט. ווי דער קאָמענדאַנט האָט דאָס געזען, האָט ער געזאָגט צום ייִד:

—„דאָס געלט וועסטו אָפּקריגן דאַמאָלסט, ווען דו וועסט מיר ברענגען די ציגאַנקע און אויב דו וועסט זי מיר ניט ברענגען, וועסטו ווערן געטויט".

האָט זיך דער ייִד בײַ אים אָפּגעבעטן, אַז ער זאָל אים געבן צײַט דערויף און דער קאָמענדאַנט האָט אים געגעבן צוועלף טעג צײַט.

אין עטליכע טעג אַרום האָט דער ייִד געפֿונען די ציגאַנקע, האָט ער זי געבעטן זי זאָל מיט אים מיטגיין, האָט זי ניט געוואָלט. זי האָט ניט געוואָלט דערפֿאַר, ווײַל בײַ זיי איז אַ מנהג, אַז מ'גייט פֿאָראויס, אָבער ניט צוריק.

דער ייִד האָט זי, אָבער, זייער שטאַרק גע־בעטן, האָט זי אים צוליב געטאָן און איז מיט אים געגאַנגען.

ווי זיי זײַנען אַהינגעקומען צום קאָמענדאַנט, האָט דער קאָמענדאַנט זי געפֿרעגט פֿון וואַנען זי האָט דאָס געוואוסט פֿון דעם געלט, האָט זי געענטפֿערט, אַז זי האָט דאָס אָנגעזען פֿון ייִדס פּנים.

האָט דער קאָמענדאַנט צו איר געזאָגט:

—„אויב דו קענסט אַזוי גוט טרעפֿן, זאָג־זשע מיר וואָס וועט זײַן מיט דער מלחמה".

האָט זי צו אים געזאָגט:

—„שווער מיר צו בײַ דײַן שווערד, אַז דו וועסט מיר גאָרניט טאָן, וועל איך דיר זאָגן דעם אמת".

דער קאָמענדאַנט האָט איר צוגעשוואוירן, האָט זי אַזוי געזאָגט.

—ווען עס וועט זײַן בײַ ייִדן דער ערשטער סדר, וועלן די דײַטשן אָפּהאַלטן אַ געוואַלטיקן נצחון און עס וועט ווערן שלום.

פֿעברואַר 1915.

3.

מ'זאָגט נאָך פֿון אַ גרויסן ס'חעגן, אַזוי ווי ייִ. האַלטן אין איין בעטן אויף משיחן, איז געשטאַנען אַ ייִד און געדאַוונט און האָט דערבײַ געזעפֿצט „רבונו־של־עולם, לאָמיר שוין אויסבעלייזט ווערן פֿון גלות, זאָל שוין משיח קומען".

האָט זיך אײַנער אָנגערופֿן:

—„מ'קען דאָך אויסגעלייזט ווערן פֿון דעם גלות און משיח זאָל נאָך ניט קומען".

האָט דער ייִד געזאָגט:

—„אויסגעלייזט ווערן פֿון גלות קען מען טאַקע, עס מוז דאָך, אָבער, קומען אײנער און מלחמה־האַלטן פֿאַר אונדז".

האָט דער ייִד געגעבן אַ געשריי:

—„אוי ווײ איז נעבעך מיר! אוי ווײ איז נעבעך מיר! ווער וועט דאָס זײַן אונדזער משיח?".

האָט מען אים געפֿרעגט, וואָס דאָס איז, האָט ער געזאָגט:

—„מען וועט אַ מאָל האַלטן מלחמה מיט אונדזער קיסר און אונדזער קיסר וועט פֿאַרשפּילן און געווינען וועט דער, וואָס ייִדן וועלן אויף אים בעטן ווי אויף משיחן, עס וועט, אָבער, ייִדן שלעכט זײַן".

האָט מען אים געפֿרעגט:

„ווער וועט דאָס זײַן?"

האָט ער געענטפֿערט:

—פֿון עמלקס חברה וועט אײנער אויפֿשטיין און מלחמה האַלטן מיט אונדזער קיסר און ייִדן וועלן אויף אים בעטן און ער וועט געווינען און דער סוף וועט זײַן, אַז ער וועט אויך פֿאַר־שפּילן און געווינען וועט דער, וואָס מען וועט אויף אים גאָרניט בעטן און דאַמאָלס וועט ערשט די ייִדן גוט זײַן.

1916.

4.

אויף דער פּאָזיציע איז אַ ייִדישער זעלנער געשטאַנען אין אַן אָקאָפּ און איז פֿאַר מידקייט אַנטשלאָפֿן געוואָרן. ווען ער האָט זיך אויפֿגע־כאַפּט, האָט ער געזען, אַז דער ביקס מיט דער גאַנצער אַמוניציע פֿעלן אים, האָט ער זייער מורא־געקראָגן, וואָרום פֿאַר דעם קומט דאָך אַ האַרבע שטראָף. האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און איז פֿון דאָרט אַנטלאָפֿן. ער איז געלאָפֿן און געלאָפֿן און געלאָפֿן אַזוי לאַנג, ביז ער איז געקומען אין אַ שטעטל אַהײַן, איז אים אַנטקעגן־געקומען אַ גויע, אַ ציגאַנקע, זעט זי, ער לויפֿט אַזוי פֿאַרסאָפּעט, פֿאַרשוויצט, גייט זי צו אים צו און פֿרעגט אים:

—„וואָס איז דאָס די מעשה, וואָס דו לויפֿסט אַזוי?"

האָט ער געענטפֿערט:

—„אַז איך לויף, מסתמא דאַרף איך לויפֿן".

זאָגט זי:

—„ניין, אפֿשר וועל איך דיר קענען העלפֿן".

האָט ער איר דערציילט די גאַנצע מעשה.

האָט זי געזאָגט צו אים:

—„גיי אויף דעם און דעם אָרט, זאָלסטו צו גיין צו דעם און דעם סאָלדאַט מיט דעם און דעם נאָמען און ער וועט דיר צוריקגעבן דאָס אַלץ, נאָכדעם זאָלסטו גיין צו דעם אָפיציר און זאָלסט אים אַלצדינג דערציילן, וועט ער דיר גאָרניט טאָן״.

אַזוי איז טאַקע געווען און ער האָט דאָס אַלצדינג אָפּגענומען, ווען ער האָט דאָס דערציילט דעם אָפיציר, האָט זיך דער אָפיציר פאַרוואונדערט:

—„געוואַלד און געשריען, פון וואַנען האָט זי דאָס אַלץ געטראָפן?״

און ער האָט דעם זעלנער געהייסן ברייננען צו זיך די ציגאַנקע. איז דער זעלנער אוועקגעפאָרן און האָט זי געבראַכט.

האָט דער אָפיציר זי געפרעגט:

—„אַז דו ביזט יאָ אַזאַ טרעפערין און דו האָסט אַזעלכעס געטראָפן, זאָג־זשע מיר, ווער וועט געווינען די מלחמה?״

זי האָט אפילו אין אָנהויב ניט געוואָלט זאָגן, האָט דער אָפיציר געזאָגט:

—„האָב ניט קיין מורא, כ'וועל דיר גאָרניט טאָן״, האָט זי געזאָגט:

—„ניט דו וועסט געווינען די מלחמה, ניט דער דייטש וועט געווינען די מלחמה, געווינען וועט נאָר—אַ קליינטשיק יידעלע״.

.1915

.5

דעם סולטאַן האָט זיך געחלמט, אַז ביי דער כותל־מערבי קומט עפּעס פאָר. האָט דער סולטאַן באַפוילן מען זאָל אַהינשיקן מיליטער—איז דאָס מיליטער אויפן וועג אַוועקגעקומען. האָט מען אַהינגעשיקט אַנדערע מיליטער, איז עס אויך אַוועקגעקומען, האָט מען אַהינגעשיקט בלויז יידישע זעלנער.

ווי זיי זיינען אַהינגעקומען, האָבן זיי געהערט אַ שטימע:

—„ניט דו וועסט געווינען, ניט דער רוס וועט געווינען, געווינען וועט נאָר אַ קליין יידעלע,—דאָס וועט זיין משיח״.

מאַרט .1915

.6

די דייטשישע זעלנער זיינען אַריין אין די רוסישע אָקאָפּעס, האָבן זיי געפונען אַ בריוו, איז אין אים געשטאַנען געשריבן:

—„די מלחמה וועט עמיץ געווינען, נאָר עמיץ וועט צוקומען צו אַזאַ אָרט, וואו עס וועט שטיין אַ קליין יידעלע און דאָס קליינע יידעלע וועט ביי אייך צונעמען דאָס גאַנצע געווער״.

אויגוסט .1915

.7

רוסלאַנד האָט באַשטימט זעכציג גזירות ווי אַ נאָך דעם ייד צו פאַרטיליגן: ער איז געגאַנגען מבטל־מאַכן דאָס יידישקייט, האָט גאָט אויף אים אָנגעשיקט אַ מלחמה מען זאָל אים פאַרטיליגן.

.1914

.8

דער דייטשער קיסר מיטן עסטרייכישן מיטן טערקישן זיינען געגאַנגען צו דער מערת־המכפלה בעטן

איז דער ערשטער צוגעגאַנגען דער אַלטער פראַנץ־יאָזעף, דערנאָך—דער קיסר ווילהעלם, צום לעצט—דער סולטאַן און זיי אַלע זיינען געגאַנגען מיט די בלויזע שווערדן אין די הענט און די שיך האָבן זיי אויסגעטאָן.

האָט מען געהערט אַ בת־קול:

—„גייטס, איר וועט ניט בלייבן פאַרשעמט.״

.1914

## .1 לעגענדעס וועגן ווילנע.

איידער די דייטשן זיינען אַריינגעקומען קיין ווילנע,—און עס איז געווען ערב יום־כפור פאַר כל־נדרי,—איז אַ יידענע אַרומגעגאַנגען אין די יידישע שטובן און האָט אָנגעזאָגט, אַז: „קיינער זאָל ניט גיין צו כל־נדרי, ניט קיין מאַנספּיל ניט קיין פרוי, וואָרום טאָמער וועט מען יאָ גיין, וועט זיך מאַכן אַ גרויסער אומגליק אויף יידן״—און זי האָט געהייסן מען זאָל זיך באַהאַלטן אין די קעלערס און אויף די בוידעמס.

וואָס איז געווען?—אַזוי ווי די קאָזאַקן האָבן געהאַלטן אין אַוועקגיין האָבן זיי זיך אָפּגעשמועסט: ווען די יידן וועלן זיין אין די שולן וועט מען גיין ראַבעווען און דערנאָך וועט מען אַריין אין שולן און מ'וועט אויסהרגענען די יידן.

ווי ס'איז געקומען צו כל־נדרי, האָט מען אָנגעצונדן ליכט אין די שולן און מען איז אין די שולן ניט געגאַנגען. די קאָזאַקן האָבן זיך טאַקע אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט און זיינען

גע׳אַנגען אין די שולן אוכן יידן און אַזוי ווי זיי האָבן קיין יידן דאָרט ניט געפונען, האָבן זיי אָנגעהויבן צו גיין איבער די שטובן און צו ראַבירן. דערווייל האָט זיך דערהערט אַ מוזיק פון די דייטשן. וואָס זיינען אַריין אין שטאָט און זיי האָבן אַ סך פון די קאָזאַקן געכאַפּט און אויסגעהרגעט. אַ געוויסער טייל קאָזאַקן האָט באַוויזן צו אַנטלויפן.

די יידן האָבן פאַר פרייד געכאַפּט די ספרי־תורות און זיינען מיט זיי אַרויס אויפן גאַס און מ׳האָט געבענטש גומל און מען האָט געפאַסט אַ יום־כפור צוזאַמען מיט אַ פרייד.

ווער די יידינע איז געוועזן ווייסט קיינער ניט.

אָקטאָבער 1915.

2.

איידער די דייטשן זיינען אַריינגעקומען קיין ווילנע, איז אַן אַלטיטשקער דזשאַד אַרומגעגאַנגען איבער די יידישע שטובן און האָט געהייסן מ׳זאָל זיך באַהאַלטן אין די קעלערס און ער אַליין האָט זיך אויך באַהאַלטן אין אַ קעלער.

ווי די קאָזאַקן האָבן געהאַלטן אין אָפּטרעטן זיינען זיי אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט און האָבן נאָר געזוכט יידישע מיידלעך און האָבן ראַבירט.

דערווייל זיינען פון אַלע זייטן שטאָט אָנגעקומען דייטשן, וועלכע האָבן געכאַפּט די קאָזאַקן און זיי אויסגעהרגעט.

און דער אַלטישטשקער ייד איז פאַרשוואונדן געוואָרן. קיינער האָט ניט געוואוסט ווער ער איז געווען.

אָקטאָבער 1915

3.

מען דערציילט, אַז דער ווילנער גאון האָט געזאָגט: אַזוי ווי ס׳איז ניט מעגליך צו צוקוועטשן אַן איי ביי ביידע שפּיצן, אַזוי איז ניט מעגליך, אַז די רוסישע מלוכה זאָל דאָ (אין ווילנע) בלייבן.

סעפּטעמבער 1915.

4.

דער ווילנער גאון האָט איבערגעלאָזט אַ ברכה אויף דער שטאָט, אַז זי וועט קיינמאָל ניט ברענען און זי וועט ניט האָבן קיין פאַרפּלייצונג און עס וועט ניט זיין קיין מגפה, נאָר די יידן זיינען דאָך אָבער אין גלות און ווען זיי וועלן פון דעם גלות פטור־ווערן, וועט די שטאָט גענומען ווערן אָן אַ שמין.

סעפּטעמבער 1915.

5.

מ׳זאָגט, אַז אין ווילנע, אַזוי ווי מען האָט אין שול געגעבן אַ געשריי־אויס: „המלך!“, זיינען אַריינגעקומען די דייטשן אין שטאָט אַריין.

אָקטאָבער 1915.

# חוזק־ווערטלעך.

1.

ספּאַניע מיטן רוס שלאָגן זיך און אונזערער גייט צוהילף.

2.

רוסלאַנד מיט דייטשלאַנד שלאָגן זיך און אונזערער גייט צוהילף.

3.

איטאַליע גייט זיך שלאָגן און רוים גייט איר צוהילף.

4.

דער דייטש האָט געכאַפּט אַ פראַנצויז אין די הוזן.

5.

דער דייטש האָט געכאַפּט אַ ריס אין די הוזן.

6.

ענגלאַנד האָט געשוואוירן, אַז זי וועט זיך שלאָגן ביזן לעצטן רוסישן זעלנער.

7.

אַ האָן האָט געלייגט אַן איי אויף דער רוסישער גרעניץ; צו וועמען געהערט עס: צי צו רוסלאַנד צי צו דייטשלאַנד?

## בריוו פון דער פּאָזיציע, אַז מען טרעט אָפּ.

.1

ליבער, געטרייער פריינד!

איך האָב די לעצטע צייט אָנגעהויבן זיך צו רוקן פאָרווערטס, אַזוי ווי אַ ייד ביי שמונה עשרה.

יוני 1915.

.2

ליבער, געטרייער חברן

אַזוי ווי איך בין אַוועקגעפאָרן אין דער ישיבה אַריין און כ'האָב מיך דאָרטן גאַנץ גוט געלערנט, נאָר וואָס קומט אָבער אַרויס. דער רבי האָט געקענט פירן די ישיבה, איז ער געגאַנגען לאיבוד און ס'איז אָנגעקומען אַן אַנדער רבי און אַזוי ווי דער ערשטער רבי איז אַוועק, זיינען מיר מיט אים מיט...

.3

## אַ בריוו פון דער פּאָזיציע, אַז מען גיט זיך איבער אין פּלען.

ליבער פריינד!

די לעצטע צייטן האָבן אָנגעהויבן צו גיין אונזערע געשעפטן ניט גוט, אַ סך האָבן אָנגעהויבן צו גיין מיט ווייסע טיכלעך. –

יולי 1915.

.4

ס'האָט איינער געשריבן אַ בריוו: „כ'האָב געהערט, אַז בּועז'ס ווייב (ד. ה. רוס) האָט געהאַט אַ מפּלה".

.5

ס'האָט איינער געשריבן אַ בריוו פון לאָדז און האָט זיך אונטערגעשריבן: „ישראל בירושלים".
ד. ה. די יידן זיינען אין ירושלים—ס'איז זעהר גוט.

אַפּריל 1915.

.6

ס'איז געקומען אַ בריוו פון לאָדז, איז געשטאַנען געשריבן צווישן די שורות: „אַז מען זוכט, געפינט מען" (אָדער: „זוכט וויטער") מיט פּינטעלעך. האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן צווישן די שורות און צו לייענען איין מאָל און נאָך אַ מאָל און מ'האָט גאָרניט געפונען. פאַלט איינעם איין, ער זאָל אַראָפּנעמען די מאַרקע. איז געשטאַנען געשריבן: „ס'זאָל אייך זיין אַזוי וואויל, ווי אונז איז וואויל".

.7

זאָלסט וויסן, מיין ליבער פאָטער, ביי אונז איז גאַנץ שלעכט, ס'איז ניטאָ צו עסן, ס'איז ניטאָ צו פאַרדינען, מען פּייניגט אונז זעהר. איך האָב געהערט, אַז דו האָסט גרויסע נצחונות.

פון מיר דיין טאָכטער תמר
(ד. ה. טאַמער פאַרקערט).

.8

דו ווייסט דאָך דעם שידוך, וואָס כ'האָב געטאָן. שטעל דיר פאָר, די מחותנים זיינען זיך צוזאַמען געקומען און חתן־כלה האָבן זיך געפעלן, מ'האָט געגעסן און געטרונקען און געהוליעט. אין קורצן וועלן מיר זיין ביי דיר און יאָסעלע זאָגט אויכעט, אַז ער וועט ביי דיר זיין.

זיי געזונד און שטאַרק, אין קורצן וועלן מיר זיך זעהען.

אַפּריל 1915.

.9

ליבער פריינד!

דו ווייסט דאָך, מיין פריינד, אַז מיין ווייב איז געשטאָרבן, זי איז אַפילו געוועזן אַ גאַנץ גוטע, נאָר מען מוז דאָך אָבער פאָרט חתונה האָבן. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז דאָס צווייטע ווייב איז שלעכט, נאָר וואָס זאָל מען אָבער פאָרט טאָן, אַז מען מוז חתונה־האָבן. שטעל דיר פאָר, כ'האָב חתונה געהאַט מיט אַ צווייטע ווייב און ס'איז מיר גאַנץ גוט און שטעל דיר פאָר, אַז דאָס צווייטע איז נאָך בעסער ווי דאָס ערשטע.

מאַי 1915.

.10

ליבער פריינד!

מיט די ערשטע פרוי האָב איך אָפּגעלעבט אַזאַ און אַזאַ צייט און זי האָט מיך זעהר שלעכט באַהאַנדלט, נאָר גאָט האָט געהאָלפן, כ'האָב צו־ריך מיט איר געגט און האָב חתונה געהאַט מיט אַ צווייטע און איך אַלע יידן געזאָגט זאָלן אַזוי טרעפן.

11

ליבער, געטרייער מאַן!

וואָס הערט זיך בײַ דיר אין וואַרשע? מען שמועסט, אַז דער דײַטש שטייט הינטער וואַרשע, נאָר איידער ער זאָל אַרײַנקומען קיין וואַרשע, זאָל אים גלײַכער פריער די כאָליערע נעמען.

מיר ווײסטו דאָך, אַזוי ווי אין לאָדז, קיין גרויסע געשעפטן מאַך איך ניט, צו עסן האָב איך ברוך־השם, מײַן (מער) קיין גײַס צו שרײַבן. בלײַב געזונט און שטאַרק, דאָס זעלבע ווינטש איך מיר פון דיר צו הערן.

פון מיר דײַן געטרײַע פרוי

ארץ־ישראל.

מאַי 1915.

12.

## אַ בריוו פון פלען.

ליבע עלטערן!

איך לעב און בין געזונט. שיקט מיר עפּעס געלט. פון מיר אײַער זון...

מײַן אַדרעס איז: פּת רב (ד. ה. רעב—הונגער) גדולה נומער 14, צום פעטער שמואל.

# מעשה׳לעך און־לעגענדעס.

1

דעם טערקישן סולטאַן האָט זיך געחלומט, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען אין זײַן שפּאַציר־גאָרטן, האָט ער דאָרטן געזען, ווי עס שטייען צוויי ייִדן און גיסן מיט קאַנען אין אַ פאַס אַרײַן. איז ער צו זיי צוגעגאַנגען און האָט זיי געפרעגט:

„וואָס איז דאָס? וואָס טוט איר דאָ?"

האָבן זיי געענטפערט:

— „דאָס איז ייִדישע בלוט, וואָס איז אויס־געמישט מיט טרערן, מיר גיסן עס צוזאַמען".

האָט ער זיי געפרעגט:

— „ווער זײַט איר?"

האָבן זיי געזאָגט:

— „מיר זײַנען צוויי מלאָכים".

האָט ער זיי ווײַטער געפרעגט:

— „טאָ וואָס־זשע ווילט איר פון מיר?"

האָבן זיי געזאָגט:

— דו זאָלסט זען מען זאָל ניט פּײַניגן די ייִדן, וואָרום אַ ניט, וועט זיך דאָס בלוט מיט טרערן אויסגיסן און עס וועט דיר פאַרפלײצן דײַן לאַנד".

(יאַנואַר 1916).

2

דער טאָמאַשאָווער רב איז אַמאָל געזעסן שבת פאַרנאַכט בײַ שלש־סעודות. ווי ער האָט אָפּגע־פּראַוועט דעם שלש־סעודות, אָפּגעדאַווענט מעריב און איז געגאַנגען מאַכן הבדלה און גיסט אַרײַן דעם ווײַן אין בעכער אַרײַן, הויבט ער אָן צו שרײַען:

— „אוי ווי איז געבאָך צו מיר! ווײ, ווײ!"

און ער האָט אָנגעהויבן צו ברעכן די הענט און דער ווײַן האָט זיך צוגאָסן איבערן גאַנצן טיש און דער רב האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַ די פּאות און האָט אָנגעהויבן צו שרײַען:

— „רבונו־של־עולם הימל, טאָמער וועסטו ניט צורײַסן דעם גזר, זאָלסטו אָפּרײַסן מיר פון מײַנע יאָרן!"

ווי די חסידים האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי אָנגעהויבן שרעקליך צו וויינען און זיי האָבן פאַרגאָסן זעהר פיל טרערן.

האָט זיך דער טאָמאַשאָווער רב אָנגערופן:

— „ייִדן, וויינט ניט און קלאָגט ניט, ס׳איז פאַרפאַלן, ייִדיש בלוט מוז פאַרגאָסן ווערן".

און אין צוויי וואָכן אַרום איז ער נפטר געוואָרן.

1915.

3.

דער קאָצקער רבי, איידער ער איז נפטר געוואָרן, האָט ער צוגערופן די חסידים און האָט צו זיי געזאָגט:

— „האָרכט אויס, ייִדן, עטץ זאָלט וויסן אַז עס שטייט פאַר אַזאַ און אַזאַ מלחמה און זעהר פיל ייִדיש בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן און אין וועלכן יאָר דאָס וועט זײַן טאָר איך ניט זאָגן, נאָר עטץ דאַרפט האָבן רחמים און אַליין אַרבעטן, אַז גאָט זאָל אײַך מוחל־זײַן, ווײַל אונז קענען מיר שוין גאָרניט פועלן".

און מיט דאָמיט איז אים די נשמה אויסגעגאַנגען.

4.

דער קאָצקער רבי איז אַמאָל געזעסן בײַ דעם טיש און שטאַרק געזיפצט. האָבן אים די חסידים געפרעגט, וואָס ער זיפצט אַזוי. האָט ער געזאָגט:

„װאָס פּאַל קומען אַ צייט, װאָס ייִדיש בלוט װעט זיך גיסן װי װאַסער און קיין שום רבי אין דער װעלט װעט ניט קענען העלפן".

1915.

.5

אַ רבי האָט געשריבן אַ בריה בו זײַנעם אַ חסיד, אין אויף דעם בריה געשטאַנען געשריבן: „מען זאָל ניט עפענען דעם בריה ב״ו תרעה". און (הײַנט) װען דאָס יאָר איז געקומען, האָט מען דעם בריה געעפנט, איז געשטאַנען אין אים געשריבן: „אין תרעה װעט זײַן אַ גרויסע מלחמה און עס װעט פאַלן זעהר פיל קרבנות און נאָך דער מלחמה װעט זײַן די גאולה". דער בריה איז געשריבן געװאָרן מיט דרײַצן יאָר צוריק.

אַװגוסט 1914.

.6

אין אַ שטעטל, אײדער דער דײַטש איז אַרײַנגעקומען, האָט מען געהאַנגען אַ ייִד און מ׳האָט אים אַזוי געלאָזט הענגען. װי די דײַטשן זײַנען אַרײַנגעקומען, האָבן זײ געזען דעם ייִד הענגענדיג, האָבן זײ אים אָפּגעשניטן פון שטריק. װען זײ האָבן אים אַראָפּגענומען, האָט ער געזאָגט:

— טויט בין איך, נאָר איך קען אײַך זאָגן װי איר זעט אויס אויף יענער װעלט: איר זאָלט װיסן, אַז איר זײַט געבענטשט געװאָרן, איר זאָלט אומעטום זיגען איר װעט פאַריאָגן דעם רוס אויף אַזוי װײַט, אַז אײַערע מענטשן װעלן אין די אַלע שטעט זײַן װעניג, נאָר מלאכים װעלן זיך שטעלן פאַר אײַך".

און ער האָט זיך געבעטן, מ׳זאָל אים ברענגען צו קבר־ישראל.

נאָװעמבער 1915

.7

מען איז געגאַנגען הײַנגען אַ ייִדן, האָט מען אים צוגעפירט צו אַן עפּל־בוים און מען האָט אים געװאָלט אויף דעם בוים הײַנגען, האָבן די עפּעלאַך אָנגעהויבן צו שרײַען:

— „רבונו־של־עולם, מ׳האָט איבער אונז קיין ברכה נאָך ניט געמאַכט"...

מ׳האָט דעם ייִדן ניט געהאַנגען און ער איז ניצול געװאָרן פון די מערדערישע הענט.

1915.

.8

מען איז געגאַנגען הײַנגען אַ ייִדן אויף אַ בוים, האָט דער ייִד געזאָגט:

— הימל און ערד .נעם איך פאַר עדות און דער בוים זאָל אָפּגעבן ריכטונג, זאָל ער זאָגן דעם אמת, צי איך בין שולדיג צי אומשולדיג.

דעם ייִדן האָט מען אויף דעם בוים געהאַנגען און פון דאַמאָלס אָן האָט דער בוים אָנגעהויבן צו דאַרן און דאַרן.

אַפּריל 1915.

.9

די רוסן זײַנען חמשה־עשר בשבט אַרײַנגעקומען אין אַ דאָרף אַרײַן און זײ האָבן גענומען אַ ייִדן און זײַנען אים געגאַנגען הענגען. װי מען האָט אים צוגעפירט צו אַ בוים—האָט דער ייִד געזאָגט צום בוים:

— „הײַנט איז יום־כפור לעילנות, דו בעטסט הײַנט גאָט מען זאָל דיר מוחל־זײַן די זינד,— זאָלסטו װיסן, מען גײט מיר דאָ אויפהענגען אויף דיר".

— האָט דער בוים זיך געגעבן אַרויף אָן:

— רבונו־של־עולם, לאָז מיר בעסער פאַרדאַרט װערן, אײדער מ׳זאָל אַ ייִד אויף מיר אויפהענגען".

און דער בוים האָט באַלד אָנגעהויבן צו דאַרן. אויף װאָס פאַר אַ צװײַג מען האָט פאַרלײגט דעם שטריק, האָט זיך די צװײַג איבערגעבראָכן.

.10

אין אַ שטעטל האָט אַ סאָלדאַט געװאָלט שענדן אַ ייִדיש מײדל.

האָט זי געזאָגט:

— „װאָס דאַרפסטו דיך מיט מיר דאָ רײַסן אין שטאָט, קום אַרויס הינטער דער שטאָט".

און דאָרט הינטער דער שטאָט איז געװען אַ בערגל, האָט מען עס גערופן „די מוטער רחלס־קבר". עס איז דאָרט געװען עמיצער באַגראָבן, נאָר מ׳האָט ניט געװאוסט װער. איז דאָס מײדל אַװעק מיט אים דאָרטן אַהין צו דעם בערגל און װי ער האָט זי געװאָלט שענדן, האָט זי געגעבן אַ געשרײ:

— „מאַמע, דיר איז ניט קיין שאַנד מ׳זאָל מיך דאָ אויף דיר שענדן!"

װי זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, איז אַרויס פון דער ערד אַ שװערד און עס האָט דעם מערדער דערשטאָכן.

1915.

.11

אַ סאָלדאַט האָט געװאָלט שענדן אַ ייִדיש מײדל, האָט זי פאַר אים זעהר געװײנט און זי האָט זיך בײַ אים געבעטן, אַז ער זאָל זי ניט טשעפּען, ער האָט זי אָבער ניט געװאָלט אָפּלאָזן.

[illegible]

— „דאָ [illegible] דיך [illegible], קום מיט מיר אַוועק".

און זי איז מיט אים אַוועקגעגאַנגען אויפן גוטן־אָרט און האָט אים געפירט צו איר מוטערס קבר און זי האָט געזאָגט:

— „דאָ שלאָפט מײַן טאַטע".

און אַזוי ווי ער האָט זי געהאַלט שענדן, האָט ער געקראָגן אַן אַפּאָפּלעקסיע און זי האָט געהערט אַ קול:

— „גיי, מײַן קינד, עס וועט דיר גאָרניט זײַן".

.12

אין גאַליציע איז אין אַ שטעטל געווען אַ שוחט, האָט ער געהייסן רב לײַבעלע. דער רב לײַבעלע איז געווען אַ גרויסער ערליכער ייד און ער איז געזעסן יומם־ולילה און געלערנט.

איינמאָל, ווען ער איז געזעסן און געלערנט, איז צו אים צוגעקומען אַ טײַוול און האָט געוואָלט ער זאָל איר גיין שעכטן אַ הון. ער האָט אָבער ניט געוואָלט מפסיק־זײַן פון לערנען און איז ניט געגאַנגען. אין דער זעלבער צײַט האָט מען דערהערט אַ טרעהאַגע אין שטעטל — די רוסן זײַנען צוגעקומען.

האָט דער שוחט געגעבן אַ געשריי:

— „רבונו־של־עולם, לייז מיר אויס פון דעם גלותו".

קיין שונאי־ישראלים פעלן דאָך ניט און קיין שפּיאָנען אויך ניט. האָט מען אים אויסגעהאַנגען.

דערציילט מען, אַז ער איז געקומען צו חלום דעם רוסישן קייסער און ער איז געגאַנגען אָפּען דאָס הערץ, פאַרבלוטיגט און האָט צו אים געזאָגט:

— „דו וועסט די מלחמה פאַרשפּילן און דו וועסט מיט שאַנדע אַוועקגיין. מײַן בלוט וועט ניט רוען".

מען דערציילט אויך, אַז מ'איז צוגעגאַנגען צום אָרט, וואו מ'האָט אים געהאַנגען, האָט מען געזען ווי דאָס בלוט קאָכט.

מען זאָגט, אַז ווען דאָס רוסישע מיליטער חיל פאַריבער־גיין די עסטרײַכישע גרעניץ, שטייט דער שוחט מיט דעם חלף אין דער האַנט און לאָזט ניט.

מײַ 1915.

.13

ווען רעפלאַנד האָט צוגענומען פּשעמיסל, זײַנען אַכט רבנים געגאַנגען צום קייסער פראַנץ יעזוס איז טרייסטן, ווי זיי זײַנען אים אַרײַנ־געקומען. האָט ער געזאָגט:

— „עסן זײַט דאָך מורדים־במלכות, פאַרוואָס זײַט איר ניט געקומען קיין מנין?"

האָבן זיי געענטפערט:

— „דו ביסט דאָך אַ מלך ביסטו איינער און גאָט איז [illegible]ך מיט דיר איז דאָך צוויי, איז שוין דאָ אַ מנין".

ווי דער קייסער האָט דאָס געהערט, האָט עס אים זייער געפעלן און ער האָט יעדן פון זיי געטאָן אַ קוש אין קאָפּ און האָט געזאָגט:

— „די יידן איז דאָך געווען בײַ מיר גוט, נאָר עס וועט זיי זײַן נאָך בעסער".

יוני 1915.

.14

אין טישעוויטש (לובל. גוב.) איז דאָ אַן אַלט גוט־אָרט, אויף דעם גוט אָרט איז דאָ אַ קבר, וואָס מען רופט עס „משיחס־קבר". און קיין אוהל איז אויף דעם קבר ניטאָ און טאָמער טרעפט זיך אין שטעטל אַן אומגליק, אַז איינער איז געפערליך קראַנק אָדער אַ ווײַבל גייט שווער צו קינד און זי קען ניט איבערקומען, גייט מען אַהין אויפן גוטן־אָרט צו דעם קבר און מען וואַרפט אַהין אַרײַן קוויטלעך און מיר איילן פון דערווײַטנס קען מען ניט צוגיין.

פאַרוואָס רופט מען עס „משיחס־קבר", איז דען משיח געשטאָרבן?

דערציילט מען אַזוי:

דער ריה־הקדוש האָט געהאַט צוויי תלמידים. האָבן די צוויי תלמידים געזען ברוח־הקדוש, אַז אויף דער וועלט זײַנען נאָר דאָ פינף און דרײַסיג למד־וואָוניקעס, האָבן די תלמידים געזאָגט צום ריה־הקדוש:

— „רבי, מיר זעהען ניט מער ווי פינף און דרײַסיג למד־וואָוניקעס, ווילן מיר, דער רבי זאָל אונז ווײַזן דעם זעקס און דרײַסיגסטן".

האָט ער געזאָגט:

— „אויב כ'וועל אים ווײַזן, וועט ער שטאַרבן".

ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקל צײַט, ס'איז ניט אַזוי געשווינד ווי עס רעדט זיך. האָבן די תלמידים צו אים נאָכאַמאָל געזאָגט:

— „רבי, מיר ווילן זען דעם 36־סטן צדיק".

דאָס איז געווען פרײַטאָג — זאָגט ער צו זיי אַזוי:

— „עסן ווילט דווקא זען דעם זעקס און דרײַסיגסטן צדיק, וועל איך אים אײַך ווײַזן".

איז אויסגעבראָכן אַ וואָלקן און האָט די צוויי תּלמידים פֿאַרנומען.

האָט דער ריה־הקדוש געזאָגט צום וואָלקן:

— „וואָלסט מיט זיי אַהין קיין טישעוויטש“.

האָט זיך דער וואָלקן מיט זיי אויפֿגעהויבן און עס האָט ניט לאַנג געדויערט זײַנען זיי דאָרט אָנגעקומען.

ווי זיי זײַנען אַרײַנגעקומען קיין טישעוויטש, האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטאָט און זיי האָבן דעם למד־וואָווניק ניט געזען. ווי ס׳איז געקומען פֿאַרנאַכט, זײַנען זיי געגאַנגען אין בית־המדרש אַרײַן דאַוונען און זיי האָבן אים דאָרטן אויך ניט געזען.

אַ גוטער ייד האָט דאָך אַ רוח־הקודש, האָבן זיי זיך געדרייט אַהין אין בית־המדרש, אַהער אין בית־המדרש און זיי האָבן אים ניט געקענט דערשמעקן. אינדעם גיבן זיי אַ קוק ווי הינטערן אויוון שטייט אַ ייד, אַן אָפּגעריסענער, האָבן זיי דערשנאָפּט אין די הערצער, וואָס זײַנען פֿון אים אַרויסגעגאַנגען בשעתן דאַוונען, אַז דאָס מוז ער זײַן. האָבן זיי בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווען עס וועט קומען נאָכן דאַוונען און אויב ער וועט גיין פֿאַר קידוש אין מקוה אַרײַן, איז דאָס דער און טאָמער ניט, איז עס ניט. ווי ס׳איז געקומען נאָכן דאַוונען, ווען דער ייד איז אַהיים געגאַנגען, זײַנען זיי אים נאָכגעגאַנגען, האָבן זיי געזען, ווי ער גייט אַרײַן אין שטוב און טוט זיך איבער די קליידער און גייט אין מקוה אַרײַן, האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער טיר פֿון מקוה און אַזוי ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון מקוה, האָבן זיי אים געזאָגט:

— „גוט שבת, רבי“.

האָט ער זיי געענטפֿערט:

— „גוט יאָר“.

און זיי האָבן אים שוין צוגעפֿירט ביז אַהיים צום הויז צו און זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען.

אין די זעלבע נאַכט איז ער געשטאָרבן.

צומאָרגנס אינדערפֿרי, ווען די תּלמידים פֿון ריה־הקדוש זײַנען דערפֿון געוואָר געוואָרן, זײַנען זיי געגאַנגען אין בית־המדרש אַרײַן און זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן באַלעמער און האָבן געזאָגט:

— „מיר זײַנען צוויי תּלמידים פֿון ריה־הקדוש, מיר זײַנען געקומען נתגלה־זײַן דעם ייד, ער איז געווען איינער פֿון די למד־וואָוו צדיקים, זאָל מען וויסן ווי אַזוי אים צו טאָן זײַן רעכט“.

ווי עס איז געקומען שבת־פֿאַרנאַכטס, איז דער וואָלקן געקומען און האָט זיי צוריק אַהיים גע־פֿירט. צומאָרגנס האָט מען שוין דעם למד־וואָווניק געמאַכט אַ לויה ווי עס דאַרף צו זײַן. און דאָס איז דער קבר, וואָס מען רופֿט אים „משיחס־קבר“.

דער קבר וועט הײַנט אַזוי אויס ווי מיט 100 יאָר צוריק, די ביימעלעך, וואָס שטייען דאָרט, ווערן ניט קלענער און ניט גרעסער.

מ׳זאָגט, אַז מ׳האָט געפֿרעגט דעם טריסקער מגיד צו מ׳זאָל אָפּפֿרישן די מצבה, האָט ער אַפֿילו יאָ געהייסן, נאָר דער טישעוויצער רבי האָט ניט געהייסן. ער האָט געזאָגט: „זאָל מען ניט טשעפּען, אַזוי ווי ס׳איז, אַזוי זאָל עס זײַן“.

איצט, ווי ס׳איז געקומען די צײַט פֿון דעם גרויסן אומגליק — פֿון דער מלחמה, האָט מען די יידן שרעקלעך געפּייניגט: מ׳האָט זיי אָנגעהויבן צו טרײַבן, צו נעמען ערבניקעס זײַנען די יידן אַרויסגעלאָפֿן אויף משיחס־קבר און האָבן אָנגעהויבן צו וויינען, צו שרײַען, צו בעטן, האָט זיי אַ בת־קול געענטפֿערט:

— „האָט ניט קיין מורא, גאָט לעבט און איר וועט לעבן; אַזוי ווי מ׳האָט געטאָן מיט יעקבן אַ חסד, אַזוי וועט מען מיט אײַך אויך טאָן“.

אַזוי איז טאַקע געווען. די רוסן האָבן באַלד דערנאָך געמוזט אָפּטרעטן פֿון דאָרט און זיי האָבן ניט באַוויזן ווײַטער קיינעם קיין שלעכטס צו טאָן.

1915

15

דעם קייסער ווילהעלם האָט זיך געחלומט אַ חלום, אַז ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין זײַן אוצר אַרײַן, האָט ער געזען, ווי בײַ דער זײַט שטייען צוויי קענדעלעך, איינס איז פֿול מיט טרערן און דאָס צווייטע איז פֿול מיט פֿײַער.

האָט דער קייסער צוזאַמענגענומען אַלע קלוגע מענטשן, צווישן זיי אויך אַ סך רבנים און האָט זיי געפֿרעגט, וואָס דער חלום קען באַטײַטן.

האָבן זיי געזאָגט:

— „אַזוי ווי די יידן ווערן איצט אַ סך גע־פּלאָגט, וויינען זיי — דאָס איז זייערע טרערן און דער פֿײַער איז, דער פֿײַער פֿון געווער, דורך וועלכן מענטשן קומען איצט אום אַזוי פֿיל אויף דער וועלט.

1914.

16.

אין אַ שטעטל איז געווען אַ וואַסער־טרעגער, האָט ער געהייסן משה, דער משה פֿלעגט אין פֿלע־הייזער טראָגן וואַסער און ווען ער איז אַרײַנ־

גענומען, האָט ער קיין גרויס מזל ניט געהאַט ביי קינדער.

ווי עס האָט זיך געמאַכט די מלחמה האָט מען פון דעם שטעטל אַ סך מענטשן גענומען אין וואָיסק און דער משה וואַסער־טרעגער איז געבליבן און ער האָט זיך אַזוי ווי זיין שטייגער איז געווען, ווייטער געטראָגן וואַסער. אין דער צייט האָט ער אָנגעהויבן אַריינצוטראָגן וואַסער צו אַ פרוי, וואָס דער מאַן איז געווען אין וואָיסק. די פרוי האָט געהאַט קליינע קינדער און צו דער פרוי האָט ער אָפּקאָרשט יאָ געקראָגן מזל:

קוים האָט זי באַקומען אַ בריוו פון מאַן אָדער עס איז איר אַזוי עפּעס שווער געווען אויפן האַרצן, האָט זי אַלץ משה'ן דעם וואַסער־טרעגער דערציילט.

איינמאָל איז איר געקומען אַ בריוו פון מאַן, איז געשטאַנען געשריבן:

„מיין ליב ווייב, איך געזעגן זיך מיט דיר, ווייל וואו איך שטיי איצט טרייבט מען אונז אַוועק און גאָט ווייס צי כ'וועל זיך שוין זען מיט דיר. האָב רחמנות אויף די קינדער און זע זיי צו פּילנעווען, ווי ווייט דו וועסט קענען, דו זאָלסט זיי ניט פאַרלאָזן".

ווי משה דער וואַסער־טרעגער איז אַריינגעקומען, האָט זי אים דאָס פאַרציילט—האָט ער געזאָגט:

— „גיב נאָר אַהער דעם בריוו, לאָמיר אים נאָר איבערלייענען".

אַזוי ווי ער האָט גענומען דעם בריוו אין דער האַנט אַריין אַזוי זיינען די שלעכטע אותיות פאַרטשעשפּרונגען און דער משה וואַסער־טרעגער האָט צום ווייבל אַזוי געזאָגט:

— „דאָ אין דעם בריוו שטייט אַזוי געשריבן: דיין מאַן וועט אַהיים קומען די צווייטע וואָך און איר וועט לעבן גליקלעך און האָבן אַ גרויס פאַרמעגן".

ווי זי האָט דאָס געהערט, האָט זי ניט געוואָלט גלויבן און זי איז מיט דעם בריוו אַריבערגעלאָפן צו אַ שרייבער ער זאָל אים איבערלייענען. יענער נעמט לייענען, שטייט טאַקע אַזוי ווי דער משה וואַסער־טרעגער האָט געזאָגט.

האָט דאָס ווייבל געזאָגט:

— „וואָס איז דאָס עפּעס צוערשט האָט יענער געזאָגט, אַז אין בריוו שטייט אַזוי געשריבן און איצטער שטייט גאָר אַנדערש".

האָט דער שרייבער, כלומרשט מיט אַ געלעכטער, געזאָגט:

— „אַז משה וואַסער־טרעגער האָט אים געהאַלטן אין דער האַנט וועט שוין זיין אַלץ גוט".

האָט זי זיך געפרעגט:

— וואָס איז דאָס דער משה וואַסער־טרעגער?

האָט ער געענטפערט:

— „איר ווייסט ניט, אַ וואַסער־טרעגער".

ווי עס איז געקומען די צווייטע וואָך איז דער מאַן טאַקע געקומען און זי האָט אים דערציילט די מעשה מיט דעם בריוו.

האָט ער געזאָגט:

— „איך האָב דיר טאַקע געשריבן אַזוי ווי דער ערשטער האָט דיר געלייענט, נאָר דאָ איז עפּעס ניט פּראָסט, ס'איז ניט אַנדערש, אַז דער וואַסער־טרעגער מוז זיין אַ פאַרבאָרגענער".

און דער משה וואַסער־טרעגער האָט ווייטער געטראָגן וואַסער, אַזוי ווי דער שטייגער זיינער איז געווען.

ווי ס'איז געקומען שבת, איז דעם ווייבלס מאַן אַריינגעגאַנגען צום רב פאַרן דאַווענען און האָט אים דערציילט די גאַנצע זאַך מיט דעם בריוו, מיט דעם וואַסער־טרעגער און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז טאַקע געווען אין אַ גרויס געפאַר, נאָר עפּעס אַ נס פון הימל איז אים בייגעשטאַנען.

האָט דער רב זיך אָנגערופן:

— „נו, מ'וועט שוין מוזן די זאַך גענויער ווערן".

ווי ס'איז געקומען נאָכן דאַווענען איז דער רב צוגעגאַנגען צום וואַסער־טרעגער און האָט אים געזאָגט: „גוט שבת,—קומט אַריין צו מיר אויף קידוש".

האָט ער געענטפערט:

— „איך האָב אָנגעגרייט אַ קידוש ביי מיר אין דער היים, איך גיי ניט אין ערגעץ".

האָט אים דער רב אָנגערופן מיטן נאָמען „רבי".

האָט ער געזאָגט:

— „מיר רופט ניט רבי, מיר לאָזט געמאַכט, כ'בין אַ פּראָסטער וואַסער־טרעגער".

ווי דער רב איז אַהיים געקומען פון דאַווענען, האָט ער דאָס דערציילט די רביצין.

האָט דער רב ביי זיך געטראַכט איבער אַכט־טאָג פרייטאָג־צו־נאַכט וועט ער אים שוין פּילנעווען.

דערווייל איז אין דער זעלבער וואָך אָנגעקומען אין שטעטל אַריין דאָס רוסישע וואָיסק און דאַמאָלס איז מען שוין געוואָרן ווער

דער משה וואַסער־טרעגער איז, וואָרום אַזוי ווי דאָס וואויסק איז אַריין האָבן זיי זיך באַלד גענומען מאַכן אַ תל פון שטעטל.

איז דער משה וואַסער־טרעגער אַרויס אין שטאָט אַריין און האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף דער פלומפּ, וואו ער האָט גענומען וואַסער און ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען מיט אַ שרעקליך קול:

— „רבונו־של־עולם, איך וועל שוין מער ניט לעבן און איך וויל די שטאָט זאָל וויסן ווער איך בין און איך בעט דיר דו זאָלסט עס מיר צוליב טאָן, וואָרום הצדיק גוזר והקדוש־ברוך־הו מקים—לייז אויס דאָס שטעטל פון די ווילדע חיות!"

איז אַראָפּ אַ בת־קול פון הימל:

— „מ'וועט דיר צוליב טאָן וואָס דו ווילסט".

און דאָס וואויסק האָט דערוויייל אין מטאָס רעצירים, ווי דער משה וואַסער־טרעגער האָט געזען, אַז זיי זיינען שוין באַלד ביים בית־המדרש, איז ער אַריין אין בית־המדרש און האָט אַרויס־געכאַפּט צוויי ספרים און איז מיט זיי אַרויס־געלאָפן אין גאַס אַריין. ווי ער איז אַזוי געלאָפן, זיינען די אותיות פון די ספרי־תורות אַרויס און זיי האָבן זיך געשטעלט אַרום די שטאָט אַזוי ווי וואָלקנס, גאַנצע ווענט—האָבן די זעלנער פון דרויסן ניט געקענט אַריין און די זעלנער, וואָס זיינען געווען אינעווייניג, זיינען אומגעקומען און ס'האָט קיינעם אין שטאָט ניט געשאַט—און דער משה וואַסער־טרעגער איז מיט די ספרים אַרויס אויפן גוטן־אָרט און ער איז דאָרט געשטאָרבן.

1915.

17.

אין איינעם פון די וואַרשעווער שפּיטאָלן איז געלעגן אַ יידישער פאַרוואונדעטער זעלנער און האָט ניט געוואָלט ניט עסן און ניט טרינקען.

ווען מ'האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער וויל גאָרניט נעמען אין מויל אַריין.

האָט ער געענטפערט:

— „אַזוי ווי ער איז געגאַנגען „נאַ שטיקי" מיט די עסטרייכער און ווען ער האָט מיט דעם שטיק געשטאָכן אַ זעלנער, האָט דער געשטאָכענער געגעבן אַ געשריי אויס „שמע־ישראל", דעריבער איז אים זיין לעבן ניט ניחא און ער וויל בעסער שטאַרבן.

[illegible]סזעלבע האָט מען אויך דערציילט פון קיעוו.

פון שעדלעץ האָט מען דערציילט: "אַז דער עסטרייכישער זעלנער זאָל [illegible] האָבן געזאָגט:

„איך בין אַ טאַטע פון אַכט קליינע קינדער".

אין טאַרניגראַד (לובל. גוב.) האָט מען דעם ראַזיגן יידיש־רוסישן זעלנער גערופן [illegible] משוגה'נערהייט אין די גאַסן.

18.

איינמאָל, ווען די זעלנער זיינען געלעגן אין די אָקאָפּעס און דער אָפיציר האָט געגעבן אַ געשריי מ'זאָל גיין „נאַ שטיקי", איז פּלוצלונג געקומען צוגיין אַ ייד מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און האָט געשריען:

— „שטייט, גייט ניט אויף קיין אַטאַקע"

האָבן די יידן געהאָרכט און געבליבן שטיין, און די איבעריגע זעלנער זיינען געלאָפן און געוואָלט שיסן, האָבן אָבער די ביקסן ניט געקענט שיסן און די זעלנער זיינען געווען געצוווּנגען צוריק אַריינצוגיין אין די אָקאָפּעס.

1915.

19.

איינמאָל, ווען מ'איז געגאַנגען „נאַ שטיקי", איז אַ יידיש־רוסישער זעלנער צוגעקומען ניט ווייט פון אַ יידיש־דייטשישן זעלנער. האָט דער דייטשישער זעלנער געגעבן אַ געשריי:

— „שיסט ניט, וואָרום איך בין אויך אַ ייד!"

ווי דער יידיש־רוסישער זעלנער האָט דאָס דערהערט, איז ער געבליבן שטיין מיט דער ביקס אַרויף און האָט געשאָסן און געשאָסן. ער איז משוגע געוואָרן.

1915.

20.

אויך אַן אָרט זיינען די רוסן געגאַנגען „נאַ שטיקי". איז אַ יידישער זעלנער צוגעלאָפן צו אַ דייטשישן זעלנער און האָט אים געוואָלט שטעכן, איז אים פּלוצלונג דער שטיק פון די ביקס אַראָפּגעפאַלן און זיך צובראָכן.

אין דער זעלבער רגע האָט דער דייטש געגעבן אַ געשריי:

— דו ביזט געגאַנגען שטעכן דיינעם אַ ברודער, אַ יידן איך קום אַרויס פון טאָמאַשאָווער רבי'ס קינדער.

1914.

21.

די זעלנער זיינען געלעגן אין די אָקאָפּעס און עס איז געווען זייער אַ גרויסער רעגן, [illegible] די זעלנער געווען איינגאַנצן דורכגעווייקט און זיי זיינען געווען שרעקליך הונגעריג. דאָס איז געווען אין מיטן טאָג אַרום צוועלף, איינס— האָט אַ יידישער זעלנער געזאָגט:

אַ װוּנדערליך בין איך און קיין עסן האָב איך ניט, לאָמיר כאָטש דאַװנען״.

און ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט דאַװנען.

װי ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן שמונה־עשרה און ער איז צוגעקומען צום פּסוק אלוהי אברהם, אלוהי יצחק ואלוהי יעקב, זיינען די דריי אבות געקומען און האָבן געשיצט די אָקסנס. עס זיינען פון שונא געפלויגן קוילן װי האָגל, אָבער עס האָט קיינעם ניט געשאַדט.

1915.

22.

די רוסן זיינען געגאַנגען „גאַ שטיקי״ מיט די עסטרייכער. און אַזוי װי די זעלנער זיינען צוגעקומען נאָהענט איינער צום צווייטן האָט איין יידישער זעלנער געטאָן אַ כאַפּ אַרום דעם צווייטן און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו קושן און צו שרייען: „אוי, מיין ברודער, מיין ברודער״ און זיי זיינען ביידע אַװעק. דאָס זיינען געװען צוויי ברידער פון איין מאַמען.

1914.

23.

אַרום פּראָגס נעבן טערקיי, זיינען יידישע זעלנער געשטאַנען אויף זעהר אַ הויכן באַרג, װאָס איז געװען ניט װייט פון דער מערת־המכפּלה און זיי האָבן שוין ניט געהאַט געגעסן דריי טעג. זיינען זיי געשטאַנען און געװיינט און געקלאָגט אויף זייער ביטער מזל, װאָס זיי װעלן דאַרפן דאָ אויסגיין פאַר הונגער.

אינגיכן װי זיי שטייען אַזוי קומט צו זיי צו אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר ־ערצן און פרעגט:

— „יידן, װאָס װיינט איר?״

האָבן זיי געענטפערט:

— „פאַרװאָס זאָלן מיר ניט װיינען, אַז מיר האָבן שוין דריי טעג אין אונזערע מיילער קיין איין ביסן ברויט ניט געהאַט און עס קומט אויס צו שטאַרבן פאַר הונגער דאָ״.

איז דאָס ייִנגל פאַרשוואונדן געװאָרן און באַלד דערויף האָט מען די יידן געבראַכט פון אַלעם גוטס צו עסן.

1915.

24.

אין אַמעריקע איז דאָ אַן אילוזיאָן, [illegible] מען דאָרטן פאַר, װי עס זיצט אַ רבי און ער האָט אַ משמש און דער רבי נעמט יעדן טאָג, עטליכע שעה, בײַ זיך אַן מענשן.

קומט צו רײַן איינער רב װעלװל (געמיינט קייסער װילהעלם), גייט דער משמש און זאָגט דעם רבין, אַז איינער רב װעלװל איז געקומען. זאָגט דער רבי:

— „זאָל ער אַרײַנגײן״.

װי דער רבי האָט אים דערזען, האָט ער אים באַלד דערקענט און האָט אים געגעבן שלום און האָט אים אָנגעהויבן אויסצופרעגן, װאָס עס הערט זיך בײַ אים, צו װאָס ער איז געקומען. זאָגט ער:

— „בעק געקומען [illegible]

פרעגט אים דער רבי:

— „װאָס איז דאָס אַזױנס?״

דערציילט ער אים אַזוי:

— „איך האָב אַ שכן (געמיינט דעם עסטרייכישן קייסער), װאוינט ער בשכנות מיט ציגיינער, פאַלן אויף אים די ציגיינער אַלע מאָל אָן, דאָ דערשלאָגט מען אים אַ זון, דאָ דערהרגעט מען אים איינעם פון דער פאַמיליע,—האָט ער כאָטש עפּעס אויף אַ קינד, הרגעט מען עס אים, האָב איך אים בעזאָגט, אַז ער זאָל זיך מיט זיי אָפּרעכענען. האָט מיר מיין שכן געענטפערט, אַז ער האָלט זיך שוין מיט זיי לאַנג אָפּגערעכנט, נאָר די ציגיינער האָבן איינעם אַ גרויסן, גראָבן יונג „נאָטע דער רויטער״, האָט ער נעמט זיך שטענדיג פאַר זיי אָן. האָט דער שכן מיינער פאַר אים מורא. האָב איך צו אים געזאָגט: „גאָטען נעם איך אויף מיר און מיט די ציגיינער גיב זיך שוין אַן עצה״.

פרעגט אים דער רבי:

— „װאָס הערט זיך דאָרטן בײַ דיר אין לאַנד? ס׳איז עפּעס דאָ יידן? װי לעבט זיך זיי עפּעס״

זאָגט ער:

— „יאָ, ס׳איז דאָ יידן און עס לעבט זיך זיי גאַנץ גוט, גלייך מיט אַלע מענשן אין לאַנד״.

פרעגט אים דער רבי װייטער:

— „דו האָסט זיך מיט װאָס צו װערן, כ׳מיין געװער האָסטו עפּעס?״

זאָגט ער:

— „יאָ, מיין געװער איז דאָס בעסטע אויף דער גאַנצער װעלט״.

זאָגט אים דער רבי:

— „גיי, דו האָסט מיין ברכה און דו װעסט מצליח־זיין״.

װי רב װעלװל איז אַרױסגעגאַנגען, עטס

אַריין אײנער רב יאָסעלע (קייסער פראַנץ יאָזעף), אַן אַלטער, אַ גרייז־גרויער מאַן, דער רבי האָט אים באַלד דערקענט פאַר זיינס אַן אַלטן באַקאַנטן און ער האָט אים געגעבן שלום און ער האָט מיט אים אָנגעהויבן אויסצושמועסן: וואָס ער מאַכט, וואָס עס הערט זיך ביי אים און וואָס איז ער עפּעס אַזוי פּלוצלונג בעקומען? פאַרציילט אים רב יאָסעלע וועגן דעם אומגליק זיינעם, אַז די ציגיינער באַפאַלן אים כסדר און הרגענען אים אויס אַלע זיינע קינדער און ער דערציילט אים אויך וועגן נאָטען דעם רויטן און וועגן דעם, וואָס ער האָט אָפּגעמאַכט מיט זיין שכן. איז ער דאָס איצט געקומען בעטן ביי דעם רבין אַ ברכה.

פרעגט אים דער רבי:

— „וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך אין לאַנד? יידן זיינען עפּעס דאָרטן דאָ? ווי לעבט זיך זיי עפּעס?"

ענטפערט אים רב יאָסעלע:

— יאָ, יידן זיינען דאָ אין לאַנד און עס איז זיי מסתמא גאַנץ גוט, וואָרום ווי נאָר צוויי יידן טרינקען לחיים, ווינשן זיי צו — עס לעבע דער קיסר".

ווי דער רבי האָט דאָס דערהערט, האָט ער אים געגעבן זיין ברכה און האָט אים געוואונשן הצלחה.

ווי רב יאָסעלע איז שוין אַוועקגעגאַנגען, איז שוין געווען שפּעט, עס האָבן זיך שוין געהאַט געענדיגט די שעהען, ווען דער רבי נעמט אָן.

קומט אַריין אַ הויכער, אַ גראָבער יונג, אַ רויטער מיט גראָבע שמוציגע הענט און וויל אַריינגיין גלייך צום רבין. שטעלט אים דער משמש אָפּ:

— „וואו גייסטו? ס'איז דאָך שוין שפּעט, אַצינד. דו ווייסט דאָך, אַז דער רבי נעמט איצט ניט אָן".

נאָטעלע הערט אים אָבער ניט און ער רייסט זיך אַריין. דער משמש האָט געזען, אַז ער האָט ניט מיט אים וואָס צו מאַכן, האָט ער אים אַריינגעלאָזן. ווי דער רבי האָט אים דערזען, האָט ער אים געוואָלט אָפּגעבן שלום, האָט אים נאָטע דערלאַנגט זיין גרויסע, גראָבע האַנט. האָט זיך דער רבי דערשראָקן".

— „גיב נאָר אַ קוק, וואָס פאַר אַ לאָפּעס דו האָסטו זיי זיינען דאָך אַזוי שמוציג, זיי זיינען דאָך פאַרבלוטיגט! גיי אַריין, דאָרטן שטייט אַ באַלייע מיט וואַסער, וואַש זיך צוערשט אָפּ די הענט!"

איז ער געגאַנגען און האָט זיך אָפּגעוואַשן די הענט. ווי ער איז אַריינגעקומען און ער האָט געוואָלט דעם רבין דערלאַנגען די האַנט צו נעמען שלום, האָט דער רבי ווייטער אָנגעהויבן צו שרייען, אַז די הענט זיינען שמוציג, אַז זיי זיינען בלוטיגע און זיי זיינען פאַרבלוטיגט. אַזוי דריי מאָל האָט ער זיך געמוזט גיין איבער־וואַשן. נאָכדעם, ווען דער רבי האָט שוין ביי אים געהאַט אָפּגענומען שלום, פרעגט ער אים:

— „וואָס ביזטו געקומען?".

זאָגט אים נאָטע:

— „כ'ווייס, אַלע פאַרן, בין איך אויך געפאָרן".

פרעגט אים דער רבי:

— „אָבער יאָ, וואָס ווילסטו?"

זאָגט ער: אַז ער וויל דער רבי זאָל אים אָנווינטשן און דערציילט אים אַ גאַנצע מעשה: אַזוי ווי ער האַלט מלחמה מיט זיינע שכנים, וויל ער דער רבי זאָל אים אָנווינטשן.

פרעגט אים דער רבי:

— „און געהער האָסטו עפּעס?"

זאָגט ער:

— „מענטשן האָב איך אַ סך, ווער אַ סך מענטשן".

פרעגט אים דער רבי ווייטער:

— „און וואָס הערט זיך דאָרטן ביי דיר אין לאַנד? ווי לעבט זיך דאָרטן די יידן".

זאָגט נאָטע:

— „איך ווייס ניט, עס אינטערעסירט מיר ניטן מיין דאגה דאָרטן".

ווי ער ענטפערט דאָס, שטעלט זיך פאַר (אויפן עקראַן) דער קישינעווער פּאָגראָם מיט אַלע אומגליקן און צרות וואָס יידן זיינען אויסגעשטאַנען אין רוסלאַנד און דאָס בילד ווערט פאַרשוואונדן.

נאָכדעם ענטפערט אים דער רבי:

— גיי, די מלחמה וועסטו פאַרשפּילן און דו וועסט ווערן וואָס אַמאָל קלענער און קלענער און קלענער, ביז דו וועסט זיך שוין פון אינ־טערעסירן מיט יידן.

.1914

.25

דער רוסישער קיסר און דער דייטשישער און דער עסטרייכישער זיינען געפאָרן צו אַ רבין. איז דער ערשטער אַריינגעגאַנגען דער עסטרייכישער קיסר, געוויינליך מיט אַ קאַפּטל און האָט גע־

לען, אז דער רבי זאָל אים אָנווינטשן ער זאָל האָבן הצלחה.

פרעגט אים דער רבי:

— „בײַ דיר איז עפּעס דאָ יידן אין לאַנד?"

זאָגט ער:

— „יאָ, בײַ מיר זײַנען דאָ יידן".

פרעגט אים דער רבי:

— ווי פֿערגײט עס עפּעס די יידן בײַ דיר אין לאַנד, ווי באַהאַנדלט מען זיי?

זאָגט ער:

— „בײַ מיר איז זיי גאַנץ גוט, אַלע מענטשן זײַנען בײַ מיר גלײַך, בײַ מיר האָבן אַלע גלײַכע רעכט".

האָט דער רבי אים אָנגעזאָגט:

— „גיי, האָב הצלחה".

ווען דער עסטרײַכישער קיסר איז אַוועקגעגאַנגען, איז אַרײַנגעקומען דער דײַטשישער קיסר און האָט אויך געבעטן, אַז דער רבי זאָל אים בענטשן ער זאָל האָבן הצלחה.

פרעגט אים דער רבי:

— „בײַ דיר איז עפּעס דאָ יידן אין לאַנד?"

זאָגט ער:

— „יאָ, בײַ מיר זײַנען דאָ יידן".

פרעגט אים דער רבי:

— „ווי דערגײט עס עפּעס די יידן בײַ דיר אין לאַנד, ווי באַהאַנדלסטו זיי?"

זאָגט ער:

— „בײַ מיר איז יידן גאַנץ גוט. אַז, ס'איז נישטאָ קיין אָפיצירן און קיין גענעראַלער, אָבער יידן האָבן בײַ מיר אַלע רעכט".

— „נו, מילא — זאָגט דער רבי — גיי, זײַ מצליח".

ווען דער דײַטשער קיסר איז אַוועקגעגאַנגען, איז אַרײַנגעקומען דער רוסישער קיסר בעטן, אַז דער רבי זאָל אים אָנווינטשן ער זאָל האָבן הצלחה.

פרעגט אים דער רבי:

— „בײַ דיר אין לאַנד איז עפּעס דאָ יידן?"

זאָגט ער:

— „כ'ווייס נישט".

ווי ווייסט דו ווייסט נישט צי בײַ דיר אין לאַנד זײַנען דאָ יידן? דו ביסט דאָך אַ קיסר, האָסטו נישט געהערט — זאָגט דער רבי ווײַטער — אַז בײַ דיר אין לאַנד האָט מען אַזוי פיל יידן אויסגעהרגעט און אויסגעהאַנגען און מ'האָט אַזוי פיל אומשולדיג יידיש בלוט פֿאַרגאָסן?

זאָגט ער:

— „כ'ווייס נישט".

האָסט נישט געהערט — זאָגט דער רבי — ווי מ'האָט אין דעם און דעם שטעטל אויפֿגעהאַנגען אַזוי פיל יידן?

זאָגט ער:

— „כ'ווייס נישט".

— ווי ווייסט — זאָגט דער רבי — פֿאַרוואָס זאָלסטו ניט וויסן, וואָס בײַ דיר אין לאַנד טוט זיך, דו ביסט דאָך עפּעס אַ קיסר.

זאָגט ער:

— „כ'וועל אײַך זאָגן, ליבער רבי, אַזוי ווי כ'האָב וועהר אַ גרויסע לאַנד, קען איך נישט אַליין דאָס אַלץ אויף מײַן קאָפּ טראָגן — האָב איך אַרײַנגעזעצט אין אַלע גובערניעס באַאַמטע און זיי אַליין טוען, וואָס זיי ווילן".

האָט דער רבי געזאָגט:

— אַז דו האָסט אַזאַ גרויסע לאַנד און דו קאָנסט נישט אַלץ טראָגן אויף דײַן קאָפּ, זאָל דיר דאָס לאַנד ווערן קלענער און דער קאָפּ גרעסער.

**26.**

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה — האָט דאָך יעדער קיסר אַ שר אין הימל, איז דער רוסישער שר מיטן דײַטשן שר געקומען פֿאַרן רבונו־של־עולם און יעדערער האָט געזאָגט, ער וויל, אַז זײַן קיסר זאָל געווינען די מלחמה.

האָט דער רבונו־של־עולם געזאָגט:

— „ברענגט מיר אַ יידן פֿון אײַער מדינה, איך וויל אים אָנקוקן, דאַן וועל איך אײַך שוין זאָגן".

איז דער דײַטשער שר אַראָפּ קיין דײַטשלאַנד און האָט געהייסן אַרויסשיקן אַ יידן. מען האָט באַלד אַרויסגעשיקט אַ יידן מיט אַ פּאָר פּיסקעס מיט אַ קאַרק, ס'איז געווען אויף וואָס צו קוקן. און דער שר האָט אים פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן רבונו־של־עולם.

האָט דער רבונו־של־עולם געזאָגט:

— „נו, גוט".

נאָכדעם איז אַראָפּ דער רוסישער שר קיין רוסלאַנד און האָט געהייסן אַרויסשיקן אַ יידן.

אין רוסלאַנד פֿירט זיך דאָך, אַז מען גיט אַרויס אַ באַפֿעל דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר, גיט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר איבער דעם באַפֿעל דעם גובערנאַטאָר, דער גובערנאַטאָר גיט איבער דעם פּאָליצײַמײַסטער א. א. וו. ביז צום גאָראָדאָוואָי — איז דער גאָראָדאָוואָי אַרויסגעגאַנגען אויף די גאַסן און איז צוגעגאַנגען צו אַ יידן און האָט אים אָנגעכאַפּט:

— „פּאַ אין צירקל אַריין!“

דער ייד בלייבט שטיין: „וואָס ווילסטו פון מיר האָבן?“

ער שלעפּט אים און שרייט „וו'אוטשאַסטאָקו?“ נעמט דער ייד אַרויס אַ רובל און שטעקט אים אַריין אין האַנט.

זאָגט דער גאָראָדאָוואָי: „עטאָ מאַלאָ“.

אַ כּלל, דער ייד האָט אים געגעבן דריי רובל און דער גאָראָדאָוואָי האָט אים אָפּגעלאָזן. גייט דער גאָראָדאָוואָי ווייטער און כאַפּט אָן אַ צווייטן יידן און שלעפּט אים און שרייט: „וו'אוטשאַסטאָקו“

שרייט דער ייד: „וואָס ווילסטו פון מיר האָבן?“

דער גאָראָדאָוואָי האַלט אים אָבער אין איין שלעפּן. האָט דער ייד אים אויך געגעבן אַ פּאָר קערבלאַך און ער האָט זיך פון אים באַפרייט. אַזוי אַרום האָט דער גאָראָדאָוואָי געמאַכט אַ שיינע פּאָר רובל.

אינדעם האָט דער גאָראָדאָוואָי דערזען אַ קוילן־טרעגער, האָט ער אים אָנגעכאַפּט און האָט אים געשלעפּט.

שרייט דער קוילן־טרעגער:

—„זאַ טשטאָ אָדעמניע“? (וואָס וויל דער פאַן פון מיר).

ער שלעפּט אים און שלאָגט אים און שרייט: „וו'אוטשאַסטאָק“!

און אַזוי ווי קיין געלט צו געבן האָט דער קוילן־טרעגער ניט געהאַט, האָט מען אים געבראַכט אין צירקל אַריין—מ'האָט געמאַכט אַ יידן.

ווען מ'האָט דעם קוילן־טרעגער אַרויסגעשיקט אויבן אַרויף, איז ער געווען צובלוטיגט, צו־הרגעט. האָט אים דעת שר פאָרגעשטעלט פאַרן רבונו־של־עולם.

ווי דער רבונו־של־עולם האָט אים דערזען, האָט ער געזאָגט:

—וואָס האָסטו מיר געבראַכט אַ צובלוטיגטן יידן! אַזוי מאַכסטו פון זיי און דו ווילסט נאָך געוואונען זיין, דאָס קען ניט זיין און דאָס וועט ניט זיין.

סעפּטעמבער 1914.

.27

דער דייטשישער קייסער האָט געדאַרפט האָבן אַ וועג דורך פּוילן דורכצופאָרן. האָט ער גע־זאָגט צום רוסישן קייסער:

— „גיב מיר דעם וועג דאָ אַרום דורכצופאָרן“.

האָט דער רוסישער קייסער געזאָגט:

— „כ'וועל דיר געבן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, מיר זיינען דאָך צוויי גוטע ברידער, עס שפּילט אַ ראָלע אַזאַ שטיקל וועג“.

ווי דאָס דייטשישע מיליטער האָט געוואָלט דורכגיין, האָט דער רוס ניט געלאָזן און האָט אָנגעהויבן צו שיסן (אַ הינק אויף דער מלחמה).

פרעגט דער קיסר ווילהעלם דעם רוסישן קיסר:

— „וואָס איז דאָס! וואו איז דיין וואָרט“.

האָט ער געענטפערט:

— „דו ווייסט דען ניט, אַז מיין וואָרט איז קיין וואָרט ניט, מיין שבועה איז קיין שבועה ניט און מיין נדר איז קיין נדר ניט“.

אָקטאָבער 1914.

.28

## פאַר וואָס קומט ניט משיח?.

משיח איז געקומען אין אַ שטעטל אַריין, איז ער אַריינגעגאַנגען אויף אַן אָרט אין אַ שטוב, האָט ער דאָרט געטראָפן אַ ווייבל—פרעגט ער זי:

— „וואו איז אייער מאַן?“.

האָט זי געזאָגט:

— „ער איז אין זאַמאָס“.

פרעגט ער זי:

— שרייבט ער עפּעס גוטע בריוו?

זאָגט זי:

— אַזוי, געוויינליך“?

רופט ער זיך אָן:

— „צי ווילט איר, ער זאָל אהיים קומען?“.

זאָגט זי:

—„אוודאי וואָלט איך געוואָלט, גאָט זאָל העלפן עס זאָל ווערן שטיל און ער זאָל אַהיים קומען“.

פרעגט ער זי:

— „מען האָט שוין אין דעם שטעטל עפּעס געהרגעט יידן?“

זאָגט זי:

— אוודאי האָט מען שוין געהאַנגען אַ פּאָר יידן.

זאָגט ער:

— „אַזוי, מ'האָט שוין יאָ געהאָנגען אַ פּאָר יידן, בין איך געקומען די יידן אויסלייזן, ווייל איך בין משיח“.

זאָגט זי:

— „איך וועל האָבן אַ סימן צו איר זייט טאַקע משיח, אויב איר וועט ברענגען מיין מאַן“.

[illegible] ער זיך אויפֿגעהויבן און איז אַוועקגע־
גאַנגען, איז װי אים נאָכגעלאָפֿן און האָט גע־
זאָגט: „ווי אַזוי וועט איר װיסן, װעלכער איז
מײַן מאַן? איר קענט נאָך אַ מאָל ברענגען אַן
אַנדערן—װאָלט איר װיסן איך גיב אײַך אַ סימן:
ער האָט בײַ דער זײַט פֿון דער נאָז צװיי פּעפּערלעך".

איז משיח אַװעק צו דער פּאָזיציע און האָט
זיך געפֿרעגט: „װעלכער ייד האָט דאָס צװיי
פּעפּערלעך בײַ דער נאָז?

האָט מען אים געפֿרעגט:

— „װער זײַט איר?"

האָט ער געזאָגט:

— „איך בין משיח, איך בין געקומען דעם
ייד אַרױסנעמען".

האָבן זיך אַלע אָנגערופֿן:

— „מיר האָבן אַלע פּעפּערלעך, נעמט אונז
אַרויס".

דערװײַל האָט אַ קאָזאַק געהערט װי מ'רעדט
ייִדיש, האָט ער באַלד איבערגעגעבן דעם שטאַב,
אַז ס'איז געקומען אַ שפּיאָן, האָט מען משיחן
אַרעסטירט. זיצט ער. דערפֿון קען ער ניט קומען.

1915.

## 29.

## פֿאַרװאָס אליהו הנביא קומט ניט.

װען מ'האָט אָנגעהויבן די ייִדן אַרױסצוטרײַבן
פֿון די שטעטלעך, האָט פּונקט דעמאָלס אין
אַ שטעטל געזאָלט זײַן אַ יריד און אָן ייִדן קען
דאָך קיין יריד ניט זײַן. װי אליהו הנביא איז
געקומען אויפֿן יריד*) האָט ער קיינעם ניט
געטראָפֿן, נאָר ער האָט געזען װי די ייִדן
פּאַקן זיך. גייט ער צו צו זיי און פֿרעגט.

—„װאָס איז דאָס דאָ בײַ אײַך? װאָס פּאַקט
איר זיך?"

האָט מען אים געזאָגט:

—„איר װייסט ניט, מען טרײַבט אַרויס די ייִדן.

האָט אליהו הנביא צו זיי געזאָגט:

—„קומט װעל איך אײַך װײַזן אַ נאָהענטן
װעג, װאו צו אַנטלויפֿן".

זײַנען די ייִדן מיט אים געגאַנגען און זיי
האָבן אָנגעהויבן בלאָנדזשען, אַזוי לאַנג, ביז זיי
האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט קיין דײַטשלאַנד. דער דײַטש
האָט דערזען ייִדן, האָט ער זיי אַרײַנגענומען און
זיי זײַנען דאָרט פֿאַרבליבן. דערפֿון קען אליהו
הנביא ניט קומען.

*) אין פֿאָלקס־מעשיות װעגן אליהו הנביא
װערט דערציילט, װי אליהו הנביא קומט אויף
ירידים פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ פּויער, אַ דזשאַד וכדומה.

## 30.

## די שפּיצל פֿון די דײַטשן.

אין אַ שטעטל זײַנען אַרײַנגעקומען די דײַטשן
און זיי זײַנען דאָרט אָפּגעשטאַנען אַ פּאָר טעג און
זײַנען צוריק אַרויס. װען די רוסן זײַנען צוריק
אַרײַנגעקומען, האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן
פֿאַרשײדענע בלבולים פֿון די פּאָליאַקן אויף די
ייִדן און מען האָט עטליכע ייִדן, די אָנגעזעענסטע
פֿון דער שטאָט, אויסגעהאַנגען. אין אַ צייט אַרום,
װען די דײַטשן זײַנען װידער אַרײַנגעקומען, האָבן
זיך די ייִדן צו זיי אַװעקגעלאָזט מיט אַ יללה,
מיט אַ געשרײ: „זעט נאָר, פֿאַר אַן אומגליק איר
ברענגט אויף אונדז, מ'הרגעט אונדז צוליב אײַך".
האָבן די דײַטשן זיי באַרוהיקט און האָבן זיי צו־
געזאָגט, אַז זיי װעלן זיך שוין נוקם זײַן אין די
פּאָליאַקן. און באַלד האָבן די דײַטשן אַרויסגעלאָזט
אַ באַפֿעל, אַז מ'זאָל זיי זען צוריקקערן די צװיי
אָפֿיצירן, װאָס מ'האָט (פּלומרשט) געהרגעט. און
מ'איז געגאַנגען צו די פּאָליאַקן פֿרעגן צו זיי
האָבן ניט געזען, װער עס האָט די אָפֿיצירן גע־
הרגעט. האָבן זיי געזאָגט און אויך געשװאָרן,
אַז זיי האָבן אַליין געזען װי די ייִדן האָבן די
צװיי אָפֿיצירן געהרגעט. װי די דײַטשן האָבן
דאָס דערהערט, האָבן זיי צוזאַמענגענומען עטליכע
צענדליג ייִדן און זיי אַװעקגעפֿירט אין אַ סטאַ־
דאָלע און געהייסן אַ מתנה פֿון עטליכע הונדערט
גוים זיי זאָלן שטיין און אָפּהיטן די ייִדן. און
זיי (די דײַטשן) האָבן געמוזט צוריק אַרויס פֿון
שטעטל.

װען דאָס רוסישע מיליטער איז װידער אַרײַנ־
געקומען און זיי האָבן געזען אַזאַ מחנה שטייען
אויף איין אָרט, האָבן זיי זיך געפֿרעגט: „װאָס
שטייט מען דאָ?" האָבן די פּאָליאַקן געענטפֿערט:
מיר היטן דאָ די זשידעס.

פֿרעגן די רוסן: „װער האָט אײַך געהייסן?"
האָבן זיי געענטפֿערט: „די דײַטשן".

װי די רוסן האָבן דאָס דערהערט, זײַנען זיי
געװאָרן בייז: האַ, עסן האָרכט גאָר די דײַטשן?

און די רוסן האָבן זיך גענומען מיט זיי
אָפּרעכענען...

1916.

.31

א בחור האט זיך באקענט מיט א מיידל הינטער דער שטאט.

האט דאס מיידל געזאגט צום בחור:

—„ווי אזוי וועל איך דיר גלויבן, אז דו וועסט מיט מיר חתונה האבן?“

האט ער געזאגט:

—„איך זאג דיר מיין ווארט און דו קענסט מיר גלויבן“.

האט זי געזאגט:

—[illegible] מיינסט עס אמת, שווער מיר צו“.

האט ער איר צוגעשווארן ביי א גוים, וואו ווי זיינען געשטאנען און האט גענומען הימל און ערד פאר עדות, אז ער פארבלייבט איר חתן און ער וועט מיט איר חתונה האבן.

האט זי געזאגט:

—„דו ביסט דאך רייך, וואס וועט זיין, אז דיינע עלטערן וועלן ניט באשטיין אויף מיר“?

האט ער געענטפערט:

—„וועט מיר דער גוים דערהרגענען און די ערד נישט טראגן“.

און זיי זיינען זיך צוריק אהיימגעגאנגען.

ווי זי איז א היים געקומען, האט זי דערציילט אירע עלטערן, וואס פאר א גליקשידוך עס האט איר געטראפן און די עלטערן האבן זיך זעהר געפרייט פון זייער טאכטערס גליק.

דער בחור האט אויך דערציילט זיינע עלטערן, אז ער האט זיך פארליבט אין זעהר א שיין מיידל און ער האט איר צוגעשווארן ביי א גוים און האט גענומען הימל און ערד פאר עדות, אז ער וועט מיט איר חתונה האבן. ווי דער פאטער האט דאס דערהערט, האט ער אנגעהויבן צו שרייען: „פארוואס האסטו זיך פארליבט אין אזא ארים מיידל“? נאר עס איז דאך אבער געווען פארפאלן, ער האט דאך געשווארן און נאך דערצו האט ער גענומען הימל און ערד פאר עדות, וואס דאס לעבט אייביג. פונדעסטוועגן האבן אים די עלטערן דאס שטענדיג אויסגע-רעדט און די מוטער האט איינמאל צו אים גע-זאגט: „הארך אויס, מיין קינד, אויב דו ווילסט מיך ניט האבן פאר קיין מאמען, מעגסטו חתונה האבן. און די עלטערן האבן ביי אים געפועלט, אז ער זאל מיט דעם מיידל ניט חתונה האבן און מ'האט מיט אים א שידוך געטאן מיט א רייך מיידל פון א שיינע פאמיליע און ער האט חתונה געהאט און זיך גליקליך געלעבט.

אבער דאס מיידל האט אים ניט מוחל געווען און די האט ניט חתונה געהאט. זי האט בלויז געבעטן, אז גאט זאל אים ניט שיינקען און דער גוים און הימל און ערד זאלן אים ניט שווייגן פאר זיין שבועה.

און איצט, ווי ס'האט זיך [illegible] אומגליק אויף דער וועלט[illegible], האט מען דאך נאר יידן, [illegible] געשאסן און געהאנגען, איז [illegible]מען די צייט, אז דער גוים זאל זיך אפ-נעמען פאר דער שבועה און הימל און ערד אויך.

די מעשה איז אזוי געווען:

דאס רוסישע חייסק איז אריינגעקומען אין דעם שטעטל פרייטאג-צונאכטס. דאס גאנצע שטעטל איז שוין דאמאלס געשלאפן, נאר דאס גערויש פון די זעלנער און דער הורא-געשריי האט אלעמען אויפגעוועקט און ס'איז געווארן א מהומה אין שטעטל. וואסיושע טוט פאניעז — נעמט מען יידן און מען גייט זיי הייגגען און דעם יונגנמאן, וואס האט געהאט צו-געשוואוירן דעם מיידל, האט מען אויך גענומען און מ'האט אים צוגעפירט צו דעם זעלבן גוים, ביי וועלכן ער האט געשווארן און מען איז אים אויף דעם גוים געגאנגען הענגען. ווי ער איז צוגעקומען צום גוים, האט זיך דערהערט א קול: „שלום-עליכם, וואס האסטו געמיינט מ'האט שוין פארגעסן אן דיר?“ און ס'איז געווארן א שרעק-ליכער שטורם, עס האט אנגעהויבן צו בליצן און צו דונערן, די ערד האט אזש געציטערט, דער שטורם איז געווען אזוי גרויס, אז ביימער זיי-נען אויסגעריסן געווארן מיט דיווארצלען.

און דעם יונגנמאן האט מען געהאנגען אויף דעם זעלבן גוים.

מ'זאגט, אז דערנאך האט זיך געהערט א קול פון גוים, אז מ'וועט צו אים קיין שליסה ניט האבן.

מען דערציילט, אז מענטשן זיינען דורכגעפארן פארביי דעם גוים און זיי האבן געוואלט אפ-ברעכן א צווייגל, האבן זיי ניט געקענט.

.1915

.32

ווען מען האט די יידן ארויסגעטריבן פון די שטעטלעך, איז א פרוי, אן אלמנה אויסגעקומען צו גיין איינע אליין און ס'איז שוין געווען פריי-טאג פארנאכט און ווי זי איז געגאנגען אויף א פעלד, האט זי בעזוען גייענדיג א יידישן זעלנער און ער האט אריינגעקוקט אין א סדרל און בעלערנט, איז זי צו אים צוגעגאנגען.

האָט ער זי געפרעגט:

— „וואו ביסטו און פון וואנען ביסטו?"

האָט זי איס דערציילט, אז מען האָט אַלע ייִדן פון איר שטעטל ארויסגעטריבן און זי איז שוין כמעט די לעצטע. האָט ער זי געפרעגט, צי זי האָט צו עסן. האָט זי געזאָגט, אז ניט. האָט ער ארויסגענומען א ברייטל און האָט איר געגעבן.

האָט זי געזאָגט:

— „וואָס וועט איר האָבן, אז איר גיט מיר?"

האָט ער געענטפערט:

— „איך וועל שוין האָבן."

און ער איז אוועקגעגאנגען פון איר.

דאָס חייבל איז בשלום געקומען אין א שטעטל אריין און זי האָט פון דעם ברויט געגעסן און געגעסן זעהר א לאנגע צייט.

מאַרטש 1915.

# דאקומענטן

„לעבען" ווילנע,
רעד. משה שאליט,

I.

# וועגן דער ארגאניזירונג פון דער פרעסע אין אבאסט.

ווי אלץ אין דער צייט פון דער דייטשער ממשלה אין אונזער לאנד, האָט זיך אויך די פרעסע געפונען אונטער דער אומאויפהערליכער השגחה פון דער אייזערנער מאַכט פון די אָקופאנטן.

פארנעמענדיג דעם געביט פון אָבער-אָסט (קורלאנד, ליטע און ביאליסטאָק גראָדנע),—א לאנד פון 108 טויזנט קוואדראט-קילאָמעטער מיט א באפעלקערונג פון 3 מיליאָן,—דורכשניטליך אין משך פון איבער 3 יאָר צייט, האָט די דייטשע מיליטער-פארוואלטונג, וואָס אין רשות האָט זיך דאָס לאנד געפונען און פּוֹין זיך פון וואָרט, געזוכט דורך דער פרעסע צו באארבעטן אינפאָרמאטיוו און פּאָליטיש די פארשידענע נאציאָנאליטעטן פון לאנד און אויסניצן זיי פאר אירע אינטערעסן.

אין אונזער לאנד איז דאָס געווען א באזונדערס קאָמפּליצירטע אויפגאבע. בעת אין די אנדערע געביטן, וועלכע די דייטשן האָבן פארנומען, ווי, למשל, אין פראנקרייך און אפילו אין בעלגיע אָדער אין פּוילן, האָט די אָקופאציע-מאַכט געהאט צו טאָן מיט איין, העכסטנס מיט צוויי נאציאָנאליטעטן, האָט זי אין געביט אָבער-אָסט געהאט פאר זיך א פיל-שפראכיגע באפעלקערונג פון גאנצע 4 הויפּט-נאציאָנאליטעטן (ליטווינער, פּאָליאקן, יידן און ווייסרוסן) און א ריי מינדערהייט-נאציאָנאליטעטן, וואָס איינצעלנע פון זיי, ווי די לעטן אָדער די דייטשע באלטן, האָבן ווידער אמאָל געהאט זייער בולטן נאציאָנאלן פּנים.

בערך אין דער צווייטער העלפט פון ערשטן אָקופאציע-יאָר האָט דער געביט שוין באקומען א גוט-אָרגאניזירטע פרעסע, וואָס איז אין משך פון דער אָקופאציע-צייט אויסגעוואקסן אין א צאָל פון איבער 20 צייטונגען, פון וועלכע מער ווי א העלפט, איז געווען אויף די אָרטיגע שפראכן.

די פרעסע האָט מען געקענט איינטיילן אין אן „אָפיציעלע" און א „פּריוואטע". די אָפיציעלע—זיינען געווען די דייטשע צייטונגען, וואָס די מיליטער-פארוואלטונג האָט אליין ארויסגעגעבן הן פאר דער ארמיע והן פאר דער באפעלקערונג, און די פריוואטע—זיינען געווען די צייטונגען, וואָס זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן פון פארלעגער, ציווילע פּערזאָנען, אָבער אויך לויט באזונדערע קאָנצעסיעס פון דער מיליטער-פארוואלטונג.

די ערשטע זיינען כמעט אלע געווען אויף דייטש, די צווייטע אויף די אָרטיגע שפראכן, אָדער „פרעמד-שפראכן", ווי זיי האָבן געהייסן אין דער אָפיציעלער דייטשער ליטעראטור.

אין די קלענערע ערטער אין די ניט־צענטראַלע שטעדט, ווי גראָדנע, ביאַליסטאָק און סובאַלק פלעגט אַרויסגיין צו 1 בלאַט אין ביילאַגעס גלייכצייטיג אויף דריי שפּראַכן: דייטש, פּויליש און יידיש.

דער צענטער פון דער פּרעסע איז געווען די הויפּט־שטאָט פון אָבער־אָסט,—ווילנע,—וועלכע איז געווען אָקופּירט פון די דייטשן אָן הפסקות פון 18 סעפּטעמבער 1915 ביז 31 דעצעמבער 1918. דאָ איז אַרויסגעגאַנגען די גרעסטע צאָל צייטונגען הן אויף די אָרטיגע שפּראַכן והן אויף דייטש און די דאָזיגע צייטונגען זיינען געווען די פירנדע צייטונגען פון לאַנד.

די אַלע צייטונגען פלעגן אַרויסגיין לויט דעם „באַפעל פון אָבערבאַפעלס־האַבער אָסט" און פלעגן דאַרפן טאָג־טעגליך דורכגיין אַ שטריינגע צענזור. כמעט יעדע נאַכט פלעגט מען בריינגען צוריק פון צענזור גאַנצע אויסגעמעקטע זייטן, אַרטיקלען, נאָטיצן און איינצעלנע ווערטער. דערביי איז געווען פאַרווערט אַרויסגיין מיט בלויזן, און ס'האָט מיט קיין זאַך ניט געטאָרט זיין קענטיג, אַז די צענזור האָט געמעקט. איינציגע אַרטיקלען פלעגן „צוריקגעשטעלט" ווערן, דהיינו, זיי פלעגן פאַרהאַלטן ווערן אויף עטליכע טעג, ביז וואַנען מען פלעגט מאַכן וועגן זיי אַ ישוב־הדעת און ערלויבן אָדער ניט. אפילו איבערגעדרוקטע אַרטיקלען אָדער נאָטיצן פון דייטשע צייטונגען פלעגט די צענזור אָפט אַרויסוואַרפן. מעקן אָדער קאָרעגירן פלעגט די צענזור אויך אַנאָנסן, אין וועלכע די דייטשע „פּרעסע־שטעלע" פלעגט בכלל איינזען אַ מיטל פאַר שפּיאָנאַזש.

די צענזור פלעגט ניט נאָר מעקן, נאָר אויך צושטעלן ווערטער און נאָטיצן און אין די טעג פון וויכטיגע פּאָליטישע געשעענישן פאַר דייטשלאַנד און אירע פאַרבינדעטע, נצחונות, געדענקטעג אָדער געבורטסטעג פון קייזער, קרוינפּרינץ וכדומה פלעגט זי אַריינשיקן אין צייטונג פאַרטיגע אַרטיקלען. אמת, זי האָט געגעבן „פרייהייט פון וואָרט", וועלכע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי פלעגט אַריינשיקן ניט איין אַרטיקל, נאָר עטליכע אויף דיזעלבע טעמע און די רעדאַקציע האָט זיך געקענט אויסקלייבן וועלכע פון זיי זי וויל...

אַ גאָר אָפטע ערשיינונג איז געווען די אַריינמישונג פון דער צענזור אין די דעפּעשן. די וויכטיגסטע דעפּעשן פלעגט מען מעגן דרוקן ערשט דאַן, ווען צוזאַמען מיט זיי פלעגן געדרוקט ווערן די געהעריגע באַמערקונגען, וואָס די צענזור פלעגט אָנווייזן און וואָס זיינען געווען דורכגעטראַכטע פּירושים אין טענדענציעז־מיליטאַריסטישן דייטשן גייסט. אויך דאָ פלעגט דער רעדאַקציע געגעבן ווערן די „פרייהייט" צונויפצושטעלן אייגענע באַמערקונגען, אָבער דורכאויס אין דעם אָנגעוויזענעם גייסט. ביי די טעקסטן פון די דעפּעשן פלעגט טאָקי פּשוט אָנגעוויזן ווערן, ווי אַזוי דאַרף געגעבן ווערן די באַמערקונג און ס'פלעגט אויף אַן אָרט געבראַכט ווערן אַ מוסטער. אַ באַזונדערער רעש מיט באַמערקונגען און נאָטיצן פלעגט זיך אָנהויבן אין די טעג, ווען די ענגלישע, אַמעריקאַנישע, איטאַליענישע אָדער פראַנצויזישע מלוכה־מענער פלעגן האַלטן זייערע גרויסע רעדעס וועגן די צילן פון דער מלחמה און וועגן דער אויספירונג

פון דער מיליטאַריסטישער דייטשלאַנד. ביי ווילסאָנס "פערצן פונקטן" ("וועס פלעגן די באַמער־קונגען זיך שוין פאַרהאַנדלען אין א פאַלעטיק".

פאַרטיגע נאָטיצן צום דרוקן פלעגט די פּרעסשטעלע אַריינשיקן אויך וועגן שטאַטישע ענינים, דערהויפּט וועגן דער דערנערונג וכדומה. און אויך דאָ איז געווען א סיסטעם פון באַמערקונגען און "אויסקלערונגען". בעת, למשל, דער שטאָטהויפּטמאַן פלעגט טיילן דער באַפעלקערונג פאַרפוילטע קרוטשקע, ווערים־דיגע קעז, צעווערטע מאַרמעלאַד אָדער אַנדערע אזוינע איבערגעפירטע מאכלים, פלעגן זיך אין דער פּרעסע דרוקן נאָטיצן, וואָס פלעגן דאַרפן באַווייזן וואָס פאַר א טייערע שפּייזן דאָס זיינען, וואָס פאַר א גליק איז עס פאַר דער באַפעלקערונג, וועלכע באַקומט זיי, בעת דייטשלאַנד גופא הונגערט און דייטשלאַנד הונגערט, ווייל די שונאים בלאָקירן איר און ווילן איר אומברענגען א. אַז. וו. ס'איז טאַקי געווען פולשטענדיג ריכטיג, אַז דייטשלאַנד האָט געהונגערט, אָבער ס'איז אויך געווען דורכאויס אמת, אַז פון די אָקופּירטע געביטן פלעגט מען אַרויספירן פאַר דער אַרמיע און קיין דייטשלאַנד דאָס בעסטע און איבערלאָזן פאַר דער היי־מ שער שטאָטישער באַפעלקערונג די עכטע פסולת לויט דעם אַלגעמיינעם דייטש־מיליטערישן פּרינציפּ פון דער אָקופּאַציע־צייט, אַז די אינטערעסן פון דער דייטשער אַרמיע און דייטשער מלוכה זיינען תמיד בילכער פאַר די אינטערעסן פון אָקופּירטן לאַנד...

דער דאָזיגער ברוטאַלער פּרינציפּ, וועלכן די דייטשן פלעגן דורכפירן, ווי זייער שטייגער איז, מיט דער גרעסטער שטרייַנקייט אין לעבן, איז אָפן פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס א נאַטירליכע סיסטעם און די פּרעסשטעלן מיט דער צענזור האָבן געהאַט די אויפגאַבע "אויסקלערן" די דאָזיגע סיסטעם דורך דער פּרעסע, אַרויסוואַרפנדיג דערביי די גאַנצע שולד גרעסטנטיילס אויף ענגלאַנד, און "אויסקלערן" מיטן זעלבן מעטאָד, אַלץ איינס צו ס'האָט זיך גע־האַנדעלט וועגן פאַרדאָרבענע בוריקעס צי וועגן די מעשים פון די אונטער־וואַסער־שיפלעך...

— ס'איז באמת געווען א שווערע און א ביטערע צייט.

מען דאַרף מודה זיין, אַז דעם אינפאָרמאַציאָן טייל האָבן די דייטשן אויפגעשטעלט זעהר גוט אפילו בנוגע די צייטונגען אין אָקופּירטן געביט. אין משך פון א גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט די פּרעסע־שטעלע פאַרוואַרפן די רעדאַקציעס מיט דעפּעשן פון צענדליגער און הונדערטער שורות. חוץ די דעפּעשן, איז דער גאַנצער "נאַכריכטן־דינסט" בכלל געווען ברייט אויפגעשטעלט. אָבער אַלץ, פאַרשטייט זיך, צוגעפּאַסט צו די ספּעציפיש־דייטשע מיליטערישע אינטערעסן.

בנוגע דער פּרעסע אין ווילנע, אין דער רעזידענץ פון גאַנצן געביט, האָבן נאָך די פּרעסשטעלן מיט דער צענזור געהאַט די ספּעציעלע אויפגאַבע צו "רעגולירן" די נאַציאָנאַלע ענינים, ריכטיגער געזאָגט, די נאַציאָנאַליטעטן־

פּאָליטיק, אויף וויפיל זי האָט זיך אויסגעדריקט אָדער געקענט אויסדריקן אין דער פּרעסע.

פון די 8 פּרעסעשטעלן (ליבאַווע, מיטאַווע, קאָוונע, ווילנע, גראָדנע, לידע, ביאַליסטאָק, ריגע), וואָס האָבן זיך געפונען אין רשות פון דער „פּרעסע-אָפּטיילונג אָבּאָסט ביים שטאַב פון אָבערבאַפעלסהאַבער אָסט", איז די פּרעסעשטעלע אין ווילנע, מחמת דעם, געווען די וויכטיגסטע און גרעסטע. זי האָט געהאַט די פּיל-זייטיגע אויפגאַבע אויפצוקוקן איבער גאַנצע 7 טעגליכע און 3 וועכנטליכע צייטונגען, וואָס די גרעסטע מערהייט פון זיי איז ערשינען אויף אַלע אָרטיגע שפּראַכן פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן.

א זעהר אינטערעסאַנטן דאָקומענט פון יענער צייט וועגן די ענינים פון דער פּרעסע, פון דער ערשטער קוועלע, שטעלט פאָר מיט זיך דער פאָרטראָג פון ריטמייסטער פון רעזערוו שטילקע, פירער פון דער ווילנער פּרעסעשטעלע. דער דאָזיגער פאָרטראָג איז אין פעברואַר 1917 ערשינען אין אַ באַזונדערער בראָשור מיט דער אויפשריפט: „גאָר פאַר דעם דינסטגעברויך". די בראָשור איז געדרוקט אין ווילנע, אין דער דרוקעריי פון דער „צייטונג פון דער X אַרמיי", און האָט פאָלגענדן כאַראַקטעריסטישן נאָמען:

Über die Organisation der Presse im Gebiet Ob. Ost. Jhre Stellung zu den verschiedenen Nationalitäten in diesem Gebiet, ihre Zusammensetzung und ihre Sonderaufgaben unter Berücksichtigung der Spionageabwehr.

צום אָנהויב דערציילט די בראָשור וועגן דער גרינדונג פון דער פּרעסע-אָפּטיילונג און וועגן די יסודות פון איר אַרבעט, וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך דער „פאַראָרדענונג איבער דער פּרעסע" דעם 5 דעצעמבער 1915 און פאַרברייטערט דעם 10 יולי 1916. חוץ דער גרינדונג פון די צייטונגען און דער אָרגאַניזאַציע פון זייער פאַרשפּרייטונג און פון דער צענזור איבער זיי, האָט נאָך די פּרעסע-אָפּטיילונג געהאַט דעם קאָנטראָל איבער דעם פאַרקויף פון די צייטונגען, וואָס זיינען געווען ערלויבט צום אַריינפירן פון דייטשלאַנד קיין אָבאָסט (ניט אַלע צייטונגען האָבן געהאַט דעם זכות, און ווייניגער פון אַלע די לינקע) און איבער דעם גאַנצן בוכהאַנדל. קיין איין בוך האָט ניט געקענט אַריינגעפירט ווערן קיין אָבאָסט צום פאַרקויף אָן דער געהעריגער ערלויבעניש פון דעם „בוכפּריפונגסאַמט אָבאָסט", אַ סוב-אָפּטיילונג פון דער פּרעסע-אָפּטיילונג. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די ביכער, וואָס פלעגן ערשיינען אין געביט גופא, האָבן געהאַט דורכצוגיין די פאָרצענזור.

ס'איז איבעריג צו זאָגן, אַז דורכדעם איז פולשטענדיג „רעגולירט" געוואָרן די גאַנצע גייסטיגע שפּייז, וואָס די אָרטיגע באַפעלקערונג האָט געקענט האָבן דורך דער ביכערוועלט. און אַזוי ווי די פרייהייט פון באַוועגונג איז אין יענער צייט אויך געווען כמעט ווי אינגאַנצן אויסגעשלאָסן, האָט די באַפעלקערונג זיך געפונען ווי אין אַ פעסטונג, אָפּגעשניטן איין שטאָט פון דער אַנדערער

און איין ראַיאָן פֿון דעם אַנדערן אַפֿילו אין געביט פֿון אָבאָסט גופֿא און אַפֿילו אין איין און איין דעמזעלבן ראַיאָן פֿון אַ מיליטער־פֿאַרוואַלטונג. בלויז פֿון אַ באַקאַנטן סאָלדאַט אָדער אָפֿיציר פֿלעגט זיך אַמאָל איינגעבן צו באַקומען אַ געווינטשט בוך, מחמת די מיטגלידער פֿון דער דייטשער אַרמיי האָבן געהאַט דאָס רעכט צו באַקומען פֿון דייטשע בוכהענדלער דירעקט פֿון דערהיים ביכער אָן אַ צענזור.

צו פֿאַרשפּרייטן די צייטונגען, וואָס פֿלעגן אַרויסגיין אין געביט אָבאָסט און אויך צו פֿאַרקויפֿן די ערלויבטע ביכער און צייטונגען פֿון דייטשלאַנד, זיינען געגרינדעט געוואָרן העכער 100 „דייטשע צייטונגס־פֿערטריבשטעלן", וועלכע זיינען שפּעטער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין פֿעלד־בוכהאַנדלונגען. די דאָזיגע בוכהאַנדלונגען פֿלעגן אָנגעפֿירט ווערן פֿון געוועזענע דייטשע סאָלדאַטן און אינוואַלידן לויט אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזאַציע.

אויף איבערצוגעבן די צייטונגען פֿון אָבאָסט די וויכטיגסטע ידיעות, ווי אויך די אָפֿיציעלע באַריכטן פֿון גענעראַלשטאַב, וועגן מצב אויף די שלאַכט־פֿעלדער, איז אין בערלין געווען איינגעאָרדנט דורך דער פּרעסע־אָפּטיילונג אַ ספּעציעלע „נאַכריכטענשטעלע", וועלכע פֿלעגט עטלעכע מאָל אין טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט טעלעפֿאָניש אינפֿאָרמירן קאָוונע און די קאָוונער פּרעסע־שטעלע פֿלעגט שוין איבערגעבן, אויך טעלעפֿאָניש, תּיכּף די ידיעות צו אַלע איבעריגע פּרעסעשטעלן. חוץ דעם פֿלעגן אַלע פּרעסעשטעלן באַקומען די דעפּעשן פֿון דער באַוואוסטער וואָלף־אַגענטור, וואָס פֿלעגן ברענגען נייס פֿון דער וועלט. די דאָזיגע דעפּעשן זיינען געווען געדרוקט און אין דער ערשטער צייט פֿלעגן זיי טעגלעך געבראַכט ווערן פֿון בערלין קיין קאָוונע דורך אַ ספּעציעלן קורירער. פֿון קאָוונע פֿלעגן זיי תּיכּף פֿונאַנדערגעשיקט ווערן אין די איבעריגע פּרעסעשטעלן. די נייס פֿון געביט אָבאָסט גופֿא פֿלעגן די פּרעסע־שטעלן צושטעלן איינע די אַנדערע און אויף וויפֿל זיי פֿלעגן דאָס געפֿינען פֿאַר נויטיג פֿלעגן זיי עס איבערגעבן אויך די צייטונגען אויף די אָרטיגע שפּראַכן. דערביי דאַרף בכלל באַמערקט ווערן, אַז די פּרעסעשטעלן פֿלעגן באַקומען פֿון דער פּרעסע־אָפּטיילונג באַזונדערע געהיימע ביכער וועגן דער צענזור און כּמעט טעגלעך פֿלעגן זיי אויך באַקומען פֿון „קריגס־פּרעסע־אַמט" אין בערלין טעלעגראַפֿישע אָנווייזונגען ווי צו באַגיין זיך מיט די אַרטיקלען אין דער פּרעסע פֿון דייטשלאַנד און אויסלאַנד, אויף וויפֿיל זיי קענען אויסגענוצט ווערן פֿון דער פּרעסע אין אָבאָסט.

פֿאַר די דאָזיגע אַלע דעפּעשן, באַריכטן, ידיעות און נייס פֿלעגט אַ צייטונג דאַרפֿן צאָלן דער פּרעסעשטעלע 200 מאַרק אַ חודש. ווען מען זאָל נאָך נעמען אין באַטראַכט, אַז די פּרעסעשטעלע פֿלעגט צושטעלן די צייטונגען פּאַפּיר אויף דעם פּרייז פֿון 17 פֿעניג אַ קילאָ, בעת פּאַפּיר איז געווען מאָנאָפּאָליזירט און אין שטאָט פֿלעגט עס קאָסטן 90 קאָפּ., און אַז אַ זעצער פֿלעגט באַקומען דורכשניטלעך 7 מאַרק אַ וואָך און אַ שרייבער 50 מאַרק אַ חודש, ביי אַ פּרייז

פון 10 פעניג און מער א נומער ביי א טיראַזש פון איבער 6000 עקז. און גרויסע הכנסות פון אַנאָנסן, וועט ווערן קלאָר, אַז אַ צייטונג, זייענדיג אַלס קאָנצעסיאָנירטע אויסער יעדער קאָנקורענץ, איז געווען אַ גלענצענדער געשעפט און האָט טאַקי איינגעבראַכט די פאַרלעגער באַדייטנדע קאַפּיטאַלן, וועלכע זיינען געווען נאָך באַדייטנדער אויפן סאַן פון דער אַרומיגער גוואַלדיגער דחקות און עלענד.

די ווילנער פּרעסעשטעלע האָט צוליב די פּאָליטישע אירע אויפגאַבן געהאַט אַ פיל גרעסערן שטאַט, ווי אַלע איבעריגע פּרעסעשטעלן. זי איז באַשטאַנען: פון 1 אָנפירער, 1 הילפסאָפיציר, 1 מיליטערישן צענזור, 1 פּאָליטישן צענזאָר, 4 איבערזעצער (פּוילישער, יידישער, ליטווישער און ווייסרוסישער—אַלע פיר—דייטשע סאָלדאַטן), 1 אַנאָנסן-ספּעציאַליסט, 3 בוכהאַלטערס און 4 סטענאָגראַפן, טעלעפאָן-ריידער און אָרדאָנאַנצן,—צוזאַמען אַ שטאַט פון 16 פּערזאָן.

די צענזור האָט זיך געטיילט אויף אַ מיליטערישע און אַ פּאָליטישע. די ערשטע האָט געהאַט די אויפגאַבע ניט צו דערלאָזן קיין זאַך, וואָס קען שטערן דער נצחונות׳דיגער דורכפירונג פון דער מלחמה און האָט געהאַט אין אויג קודם-כל דעם פראָנט. די פּאָליטישע צענזור האָט שוין געהאַט צו טאָן מיט ציווילע ענינים, מיט דעם הינטערגרונד פון פראָנט, בתוכם אויך מיט דער גאַנצער נאַציאָנאַליטעטן-פראַגע און מיטן לעבן בכלל פון דער אָקופּירטער באַפעלקערונג. פאַרשטייט זיך, אַז אין תוך גענומען האָט אויך די פּאָליטישע צענזור בעהאַט דיזעלבע אויפגאַבע וואָס די מיליטערישע און איז געגאַנגען מיט איר האַנט ביי האַנט.

די בראָשור רעכנט אויס פאָלגנדע 10 צייטונגען, מיט וועלכע די ווילנער פּרעסעשטעלע האָט געהאַט צו טאָן: 1) „צייטונג דער X אַרמיי"; 2) „ווילנאַער צייטונג"; 3) די פּוילישע צייטונג „דזיעניק ווילענסקי"; 4) די יידישע צייטונג „לעצטע נייעס"; 5) די ווייסרוסישע צייטונג „האָמאָן" (פאָלקסשטימע); 6) די ליטווישע צייטונג „ליעטואוואָס אידאַס" (ליטעס עכאָ); 7) די ליטווישע וואָכנבלאַט „דאַרבאַ באַלזאַס" (אַרבעטסשטימע); 8) די ליטווישע וואָכנבלאַט „טעווינעס סאַרגאַס" (פאָטערלאַנדסוועכטער); די יידישע ציוניסטישע וואָכנבלאַט „אונזער עתיד"; 10) די רוסישע צייטונג „נאָווי וויעסטניק" (פאַר די רוסישע געפאַנגענע).

אַזוי ווי די בראָשור איז געווען באַשטימט ניט צום פאַרקויף און ניט צום פאַרשפּרייטן, נאָר אויסשליסליך צו די צוועקן פון דייטשן אינטעליגענצן דינסט, איז זי אַ מין געהיימער דאָקומענט און האָט אויף אַזאַ אופן אַ באַזונדערן אינטערעס, און ספּעציעל אויף וויפיל זי כאַראַקטעריזירט יעדע צייטונג באַזונדער פון איר שטאַנדפּונקט און דערהויפּט די נאַציאָנאַליטעטן-צייטונגען.

מיר וועלן דאָ ברייינגען ווערטליך די דאָזיגע כאַראַקטעריסטיקעס:

„דזיעניק ווילענסקי". די צייטונג איז געגרינדעט געוואָרן אויפן באַזעל פון אָבערבאַפעלסהאַבער אָסט אין פעברואַר 1916. דער הויפּטרעדאַקטאָר, ה׳ אָבסט, איז אַ פּאָליאַק (זיין זיידע איז נאָך געווען אַ סאַקס). ער



די פרעסע אין געניס אָבאָסט (1917).

באהערשט די דייטשע שפראך. די צייטונג איז פינאנסירט דורך א פוילישן קאנסארציום. איר אויפלאגע באטרעפט איצט 6000 עקז. זי ערשיינט טעגליך, חוץ מאנטאג.

דער „דזיענניק ווילענסקי" ווערט גאנץ גוט געפירט. קיין באשטימטע פארטייריכטונג האט ער ניט. אין אים קומט צום ווארט די ווילנער גייסטליכע און וועלטליכע פוילישע אינטעליגענץ: ער איז שטארק פויליש-נאציאנאל און לאזט ניט דורך קיין שום געלעגנהייט אויף צו פירן א לעבעדיגע פוילישע פראפאגאנדע. זיינע אינטערעסן דערגרייכן אלע פוילישע געביטן, אבער א באזונדערס שטארקן אינטערעס האט ער נאטירליך צום קעניגרייך פוילן, די פאראייניגונג מיט וועלכן איז באשיינפערליך דער ברענענדיגסטער וואונש פון די ווילנער פאליאקן. אבער אויך די פרייסישע פאליאקן ווערן ניט איגנארירט.

דערמיט ערקלערט זיך, וואס די צייטונג קומט אפט אין א סכסוך מיט די צענזור-פאראָרדענונגען".

„לעצטע נייס". די צייטונג איז צו ערשט ארויסגעגעבן געווארן פון דעם יידישן פארלעגער פייהל מארגאלין און איצט ווערט זי ארויסגעגעבן פון ד״ר אלשוואנגער, וועלכער האט שטודירט אין דייטשלאנד. די צייטונג ערשיינט אין דער העברעאישער שריפט אויפן יידישן זשארגאן. זי ערשיינט טעגליך, חוץ שבת, און האט אן אויפלאגע פון 7000 עקז. אין דער ערשטער ליניע פארטרעט זי די יידישע אינטערעסן.

די „לעצטע נייס" באמיט זיך צו געברויכן א ריינעם יידיש, אין דעם זין, וואס זי מיידט אויס, לויט מעגליכקייט, סלאווישע אויסדריקן און זי באנוצט אויך ניט צופיל אומפאלקסטימליכע דייטשע ווערטער. זי גיט אפ א סך כוחות אויף צו האבן א רייכן אינהאלט.

אין די אריגינאל-פעלעטאנען אויף שבת ווייזט זיך ארויס א העכסט פרעמדארטיגע געשמאק-ריכטונג און אונז דוכט זיך אפט, אז איר אינהאלט האט קיין שום זין ניט.

די „לעצטע נייס" שטרעבט צו פארטיידיגן די אינטערעסן פון די יידן, באזונדערס זייערע נאציאנאלע אינטערעסן. און די צייטונג פארנעמט זיך מיט דער לאגע פון די יידן אויף דער גאנצער וועלט. אלס נאציאנאלע שפראך פון די יידן אנערקענט זי יידיש, ניט ווי די אזוי-גערופענע העברעאיסטן, וואס ווילן העברעאיש אויך אין געוויינליכן לעבן. אוועקגעקוקט פון דעם, פארטרעט זי ניט קיין שום פאליטישע פארטייריכטונג.

די צייטונג ברענגט באזונדערס א סך און גענויע ידיעות פון רוסלאנד. די פאליטישע צענזור קען זיך אין אלגעמיינעם באגרעניצן מיט ארייננעמישן זיך אין די דאזיגע ארטיקלען. ס'קומט אויך פאר דער צענזור ארייננעמישן זיך אין די אריגינעלע ארטיקלען, אבער פאר העכסטנס זעלטן. די הויפטארבעט פון דער צענזור באשטייט דא אין באהערשן דעם מאטעריאל, וואס איז אפט זייער פיל און פארשיידנארטיג".

„האָמאָן". ערשיינט זינט פעברואַר 1916 לויט דעם באַפעל פון אָבער-באַפעלסהאָבער אָסט אין צוויי אויסגאַבן, איינע אין לאַטיינישער און די צווייטע אין קירילישער שריפט. די אויפלאַגע פון ביידע אויסגאַבן באַטרעפט איצט בערך 4000 עקז.

די צייטונג ווערט רעדאַקטירט פון דעם יעפרייטער סוזעמיל, וועלכער איז צוואַנציג יאָר געווען אַן אויבער-לערער אין רוסלאַנד און באַהערשט די שפּראַך. חוץ אים, באַשטייט די רעדאַקציע פון נאָך דריי געבילדעטע ווייסרוסן.

אויף דאָס ערשיינען פון דער צייטונג ווערט געלייגט אַ באַזונדערער ווערט צוליב פּאָליטישע טעמים. ווי ס'איז צו זען פון רוסישע צייטונגס-מיינונגען איז דער „האָמאָן" שטאַרק אומבאַקוועם פאַר די רוסן, ווייל זיי זיינען מיט רעכט משער, אַז די ווייסרוסן, וואָס גילטן פאַר דייטש-פריינדליך, וועלן דורך דער צייטונג נאָך מער פאַרפרעמדט ווערן פון זיי. די צייטונג ווערט אויך געשיקט אין די לאַגערן פון די רוסישע געפאַנגענע אין דייטשלאַנד.

די ליטעראַרישע ווייסרוסישע שפּראַך געפינט זיך נאָך אין אַנטוויקלונג באַווסן, אַז די צאָל געניטע ווייסרוסישע זשורנאַליסטן איז נאָך קליין. די פאַרשפּרייטונג פון „האָמאָן" האָט נאָך שוועריגקייטן דורכדעם, וואָס ער גייט אַרויס אין צוויי שריפטן. ס'איז נאָך ניטאָ קיין אויסגעאַרבעטע ווייסרוסישע צייטונגס-שפּראַך, און די צייטונג איז דעריבער געצוואונגען צו באַנוצן די שפּראַך פון פשוטן פאָלקס-מענש, וועלכן זי האָט אויך אין דער ערשטער ליניע אין זינען. און דורכדעם איז פאַר איר נאָך שווערער צו ערפילן איר ציל—פאַרשטאַרקונג פון די סאָציאַל-און נאַציאָנאַל-זעהר געדריקטע ווייסרוסן, באַזונדערס פון זייער נאָך גאַנץ שוואַכן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין—און ניט קומען צו אַ סכסוך מיט די צענזור-פאַראָרדענונגען. דער פּאָליטישער צענזור פון דער צייטונג קומט טאַקי אויס אָפטמאָל שווער, דערהויפּט, ווען מען זאָל נעמען אין באַטראַכט, אַז די לעזער פון דער צייטונג געהערן גרעסטנטייל צו די אומגעבילדעטע, נידעריגע שיכטן פון דער ווייסרוסישער באַפעלקערונג און ס'איז נויטיג זיך רעכענען מיט דער ווירקונג, וואָס די אַרטיקלען פון דער צייטונג קענען האָבן אויף די דאָזיגע לעזער".

די ליטווישע פּרעסע. „וועגן דער ליטווישער פּרעסע קען מען זאָגן פאָלגנדעס:

א) זינט סעפּטעמבער 1917 ערשיינט אין ווילנע די צייטונג „ל י ע ט ו-ו אָ ס א י ד אַ ס", צוערשט דריי מאָל אַ וואָך. אויפלאַגע—15000 עקז. זי ווערט אַרויסגעגעבן פון אַ ליטווישן קאָנסאָרציום. פאַראַנטוואָרטליכער רעדאַקטאָר איז פּרעזידענט פון ליטווישן לאַנדעסראַט סמעטאָנאַ, די מיטאַרבעטער זיינען: דער וויצע-פּרעזידענט ד"ר שאַוליס, די מיטגלידער פון לאַנדעסראַט באַסאַנאָוויטש, קייריס, שטולגינסקיס, קלימאַס א. א. איר טענדענץ איז אַ דעמאָקראַטישע. זי אַגיטירט פאַר אַן אומאָפּהענגיגע, זעלבסטשטענדיגע, פרייע ליטע,

ב) אין נאָוועמבער 1917 איז געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע די ליטווישע וואָכנבלאַט „דאַרבאַ באַלסאַס" מיט דעם מיטגליד פון לאַנדעסראַט קייריס אַלס אַרויסגעבער. איר אויפלאַגע איז 10000 עקז. ריכטונג: ראַדיקאַל-דעמאָקראַטיש.

ג) אין דעצעמבער 1917 איז געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע די ליטווישע וואָכנבלאַט „טעווינעס סאַרגאַס". איר אַרויסגעבער איז דער מיטגליד פון לאַנדעסראַט שטולגינסקיס. איר אויפלאַגע איז 10000 עקז. ריכטונג: קריסט-ליך-סאָציאַל. די דאָזיגע צייטונג איז די רוהיגסטע און מאַכט דער צענזור וועניגער ווי אַלע שוועריגקייטן.

ד) חוץ דעם ערשיינען אין קאָוונע: 1) „דאַבאַרטיס" (געגנוואַרט), אַ רעכטע רעגירונגס-צייטונג, דריי מאָל אַ וואָך. אויפלאַגע—16000 עקז. די צייטונג ערשיינט זינט 1915. 2) „וויעניבע" (אחדות), אַ קירכליכע וואָכנבלאַט, אָרגאַן פון קאָוונער בישאָף. 3) „אַטעיטיס" (צוקונפט), קלעריקאַלע. 4) „ליעטואוואָס מאָ-קיקלאַ" (ליטע'ס שול), פעדאַגאָגישער אָרגאַן.

די לעטישע פּרעסע. די לעטישע באַפעלקערונג וואוינט דער עיקר אין צפון פון אָבּאָסט-געביט. דער אָבּאָסט האָט פאַר איר דורך דער מיטאַ-ווער פּרעסעשטעלע געגרינדעט די צייטונג „דסימטענעס סינאַס" (ידיעות פון פאַטערלאַנד). ווייטער איז דורך דער ריגער פּרעסעשטעלע געגרינדעט געוואָרן אין ריגע, וואו ס'האָבּן שוין אויך פריהער עקסיסטירט אַ ריי לעטישע צייטונגען, די „ריגאַס לאַטוועעשו אַוויזע" (ריגער לעטישע ידיעות).

די רוסישע צייטונג. אַדאַנק דעם אַריינדרינגען פון די דייטשע חילות אַלץ ווייטער קיין מזרח האָט זיך אַרויסגעשטעלט די נויטווענדיגקייט אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אויף רוסיש. דאָס איז דער „נאָווי וויעסטניק", וועל-כער ווערט באַאַרבעט און געדרוקט ביי דער „צייטונג פון דער X אַרמיי" אין ווילנע. זיין אויפלאַגע איז 7000 עקז."

ס'איז כּדאי צו באַמערקן, אַז דער „נאָווי וועסטניק" איז געווען אַ ספּעציפיש-צונויפגעשטעלטע צייטונג פאַר די רוסישע געפאַנגענע איז ס'איז געווען פאַרווערט צו פאַרשפּרייטן אים צווישן דער אָרטיגער באַפעלקערונג. בלויז צופעליג פלעגט זיך איינגעבן אַמאָל צו באַקומען אַ נומער פון זאַוואַדסקיס דרוקעריי, וואו ער האָט זיך געדרוקט.

די צוויי דייטשע צייטונגען, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין ווילנע, זיינען געווען אָפיציעלע אָרגאַנען. איינע—„צייטונג דער X אַרמיי"—אַ מיליטע-רישע און די אַנדערע—„ווילנאַער צייטונג"—אַזוי צו זאָגן אַ ציווילע. אָבער ביידע צייטונגען, דערהויפּט די צווייטע, האָבן געהאַט אַ גרויסע פאַר-שפּרייטונג צווישן דער אָרטיגער באַפעלקערונג.

די „צייטונג פון דער X אַרמיי" איז געגרינדעט געוואָרן אין נאָ-וועמבער 1915 און האָט אין אַפּריל 1918 געהאַט אַן אויפלאַגע פון 30000 עקז. מיט אַ וועכנטליכער אילוסטרירטער ביילאַגע „דער שיינווערפער". די צייטונג

איז געווען באַשטימט דער עיקר פאַר דער מיליטער און איז רעדאַקטירט געוואָרן ...ון לייטנאַנט פון רעזערוו אורבאַך. קיין אַנאָנסן פלעגט די צייטונג פּרינציפּיעל ...יס אָננעמען.

די „ווילנער צייטונג" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאַנואַר 1916. ... האָט געהאַט אַן אויפלאַגע פון 18000 עקז. מיט אַ וועכנטליכער ביילאַגע „בילדערשוי". זי איז אַגב אויך געווען דער אָפיציעלער פּובליקאַציע-אָרגאַן, דהיינו, אין איר פלעגן זיך דרוקן די אָפיציעלע באַקאַנטמאַכונגען פון די מיליטערישע באַאַמטע, פון דער פאַרוואַלטונג, פון שטאָט-הויפּטמאַן, פון פרידנס-געריכט וכדומה. די צייטונג איז געווען גאַנץ פּאָפּולער און האָט אויך געהאַט אַ סך פּריוואַטע אַנאָנסן. רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז געווען לייטנאַנט פון רעזערוו ל. וואַלענבערג. די „ווילנער צייטונג" פלעגט אַריינברייגען דער אָבאָסט-פאַרוואַלטונג אַ באַדייטנדע הכנסה.

ביידע צייטונגען האָבן זיך געדרוקט אויף ראָטאַציאָנס-מאַשינען, וועלכע זיי האָבן געפונען אין ווילנע ביי זאַוואַדסקין און קלעצקינען. די צייטונגען האָבן נאָך געהאַט אייגענע פאַרלאַגן, אין וועלכע זיי האָבן אַרויסגעלאָזן אייניגע זעהר אינטערעסאַנטע בראָשורן און ביכער פון מער ווי אַ טעגליכן ווערט.

מען דאַרף בכלל אָנערקענען, אַז די דייטשן האָבן פאַרפּולקאָמט ביי אונז די דרוק-קונסט און האָבן אַריינגעטראָגן אין דער ליטעראַטור אַ ריי ווערטפולע אַרטיקלען און ווערק וועגן אונזער לאַנד און ספּעציעל וועגן ווילנע.

אויסרעכענענדיג און כאַראַקטעריזירנדיג די צייטונגען, ברייננט נאָך די בראָשור ביי יעדער איינער פון זיי אַ מין געשיכטליכע ערקלערונג וועגן דער שפּראַך פון דער באַטרעפנדער נאַציאָנאַליטעט. די חקירות זיינען ניט אַלע מאָל ריכטיג, אָבער ווי אין דער גאַנצער בראָשור זיינען דאָ אינטערעסאַנט דערהויפּט די מיינונגען פון דער דייטשער פּרעסשטעלע אַלס דאָקומענטאַרישער מאַטעריאַל. מיר וועלן דאָ ברייגגען די „ערקלערונג" פון דער בראָשור וועגן יידיש:

„יידיש אָדער זשאַרגאָן איז לויטן תוך אַ דרום-דייטשער דיאַלעקט, וועלכן די יידן האָבן מיטגענומען ביי זייער גירוש פון דייטשלאַנד אין די לעצטע יאָרהונדערטער פון מיטל-אַלטער אין זייער נייער היים (פּוילן, ליטע, רוסלאַנד). היינט נאָך זיינען 80—90 פּראָצענט ווערטער דייטש, דער רעשט העבּרעאיש אָדער גענומען פון אַ וועלכער ניט איז אַרטיגער שפּראַך (פּויליש, רוסיש א. אז. וו.). דער בוי פון די ווערטער און די בילדונג פון זאַץ טראָגן די שטאַרקע השפּעה פון סלאַוויש. פונדעסטוועגן איז דער גערעדטער זשאַרגאָן לייכט צום פאַרשטיין פאַר די דייטשן ביי אַ געוויסער איבונג. די יידישע ליטעראַרישע שפּראַך איז נאָך ניט אינגאַנצן אייגהייטליך. אַמאָל זיינען די פרעמדע אויסדריקן גענומען אין אַ גרויסער צאָל פון די סלאַווישע שפּראַכן און אַמאָל ווערן די דאָזיגע סלאַווישע אויסדריקן פאַרביטן אויף דייטשע אָדער העבּרעאישע. אַזוי ווי יידיש איז אַ פאָלקס-שפּראַך, האָט זי אָפטמאָל ניט קיין ווערטער פאַר אַבסטראַקטע באַגריפן. זי באַנוצט זיך דעריבער דערביי אָדער

מיט מאָדערנע דייטשע-ווערטער אָדער, מיט נאָך מער חשק, מיט העברעאישע אויסדרוקן, וועלכע זיינען אויך דעם איינפאַכן פאָלקס-מענש פאַרשטענדליך פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור. קיין אלגעמיין-אָנערקענטע אָרטאָגראַפיע איז נאָך ניטאָ, די ליטעראַטור אויף יידיש איז, אלנפאלס לויט דער כמות, אויסעראָרדענטליך באַדייטנד. גערעדט ווערט יידיש פון 8—10 מיליאָן יידן".

צום סוף ברענגט די בראָשור גענויע ערקלערונגען און אָנווייזונגען וועגן דער אַנאָנסן-צענזור. דעם דאָזיגער אַרבעט האָט די פּרעסעשטעלע אָפּגעגעבן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, מחמת, ווי געזאָגט, האָבן די דייטשן געהאַלטן, אַז אַנאָנסן זיינען דער באַליבטעסטער מיטל פאַר שפּיאָנאַזש. די פּרעסעשטעלע האָט געגעבן דער צענזור באַזונדערע דירעקטיוון פון פאָרזיכטיגקייט, ווי אַ ספּעציעלע קאָרעגירונג און אַפילו איבעראַנדערשונג פון די אַנאָנסן, און האָט אויך אָנגענומען מיטלען פון אַ באַזונדערן קאָנטראָל איבער די פּערזאָנען, וואָס פלעגן געבן די אַנאָנסן. און אַפילו די אַנאָנסן, וואָס מען פלעגט צושיקן פון דייטשלאַנד, פלעגן אויך ווערן צענזורירט און אַמאָל אויך איבערגעשטעלט. אַנאָנסן, וואָס פלעגן אויסקומען פאַרדעכטיג, פלעגט מען אָפּזאָגן אָדער מען פלעגט גענוי פעסטשטעלן די פּערזאָן פון שיקער. ביים אָננעמען אַנאָנסן פון וואַרשוי און פוילן פלעגט מען תמיד פריהער אינפאָרמירן זיך וועגן די שיקער ביי דער פּאָליציי-צענטראַלע. אָרטיגע אַנאָנסן פון אָקופּירטן געביט, וואָס מען פלעגט ברענגען דירעקט אין די צייטונגען, האָבן די לעצטע געדאַרפט אָננעמען בלויז מ ו נ ד ל י ך און די צייטונג אַליין האָט שוין געדאַרפט צונויפשטעלן דעם טעקסט. דערביי האָבן די ווערטער און די ציפער ניט געטאָרט שטימען אין דער ריי. חוץ דעם, האָט מען געוויסע אַנאָנסן-געבער געדאַרפט פאַרשרייבן אין אַ באַזונדערן בוך, כדי מען זאָל זיי שטענדיג קענען אויפזוכן.

אונטערפירנדיג אַסך-הכל פון דער שווערער אַרבעט פון די פּרעסעשטעלן, דער עיקר אין דעם פילשפּראַכיגן אָבאָסט-געביט, קומט די בראָשור צום פאָלגענדן באַשלוס:

„אונזער פּאָליטיק מוז זיין די פּאָליטיק פון אָפּוואַרטן. ס'איז דורכאויס נויטיג אַן אָבסאָלוטע יושרדיגע באַהאַנדלונג פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. מען דאַרף ניט, האַנדלענדיג אין זינען די שפּעטערדיגע צייטן, אָפּגעבן די בכורה איין נאַציאָנאַליטעט לרעה פון דער אַנדערער דורך מעשים פון דער פאַרוואַלטונג אָדער אויפן פּרעסע-געביט. פונדעסטוועגן זיינען מיר געצוואונגען צו רעגירן פעסט און מיט אַן ענערגישער האַנט, אָן אונטערשייד פון אָפּשטאַמונג. אַלע אַרטיקלען מוזן קאָנטראָלירט ווערן אין דעם זין, צו שפּיגלען זיך אין זיי אָפּ וועלכע ניט איז נאַציאָנאַלע סכסוכים. מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז איינע נאַציאָנאַליטעט זאָל העצן קעגן דער אַנדערער אין דער פּרעסע. דאָס דאַרף אָפּגעהיט ווערן ניט נאָר בנוגע דער באַהאַנדלונג פון עניני דיומא, נאָר אויך בנוגע היסטאָרישע אַרטיקלען, וואָס אונזערע צייטונגען ברענגען און ביי וועלכע מען מוז אַכטונג געבן, אַז דער נאַציאָנאַלער האַס זאָל ניט אַרויס-

דרינגען, אַז ס'זאָל ניט אויפגעוועקט ווערן שנאה און ס'זאָלן ניט אַרויסגע-
רופן ווערן אומגעוואונשענע געשעהענישן. נאָר אונזער שטאַרקע האנט קען
פאַרהיטן, אַז אַזוינע גראָבע קריגערייען צווישן איינצעלנע נאַציאָנאַליטעטן
זאָלן ניט פאָרקומען. מיר מוזן אַכטונג געבן, אַז ביי קיינע שום באַדינגונגען
זאָל דורך דער פרעסע ניט געזייט ווערן קיין מחלקות. מחמת דעם מוזן פּאָ-
ליטישע אַרטיקלען, ווען אַפילו זיי טראָגן אַ היסטאָרישן כאַראַקטער, גע-
צענזורירט ווערן".

די צענזור האָט זיך טאַקי געהאַלטן אָן די אָנגערופענע פּרינציפּן. אָבער
זי האָט שוין פאַראיינס אויך בכלל ניט דורכגעלאָזן קיין שום פריי וואָרט, קיין
שום סימן פון אָפּשאַצן די פאַקטן פון דער אָקופּאַציע-צייט, וועלכע זיינען געווען
גרויזאַם און ברוטאַל. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די צוואַנגס-אַרבעט. ווען אַ
וועלכער ניט איז קריטיק פון דער אָקופּאַציע-מאַכט האָט שוין, פאַרשטייט זיך,
קיין שום רייד ניט געקענט זיין, ווי אומשולדיג אַזאַ נאָטיץ וואָלט ניט געווען
צונויפגעשטעלט. מען דאַרף, אָבער, אויך קאָנסטאַטירן, אַז אין אָט דעם גאַנצן
משך צייט זיינען קיינע שום עקסצעסן אויפן נאַציאָנאַלן באָדן, אין וועלכער
פאָרם דאָס זאָל ניט זיין, ניט דערלאָזן געוואָרן און די מאַכט האָט טאַקי באַ-
האַנדלט מער ווייניג גלייך אַלע נאַציאָנאַליטעטן. ס'איז אויך געווען אַ האַרבע,
אָבער אַ פעסטע אָרדענונג פאַר דער פּערזענליכער זיכערקייט און אויך פאַר
אַלעמען גלייך...

ס'זיינען געווען שווערע יאָרן, ווען אונזער גאַנץ לאַנד איז געווען אַ גרוי-
סער געפאַנגענען-לאַגער ביי אַ בלאָקאַדע און הונגער, ביי אַ גראַנגעל פון פעלקער
אויף לעבן און טויט. אָקופּירט און צונויפגעדריקט פון אַ פרעמדער, שטאַרקער
און צילבאַוואוסטער מאַכט, האָט אָפּט פאַרכאַפּט דער אָטעם און ס'האָט געהערשט
ביי אונז אַ שטילקייט פון אַ בית-עולם. און שטיל און רוהיג איז אויך געווען די
פרעסע. זי איז געווען אַ רעדעלע אין דער מאַשין פון דער דייטשער אָקופּאַציע
און פונקט אַזוי גוט אָרגאַניזירט ווי דער גאַנצער מעכאַניזם.

---

II.

## די מיליטער-פאַרוואַלטונג ליטע.

די מיליטער-פאַרוואַלטונג ליטע איז געווען די גרעסטע אין געביט אָבאָסט
און האָט פאַרנומען כמעט צוויי דריטל פון אים. איינשליסנדיג קאָוונער און
ווילנער גובערניע, האָט זי פאַר אונז אַ באַזונדערן אינטערעס און מיר וועלן זיך
דאָ אָפּשטעלן אויף איינינגע אָפיציעלע דייטשע ציפער וועגן איר. מיר מיינען די
בראָשור, וואָס די „ציישונג פון דער X אַרמיי" האָט אין אויגוסט 1917 אַרויס-
געגעבן מיט אינפאָרמאַציאָנס-סטאַטיסטישע דאַטן פאַר דינסט-צוועקן. דאָס איז אַ
קליין-ביכל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מיליטער-פאַרוואַלטונג ליטויען" און האָט
ניט קיין שום אַנדערע אויפשריפטן.

**די אָרגאַניזאַציע פון פאַרוואַלטונג.** דער שעף פון פאַרוואַלטונג איז געווען פירשט פאָן איזענבורג-בירשטיין, זיין שטענדיגער ממלא מקומם— ריטמייסטער מאָל.

די מיליטער-פאַרוואַלטונג האָט זיך געפונען אין ווילנע און האָט געהאַט פאָלגנדע פינף אָפּטיילונגען: 1) צענטראַלע אָפּטיילונג, 2) יורידישע אָפּטיילונג, 3) ווירטשאַפטליכע אָפּטיילונג, 4) וואַלדער-אָפּטיילונג, 5) רוי-שטאָף-און האַנדלס-אָפּטיילונג.

צו דער פאַרוואַלטונג האָבן געהערט: 2 שטאָט-קרייזן, 32 לאַנד-קרייזן, 17 מיליטער-וואַלד-אינספעקציעס, 2 אַמטן פאַר צאָל און מאָנאָפּאָל, 8 באַצירקן פאַר שול-אויפזיכט.

צו דער פאַרוואַלטונג זיינען געווען צוגעגלידערט: 4 אָפּטיילונגען פונפעלד-זשאַנדאַרמעריע און די אימפּערישע אַנטשעדיגונגס-קאָמיסיע.

די צאָל באַאַמטע איז געווען 2900, פון זיי 321 העכערע באַאַמטע; זשאַנדאַרמען איז געווען 1250; 18 ווירטשאַפטליכע גרופּעס האָבן געהאַט 4800 פּערזאָן. צוזאַמען 8950 מאַן.

1 באַאַמטער איז אויסגעקומען דורכשניטליך אויף 22 קילאָמעטער און 700 איינוואוינער.

**שטח.** דער שטח פון פאַרוואַלטונגס-געביט האָט פאַרנומען 63.275 קוואַדראַט-קילאָמעטער.

**באַפעלקערונג.** לויט דער ציילונג פון יאָר 1916 האָט די באַפעלקערונג באַטראָפן 1,939,691, אָדער אויף 1 קוואַדראַט-קילאָמעטער 30. פאַר דער מלחמה האָט אויף 1 קוואַדראַט-קילאָמעטער געוואוינט 47 פּערזאָן. דאָס באַטייט, אַז צוליב דער מלחמה האָט זיך די באַפעלקערונג פאַרקלענערט אויף אַ דריטל (מגורשים, אַנטלאָפענע, אומגעקומענע).

פון די גרעסערע שטעט האָבן געהאַט (אין קיילעכדיגע ציפער): ווילנע—139000 איינוואוינער, קאָוונע—16000, סובאַלק—14500. די נאַציאָנאַליטעטן: ליטווינער—1.258.736, פּאָליאַקן—441.226, יידן—167.536, דייטשן—27.797, רוסן—27.145, לעטן—16.431. בנוגע דער צאָל פון די פּאָליאַקן מאַכט די בראָשור אַ באַמערקונג, אַז די צאָל איז ניט גענוי און צוליב געוויסע טעמים צו הויך.

לויט דער רעליגיע איז די באַפעלקערונג באַשטאַנען פון קאַטאָליקן—1.673.460, יידן—162.378, עוואַנגעליקער—63.059, פּראַוואָסלאַווע—21.044, אַנדערע אמונות—1272.

**שולן.** פאַר דער מלחמה זיינען אין געביט געווען 550 שולן. די דייטשן האָבן פון ס'נייי אָרגאַניזירט 775 פאָלקסשולן, 15 העכערע שולן, 5 מיטעלע שולן מיט צוזאַמען 80.000 קינדער. אויסן יאָר 1918 זיינען אויסגערעכנט 900 שולן מיט אַ צאָל קינדער ביז 100,000. לויט אַ רוסישער סטאַטיסטיק פון די לעצטע

יאָרן איז אויף 5500 איינוואוינער געווען 1 שול, אין יאָר 1917 איז איין שול געווען אויף 2500 איינוואוינער.

## מעדיצינישיסאַניטאַרע פאַרזאָרגונג.

די דייטשן האָבן פון ס'נייע געשאַפן א. א. 69 שפּיטאָלן מיט 5000 בעטן; 100 איזאָלירונגס-שפּיטאָלן מיט 1997 בעטן; 1 קאַראַנטין-אַנשטאַלט פאַר 1000 פּערזאָן; 98 אַנטלויזונגס-אַנשטאַלטן פאַר 40.000 פּערזאָן טעגליך; 3 ווענערישע שפּיטאָלן פאַר פרויען מיט 1400 בעטן; 1 שול פאַר אַקושערינס מיט 25 שילערינען און 80 בעטן פאַר קראַנקע פרויען; 1 שפּיטאָל פאַר פסיכישע קראַנקע מיט 300 בעטן; 1 לימפע-אַנשטאַלט, וואָס האָט פּראָדוצירט מאָנאַטליך 60.000 פּאָרציעס פּאָקן-לימפע.

אין אַלע גרעסערע שטעדט האָבן זיך געפונען דעזינפעקציע-אַנשטאַלטן. אין די שטעטלעך און דערפער—דעזינפעקטאָרן. 2 שולן פאַר וואַרטערקעס און שוועסטער, וועלכע האָבן אין 5 קורסן אויסגעבילדעט 65 וואַרטערקעס און שוועסטער פון דער אָרטיגער באַפעלקערונג.

ווייטער, אומזיסטע מעדיצינישע וויזיטאַציעס אין אַלע קרייז-שטעדט; אין ווילנע, חוץ דעם, וויזיטאַציעס פאַר געשלעכטס-קראַנקע פרויען און באַזונדערע וויזיטאַציעס פאַר געשלעכטס-קראַנקע מענער.

אויף זומער-קאָלאָניעס זיינען פון דער שטאָט ווילנע אליין געגומען געוואָרן העכער 1000 קינדער.

די בראָשור באַמערקט, אַז ביים אָקופּירן דאָס לאַנד, איז אַזוי גוט ווי גאָרניט געווען פון די אַלע אָנגערופענע איינריכטונגען, אָדער זיי זיינען געווען בים געניגענד אָרגאַניזירט.

## דערנערונג פון דער באַפעלקערונג.

ביים אַרויסגעבן לעבנסמיטלען דער באַפעלקערונג האָט זיך די פאַרוואַלטונג געהאַלטן אָן די דערנערונגס-נאָרמען, וואָס זיינען געווען פעסטגעזעצט פון אָבערבאַפעלסהאַבער אָסט, דהיינו: אויף אַ קאָפּ אַ טאָג—225 גראַם ברויט, 50 גראַם פאַרשיידענע, 300 גראַם קאַרטאָפל. פאַר די שווערע שכאָטישע איינוואוינער—אַ הוספה פון 25 גראַם פאַרשיידענע פאַר יעדע פּערזאָן, עלטער פון 12 יאָר—125 גראַם פלייש אָדער פיש אַ וואָך.

אויף דורכצופירן אַ שטרייִנגע ראַציאָנירונג, איז געגרינדעט געוואָרן אַ גרויסע צאָל פאָלקס-און מיטלשטאַנדסקיכן. אין ווילנע זיינען געשפייזט געוואָרן אין בערך 70 פאָלקסקיכן און בערך 50 מיטלשטאַנדסקיכן כמעט 100 000 מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. ווען מען זאָל צורעכענען די פּאַציענטן פון די שפּיטאָלן און פון די איבעריגע שטאָטישע אַנשטאַלטן, ווי היימען, אינטערנאַטן און שולן, וועט זיך באַקומען, אַז פון די 139000 נפשות, וואָס ווילנע האָט געציילט, זיינען בערך 110,000, אָדער 80 פּראָצ. געשפייזט געוואָרן דורך קיכן. 1 פּאָרציע אין אַ פאָלקסקיך האָט געקאָסט ביז 15 פעניג. פאַר די, וואָס האָבן געהאַט ברויטקאַרטן פאַר אָרימע,—אַזוינע זיינען געווען אין ווילנע 20000 פּערזאָן,— 6 פעניג.

די איבעריגע הוצאות זיינען געדעקט געוואָרן פון שטאָדט, אַ קלענערער טייל — אויך פון די פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן. די שטאָדט האָט געגעבן מאָנאַטליך אויף די זופּן-קיכן 30.000 מאַרק.

דער ביוראָ פון דער שטאָט ווילנע האָט ביי דער אַלגעמיינער הוצאה פון 9 מיליאָן מאַרק פאַראויסגעזען אויף די ענינים פון סאָציאַלער און מעדיצינישער פאַרזאָרגונג 3 אַ האַלב מיליאָן מאַרק.

**אינדוסטריעלע איינריכטונגען.** אין דער אייגענער פאַרוואַלטונג פון דער ווירטשאַפט-און האַנדעלסאָפּטיילונג האָבן זיך אין ווילנע געפונען: 4 פאַבריקן אויף איבעראַרבעטן פרוכט, 1 קעז-פאַבריק (אַ האַלב מיליאָן קעז אַ חודש), 1 ביינער-מיל (טעגליך 500 קילאָגראַם טעכנישע פעטס, 1500 קילאָגר. באַמיסטיגונג, 6500 קילאָגראַם ביינער-אָפּפאַל), 6 אויטיליזירונגס-פאַבריקן, 60 זעגמילן, 46 ציגל-זאַוואָדן. חוץ דעם, פאַבריקן פון דאַך-שינדלען, תבואה-מילן, פאַבריקן פון געטריקנטע פרוכט, לאַנדווירטשאַפטליכע רעפּאַראַטור-וואַרשטאַטן, טאָרף-זאַוואָדן און אַ גאַנצע ריי אַנדערע.

**לאַנדווירטשאַפט.** דער אַלגעמיינער שטח אויף אַקער און לאָנקעס — 2.640.000 העקטאַר, אין דער אייגענער ווירטשאַפט פון דער פאַרוואַלטונג — 625.593 העקטאַר, פון דעם וואַלד, טייכן און וויסטע 297.604 העקטאַר, דער אַלגעמיינער באַאַרבעטער שטח—בערך 2.000.000 העקטאַר. די וויכטיגסטע תבואות: קאָרן—286.976 ה׳, האָפּער—180.033, גערשטן—56.473 ה׳, קאַרטאָפל—37.654 ה׳, ווייץ—29.201 ה׳, אַרבעסן—26.718 ה׳, פלאַקס—12.150 ה׳.

בהמות: פערד—253,593, רינדער—513.595, חזרים—344.472, שאָף—293.706, ציגן—17.000.

**וואַלד-ווירטשאַפט.** דער אַלגעמיינער שטח פון די מלוכה-וועלדער און פון די וועלדער, וואָס זיינען איבערגענומען געוואָרן אין דער ווירטשאַפט פון דער פאַרוואַלטונג, באַטרעפט בערך 640.000 העקטאַר. צאָל באַאַמטע: 17 אויבער-וואַלדאויפזעהער, 215 וואַלדאויפזעהער און 441 וואַלד-היטער. פּריוואַטע וועלדער—בערך 700.000 ה׳.

*

אָט דאָס זיינען די ציפער פון דער בראָשור. טרוקענע און קנאַפּע. אָבער אונטער יעדער איינער פון די דאָזיגע ציפער איז פאַרבאָרגן אַ שטיק אָקופּאַציע-געשיכטע און אונטער אַ גרויסן טייל פון זיי—אַ גאַנצער מאַרטיראָלאָג.

קודם-כל דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, אַז זעהר אַ סך פון די אויסטוען, וועגן וועלכע די ציפער דערציילן, זיינען געמאַכט געוואָרן ניט פון דער ליבע-וועגן צו דער אָרטיגער באַפעלקערונג, נאָר אויסשליסליך צוליב דער טובה פון דער דייטשער מיליטער. די אַלע מעדיציניש-סאַניטאַרע און אינדוסטריעלע איינריכטונגען זיינען אין דער ערשטער ריי געווען נויטיג, פון איין זייט—צו פאַרהיטן די מיליטער פון קראַנקהייטן און עפּידעמיעס און פון דער אַנדער זייט—

צו פראָדוצירן פאַר דער מיליטער און פאַר דייטשלאַנד די נויטיגע מאַטעריאַלן און שפּייזן, אויסזויגנדיג דערצו אַלע אָרטיגע רייכטימער.

צווייטנס, זיינען אין בראָשור ניט געבראַכט געוואָרן די ציפער וועגן די רעקוויזיציעס, קאָנפיסקאַציעס, שטייערן און עקספּלאָאַטאַציעס און ערשט אָט די דאָטן וואָלטן געקענט געבן דעם ריכטיגן הוספה-בילד צו דער אַרבעס פון דער מיליטער-פאַרוואַלטונג.

דריטנס, דאַרף אויך באַטאָנט ווערן דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון די מעטאָדן, מיט וועלכע די דייטשע אָקופּאַציע-מאַכט האָט דורכגעפירט אירע אויפטוען,—מעטאָדן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט, גראָבקייט און אומבּרחמנות'דיגקייט.

מען דאַרף, אָבער, אויך דערמאָנען, אַז די דייטשן האָבן בעת זייער אָקופּירן דאָס לאַנד דורכגעפירט, פונדעסטוועגן, אויך אַ ריי אויפטוען, וואָס זיינען געווען זעהר נוצליך און וויכטיג פאַר דער אָרטיגער באַפעלקערונג און אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע פּרינציפּיעלע און קולטורעלע באַדייטונג פאַר איר, הגם אויך דאָ האָבן די דייטשן געקענט מיינען זייטיגע אינטערעסן.

וועגן דער אַלעגמיינער באַציהונג צו די נאַציאָנאַליטעטן און וועגן דער פּרעסע איז שוין גערעדט געוואָרן אויבן.

מיר וועלן גיין ווייטער, לויט די רובּריקעס פון דער בראָשור.

פאַרוואַלטונג. דער שטח פון דער מיליטער-פאַרוואַלטונג ליטע האָט אריינגענומען די גאַנצע עטנאָגראַפישע ליטע און איינּיגע טיילן, וואָס פאַרבּרייטערן איר, וואָס האָבן, אָבער, ניט געקענט אויסגעשניטן ווערן. אויף אַזאַ אופן זיינען אין דער פאַרוואַלטונג אריין: קאָוונער גובערניע, חוץ דעם מזרח'דיגן טייל פון נאָווא-אַלעקסאַנדראָווסקער קרייז, ווילנער גובערניע (מערב'דיגע קרייזן—ווילנער, טראָקער און אַ טייל סווענציאַנער) און די גאַנצע סובאַלקער גובערניע.

די איינהייטליכע פאַרוואַלטונג פון דעם געביט האָט געגעבן די מעגליכקייט אויך פון אַ געוויסער איינהייטליכער נאַציאָנאַליטעטן-פּאָליטיק, וואָס האָט זיך אין סעפּטעמבער 1917 אויסגעדריקט אין דער גרינדונג פון ליטווישן לאַנדעסראַט, מיט וועלכן ס'איז פאַקטיש געלייגט געוואָרן דער אָנהויב צו דער ליטווישער זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס האָט שפּעטער אָנגענומען אַ מלוכה-פאָרם.

אָבער דער ליטווישער לאַנדעסראַט—איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, וועגן וועלכן מיר וועלן ריידן אַן אַנדערש מאָל ביים אַנאַליזירן אַן אַנדער דאָקומענט.

ס'איז אויך אינטערעסאַנט, אַז גראָד דער אָבּאָסט-געביט האָט געהאַט די גרעסטע דייטשע מיליטערישע פירער אַלס זיינע פאַרוואַלטער. אַזוי, למשל, איז ביז דעם 29 אווגוסט 1916 דער אָבּערבּאַפעלסהאָבער אָסט געווען דער גענעראַל פעלדמאַרשאַל פאָן—ה י נ ד ע נ ב ו ר ג, פון דעם טערמין און ווייטער—גענעראַל פעלדמאַרשאַל פּרינץ לעאָפּאָלד פון בייערן, דער שעף פון גענעראַלשטאַב ביים אָבּערבּאַפעלסהאָבער אָסט איז ביז דעם 29 אווגוסט 1916 געווען גענעראַל

לודענדאָרף און נאָכדעם—אָבערשט האָפמאַן, דער שפּעטערדיגער גענעראַל און העלד פון ברעסט־ליטאָווסק.

**שול־עניים.** ס'איז אמת, אַז די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט דאָ א סך אויפגעטאָן. די דייטשן האָבן די ערשטע פּראָקלאַמירט די רעכט פון דער מוטער־שפּראַך פאַר אַלע נאַציאָנאַליטעטן און אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע זיינען געגרינדעט געוואָרן און האָבן זיך אַנטוויקלט די שולן אויף יידיש, וועלכע זיינען שפּעטער אויסגעוואַקסן אין אַזאַ גוואַלדיגע יידישע קולטור־מאַכט. ס'איז אויך געוואַקסן דער כח פון יידיש גופא. ס'האָבן שוין ניט געהאָלפן די ווייטערדיגע פּרובן פון די דייטשן צו גערמאַניזירן די שולן. אין פּראָווינץ האָט זיך זיי דאָס נאָך איינגעגעבן, אָבער אין שטאָט האָבן זיי באַגעגנט א ווידערשטאַנד, וועלכער איז נאָר געווען מעגליך די שוואַכע כחות פון דער לערערשאַפט אין יענע האַרבע און הונגעריגע צייטן און די לערערשאַפט האָט אויך, סוף־כל־סוף, דעם שווערן קאַמף פולשטענדיג אויסגעשפּילט.

**מעדיציניש־סאַניטאַרע הילף.** אויפן מעדיציניש־סאַניטאַרן געביט האָבן אויך די דייטשן ניט ווייניג אויפגעטאָן.

א באַזונדערס וויכטיגער און לגמרי נייער אויפטו זיינען געווען די אַנטלויזונגס־אַנשטאַלטן.

מיט א מלחמה־דיסציפּלין האָבן זיי געשפּירט די סאַנירונג פון דער באַפעלקערונג. גאַנצע הויפן, דערהויפּט די שמאָלע און שמוציגע, פלעגן מיט אַמאָל, אין מיטן דער נאַכט אָדער פאַרטאָג, אויפגענומען ווערן פון מיליטערישע פּאַטרולן, זשאַנדאַרמען און פּאָליציי און פלעגן אָפּגעפירט ווערן אין לוקישקער טורמע אויף צען טעג,—מענער, ווייבער און קינדער, אָן קיין שום אויסנאַם,—און אין משך פון דער צייט פלעגן זייערע הייזער אויסגעקאַלכט ווערן, גרינטליך דעזינפעצירט ווערן דורך א גרויסער מאַשין, וואָס פלעגט געבראַכט ווערן ספּעציעל צו דעם צוועק אויף דעם געהעריגן אָרט. און אַז אַלץ פלעגט שוין זיין ריין, פלעגט מען די איינוואוינער, נאָך א פערזענליכער אויסרייניגונג פון זיי גופא און פון זייערע זאַכן אין אַן אַנטלויזונגס־באַד, אָפּלאָזן צוריק אין זייערע הייזער.

די רייניגונג אין די אַנטלויזונגס־אַנשטאַלטן איז געווען א מוז־זאַך אויך פאַר גאַנצע קאַטעגאָריעס פערזאָנען פון דער אָרימער באַפעלקערונג, פאַר וועלכע זי איז געווען פאַרבונדן מיט דער ברויט־קאַרטע און זופּ־קאַרטע. די דייטשן האָבן בכלל ניט איבעריגס האָלט געהאַט די אָרימע און שוואַכע און האָבן קעגן אייניגע גרופּעס פון זיי געפירט איינפאַך אַן אויסראָטונגס־קאַמף. די ערשטע יאָרן פון דער אָקופּאַציע האָבן זיך געהאַלטן פעסטע קלאַנגען, אַז די בעטלער און פּראָפעסיאָנעלע אָרימעלייט, ווי אויך די פּסיכיש־קראַנקע און משוגעים, וואָס די דייטשן פלעגן צונויפנעמען און אָפּשיקן אין די ספּעציעלע קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערן, פלעגט מען דאָרט גאָר פּשוט אומברענגען דורך הונגער. א ביטערן

קאמף האָבן אויך געהאט אויסצושטיין די אַרבעטסלאָזע און די אַלע פּערזאָנען אָן אַ שטענדיקער באַשעפטיקונג. די צוואַנגס-אַרבעט איז דערביי געווען אַ גוטער אויסראָטונגס-מיטל.

**ערנערונג.** די ערנערונג פון דער באַפעלקערונג האָט זיך די גאַנצע צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, חוץ דעם לעצטן יאָר, ווען די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך באַדייטענד פאַרבעסערט און ס'איז בכלל געוואָרן פרייער צו אָטעמען, געפונען אין די הענט פון די אָקופּאַנטן אַלס אַ זעהר שטריינגער מאָנאָפּאָל און איז געווען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ פּרוב צו באַקעמפן דעם הונגער, וואָס האָט אין יענע צייטן געהערשט אין זיין גאַנצער גרויזאַמקייט,—אַ פּרוב, וואָס האָט זיך שוואַך איינגעגעבן, וואָס איז, אָבער, דאָך געווען דער איינציגער מיטל ווי ניט איז צו זשיפן. די מיליטער-פאַרוואַלטונג האָט ניט דורכגעלאָזן קיין איין מאָל און פלעגט פּינקטליך אַרויסגעבן די נאָרמירטע פּאָרציעס אויף עטליכע טעג, אָבער זיי פלעגן קוים קלעקן צו דערהאַלטן די נשמה אויף עטליכע שעה. און מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען שטענדיק הונגעריקע, אויסגעשוואַכטע, מיט אָנגעפּויזטע בייכער פון די זופּן און אויסגעברענטע פון דער וויקע און מיט אויסגעדאַרטע העלזער פון די שטרוי און טרוקענע קאַשעס.

**לאַנדווירטשאַפט.** אָט אין יענע צייטן האָט זיך אָנגעהויבן דער באַגער צו ערד, וואָס גיט פּראָדוקטן. די דייטשן האָבן דאָ אַ סך מיטגעהאָלפן און געוויזן אַ גלענצענדן ביישפּיל אויף די שטאָטישע איינוואוינער. יעדע שטיקל ערד, יעדער פרייער פּלאַץ איז פון די דייטשן פלייסיג און מיט ליבע באַאַרבעט געוואָרן. אַ סך יידן האָבן זיך גענומען צו לאַנדווירטשאַפט, ערד-אַרבעט און גערטנעריי. ניט ווייניג יידישע געפאַנגענע אין די לאַגערס האָבן זיך אויך אויסגעלערנט ערד-אַרבעט. אין די געפאַנגען-לאַגערס, אָבער, האָבן די דייטשן, דערהויפּט אין פרייסן, אַרויסגעוויזן באַזונדערס גרויס אַכזריות.

*

די בראָשור דערציילט ניט וועגן נאָך אַ סך ענינים, אָבער די ציפער, וואָס זי ברענגט, זיינען גענוג אינטערעסאַנט און קענען פולקאָם דינען אַלס סימנים פאַר דעם היסטאָריקער און בעל-הזכרונות ביים פעסטשטעלן די פאַקטן און געשעהענישן.

**מ. שאַליט.**

# זכרונות

# די פּוילישע און די באָלשעוויסטישע אָקופּאַציעס פון ווילנע אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה.

(זכרונות)

## I.

עס איז געווען אַ צייט (אין הערבסט 1918), ווען די דייטשע אָקופּאַציע אינאיינעם מיט איר יסוד, מיט דער דייטשער אַרמיי, האָבן געהאַלטן ביים אויס-גיין אין ליטע. עס זיינען נאָך געווען פאַרבליבן אַ קליינינקער הייפעלע דייטשע האַלב-קאָמוניסטישע סאָלדאַטן, וועלכע פלעגן טראָגן די ביקסן מיט דעם גראָבן עק פון אויבן און וועלכע פלעגן אָפּשניידן די עפּאָלעטן ביי זייערע אָפיצירן און אָננעמען אויף זייערע זיצונגען באַשלוסן, וואָס האָבן געהאַט מער דעם ריח פון... אַנטיסעמיטיזם, ווי פון קאָמוניזם... פון דער גאַנצער דייטשער ציווילער און מיליטערישער פאַרוואַלטונג איז נאָך איבערגעבליבן אַ מין דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייער ביי דער זעהר מסופקדיגער דעמאָלטיגער ליטווישער „רעגירונג". דער דאָזיגער פאָרשטייער, ניט זייענדיג זיכער, ווער פון ביידן, די ליטווינער אָדער די פּאָליאַקן, וועלן ירשענען די מאַכט אין ליטע, האָט געשפּילט מיט די ביידע צדדים אַ צווייפאַכע שפּיל און מיט די יידן באַזונדער. דער דאָזיגער דיפּלאָמאַט האָט זיך גערופן גענעראַל צימערלע... אין ליטע איז דעמאָלט אייגנטליך קיין מלוכה-מאַכט אין סובערענעם זין פון וואָרט ניט געווען; איין מאַכט, די דייטשע, איז כמעט אַוועק און די אַנדערע מאַכט איז נאָך ניט געקומען... דעם דאָזיגן מאָמענט האָבן זיך געפּרובט אויסנוצן די ליטווישע פּאָליטיקער מיט דער טאַריבאַ בראש, כדי צו פאַרכאַפּן אין לאַנד די מאַכט, וועלכע האָט זיך געוואַלגערט אויפן גאַס...

די דייטשן אין דער פּערזאָן פון דעם אָנגערופענעם גענעראַל צימערלע מיט זיין „שטאַב" האָבן כלומרשט אונטערגעהאַלטן די ליטווינער און האָבן דער טאַריבאַ כלומרשט געוואָלט איבערגעבן די „גאַנצע מאַכט" אין ליטע; אָבער אין דערזעלביגער צייט האָבן זיי קאָקעטירט מיט דעם פּוילישן קאָמיטעט, וועלכער איז געווען אין דעם דאָזיגן מאָמענט דער צענטר פון דער אָרטיגער פּוילישער פּאָליטיק און איז געווען אַן אינטערפּאַרטעאישע קאָאַליציווע אָר-גאַניזאַציע, וועלכע האָט געפירט אַן אַקטיווע פּוילישע פּאָליטיק, שטילינקערהייט אָנפירנדיג אויך מיט זאַמלען געווער, וועלכע מען האָט געקויפט ביי די דעמאָ-ראַליזירטע דייטשע סאָלדאַטן און מיט ווערבן סאָלדאַטן פאַר דער פּוילישע אַרמיי...

מיט ליטווישע יידישע כלל-טוער האָט די דייטשע דיפּלאָמאַטיע אויך געפירט אַ פיינע פּאָליטיק: זי פלעגט זעהר זאַכט אָנטאַפּן אונזער אָריענטאַציע אָדער אונזער סימפּאַטיע און צוזאָגן אונז זי צו אונטערשטיצן. מיט איין וואָרט, די דייטשע דיפּלאָמאַטיע, וועלנדיג, אַז דער ליטווישער קאָז, וועלכער זי האָט געמוזט אַרויסלאָזן פון מויל, זאָל אַריינפאַלן צו די שוואַכסטע און אָפּהענגיגסטע צו די ליטווינער, האָט זיך געגעבן גרויס מי צו בלייבן אויף יעדן פאַל אין שלום אויך מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין ליטע. די טאַריבאַ, אָדער דער מלוכה-ראַט, וועלכן די דייטשן האָבן געגרינדעט אין ליטע, האָט באַדאַרפט

כלפי־חוץ פאָרשטעלן די כלומרשטע ליטווישע אויטאָנאָמיע. פאקטיש, אָבער, וואָס הייסט אין דער חיים, האָט די טאַריבאַ באַדאַרפט זיין אַ געהאָרכזאַמער דינער ביי דער דייטשער רעגירונג. ליטע האָט לויט דעם דייטשן פּלאַן באַדאַרפט ווערן אַ צוזאַץ־אָרט פאַר דער דייטשער אינדוסטריע און האָט באַדאַרפט אירע רוי־מאַטעריאַלן אַרויספירן קיין דייטשלאַנד. חוץ דעם האָבן די דייטשן געוואָלט מאַכן ליטע פאַר אַ לאַנד פון „אינגערער קאָלאָניזאַציע" פאַר די דייטשע קאָלאָניסטן. ביסלעכווייז האָט ליטע לויט דעם דאָזיגן פּלאַן געמוזט גערמאַניזירט ווערן און בילדן אַ נייעם פאָרפּאָסט אין מזרח אָנשטאָט מזרח־פּרייסן... אָט די אַלע מעשים תעתועים האָבן באַדאַרפט דורכגעפירט ווערן דורך די טאַריבאַ, וועלכע איז כמעט גאָרניט געווען געקליבן און איז באַשטאַנען על־פּי־רוב פון מענטשן, וואָס האָבן זיך באַנומען פריינדליך צו די דייטשן... דעריבער האָט די ערשטע טאַריבאַ ניט געהאַט קיין גוטן שם אין ליטע.

ווי, אָבער, די ליטווינער האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקלייבן אין דער טאַריבאַ, זיינען זייערע אמת'ע אָדער כלומרשטע סימפּאַטיעס צו די דייטשן, וואָס ווייטער, אַלץ בלייכער און בלייכער געוואָרן.

די גרויסע נויט און די שרעקליכע חורבונות פון ליטע ווי אויך דער וואונש אָפּצובויען אַן אומאָפּהענגיגע ליטווישע־מלוכה, האָבן געשטופּט די מיטגלידער פון דער טאַריבאַ צו אַ גאַנץ אַנדערער, צו אַ גרויסער אויפבוי־אַרבעט און צו אַן אייגענער ליטווישער פּאָליטיק, וועלכע איז זיך זעהר אָפט גאַנץ שטאַרק פאַרנאַנדערגעגאַנגען מיט דער דייטשער פּאָליטיק.

דעריבער האָט די טאַריבאַ זיך שוין צום סוף זומער 1918 אין אַ געוויסן זין איבערגעקליבן אויף בעסערע יסודות און האָט דורך וואַלן און דורך קאָאָפּטאַציע אַריינגענומען אין זיך אַ היפּשן טייל פון די בעסטע ליטווישע דעמאָקראַטן און כלל־טוער. באַלד האָט זיך אונטער דער פירונג פון באַקאַנטן ליטווישן כלל־טוער סליאַזשעוויטש געבילדעט אַ נייער מיניסטעריום, אין וועלכן דער גרעסטער רוב מיטגלידער איז באַשטאַנען פון לינקע און באַוואוסטע ליטווישע פּאָליטיקער. דער מיניסטעריום פון שליאַזשעוויטש האָט אָנגעווענדעט אַלע זיינע כוחות, כדי אויסצונוצן דעם גינסטיגן פּאָליטישן מאָמענט און אַריינכאַפּן די ניטאָפּהענגיגקייט פון ליטע, וועלכע האָט זיך אָקאָרשט אַרויסגעגליטשט פון די דייטשע הענט און איז נאָך פון קיין אַנדערן אָקופּאַנט דערווייל ניט פאַרקנעכט געוואָרן.

דער מיניסטעריום סליאַזשעוויטש, איך בין דעמאָלט אַקורצע צייט געווען זיינער אַ מיטגליד*), האָט זעהר פיל געאַרבעט און האָט אַרויסגעוויזן פיל פאַר־

*) איך בין מיט אַ טאָג 10 פריער איינגעלאַדן געוואָרן פון ה' סליאַזשעוויטשן אַריינצוטרעטן אין זיין מיניסטעריום, אַלס מיניסטער פאַר יידישע ענינים. איך האָב געשטעלט מיינע תנאים—אַלגעמיינע, ווי נאַציאָנאַל־יידישע—, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן און איך בין נאָכדעם אַריינגעטראָטן אין מיניסטעריום. אינאיינעם מיט מיר זיינען אַריין אין מיניסטעריום ש. ראָזנבוים, אַלס געהילף־מיניסטער פאַר אויסלענדיגסטע ענינים און נ. ראַכמילעוויטש, אַלס געהילף־מיניסטער פאַר האַנדל און אינדוסטריע. די אַלגעמיינע תנאים פאַרן אַריינטרעטן אין מיניסטעריום האָט אויסגעאַרבעט אַ ציוניסטישע קאָנפערענץ, וועלכע האָט זיך דעמאָלט צוליב אַנדערע טעמים צונויפגעקליבן אין ווילנע.

שטאנד, פאליטישע אנטוויקלונג און התמדה; ליידער, אבער, איז פאר איט געשאפן געווארן אזוי ווייניג ארבעט, אז עס איז געווען ניט מעגליך אין אקורצער צייט אפילו מיט די בעסטע כוחות צו שאפן עטוואס ממשותדיגעס. חוץ א רודימענטארן געזעצגעבערישן ארגאן, דער טאריבא, האבן די ליטווינער צו דער צייט קיין אנדערן מלוכה-ארגאן כמעט ניט געהאט: עס האבן געפעלט די ארגאנען פון בית-דין—געריכט; עס האבן געפעלט די פאליציי-און זיכערקייט-ארגאנען. צום סוף האט געפעלט דער עיקר כוח, אויף וועלכן מען האט זיך ביים באשאפן פון א נייער מלוכה-מאכט געמוזט אנשפארן—חייל!...

און ניט נאר די דערמאנטע ארגאנען זיינען ניט געווען אויסגעבויט, ניט נאר זיי האבן געפעלט,—עס האט נאך געפעלט פאר א היבשן טייל ארגאנען אפילו דער מ א ט ע ר י א ל, פון וועלכן מען זאל זיי קענען בויען... דאס איז שוין געווען א סך ערגער!

אין דעם לעצטן פרט זיינען די פאליאקן געשטאנען בעסער: זיי האבן געהאט א היבשע צאל מענטשן מיט בילדונג און פראקטישער געניטקייט אין געזעצגעבערישער, אדמיניסטראטיווער און געריכטליכער טועריי; דאס איז שוין געווען א גוטער מאטעריאל פארן אויסבויען. חוצדעם האבן די פאליאקן צו דער דאזיגער צייט שוין געהאלטן אין אויסבויען זייער חייל. פילסודסקיס מיליטערישע ארגאניזאציע, וועלכע איז געווען באקאנט אונטער די ראשי תיבות פ. א. וו. (פאלסקא ארגאניזאציא וואיסקאווא), האט שוין דעמאלט געהאט דערגרייכט א היבשע מדרגה.

די פאליאקן האבן אויך געווארט, ביז דער ליטווישער קעז וועט ארויס-פאלן ביי די דייטשן פון מויל; זיי האבן זיך נאטירליך געפילט שטארקער פאר די ליטווינער און דעריבער האבן זיי גאר געווארט אויף דעם פאסיגן מאמענט, כדי ארויפווארפן זיך אויף די הפקרדיגע ליטע און פארכאפן זי.

ווי די באלשעוויקעס האבן זיך ארוק געטאן פון מאסקווע אין מינסק און ווייטער, פארנעמענדיג די לענדער, פון וואנען די דייטשן האבן אפגעטראטן,— האבן די פאליאקן, ניט קוקנדיג אויף זייערע קליינע כוחות אין ליטע, געפונען, אז עס איז געקומען די צייט צו פארכאפן ווילנע, איידער די באלשעוויקעס וועלן דאס טאן...

אין ווילנע האבן שוין די באלשעוויקעס צום סוף דעצעמבער 1918 געהאט זייער פאליטישן פארפאסט: א נייע אויפגעבויטע קאמוניסטישע ארגאניזאציע און א „ראט פון ארבעטער-דעפוטאטן".

די לעצטע אינסטיטוציע האט מיט זיך פארגעשטעלט א ראט-ארגאניזאציע און האט פארנומען אויף דער וורא‏ניא גאס נומ׳ 5 א באפעסטיגטע פאזיציע אין דעם צענטר פון שטאט גאנץ נאהענט לעבן דעם בנין פון דער טאריבא... כאראקטעריסטיש איז דערביי, וואס די ליטווישע רעגירונג האט אפילו קיין פרוב ניט געמאכט ניט נאר צו ארעסטירן דעם קאמוניסטישן „ראט פון ארבע-טער-דעפוטאטן", נאר אפילו צו שטערן אים אין זיין שטרעבן צו פארכאפן די שטאטישע בעלי-בתישקייט אין זיינע הענט... נאך מער! אין די לעצטע דעצעמ-בער-טעג פלעגן די קאמוניסטן אלע טאג ארומגיין מיט מאניפעסטאציעס איבער

די גרויסע ווילנער גאסן; דערביי פלעגן עטליכע הונדערט קאמוניסטישע יונגע לייט מיט רויטע פאנען, אויף וועלכע עס האבן זיך געזען עקסטרעמע קאמוניס-טישע שווארצע אויפשריפטן, פאמעלאך ארומגיין איבער די גאסן און אויסשרייען פארשיידענע ראדיקאלע לאזונגען, ווי—„פאר דער בורזשואזיע—דער טויט!" „לעבן זאל דער קאמוניזם!" „לעבן זאל דער פאראייניגטער פראלעטאריאט" און אזוי ווייטער. פאר דעם בנין פון דער טאריבא פלעגט זיך דער גאנצער המון אפשטעלן און פלעגט שרייען אין איין קול: „טאריבא אראפ!" די טאלעראנץ אדער בעסער געזאגט די שוואכקייט פון דער ליטווישער רעגירונג איז געווען אזוי גרויס, אז אפילו ביי די דאזיגע דעמאנסטראציע האט אויך קיינער ניט געשטערט...

ס'איז קיין וואונדער ניט דעריבער, אז אויף אזא אופן איז די לאגע פון דער ליטווישער רעגירונג אין ווילנע געווארן פון טאג ערגער: פארקערט—די לאגע פון די קאמוניסטן איז געווארן, וואס ווייטער, אלץ פעסטער.

דעריבער האבן די פאליאקן, זעהענדיג, ווי ווילנע פאלט אריין, צוליב דער שוואכקייט פון די ליטווינער, אין די באלשעוויסטישע הענט, קיין ברירה ניט געהאט און האבן זייערע קליינע כוחות אנגעשטרענגט, כדי ארויסרייסן די שטאט פון די באלשעוויקעס.

די פאליאקן האבן אין דער צייט אויך געהאט אין ווילנע זייער „באַ-פעסטיגטע פאזיציע". דאס איז געווען הויז גאנעסטי אויף זארעטשיע, וואו זיי האבן געקליבן כלי זיין, וואו זיי האבן געמושטירט זייערע רעקרוטן, וועלכע זיי האבן אין דער צווייטער העלפט דעצעמבער א סך אנגעווארבן פאר דער פוילישער ארמיע. דער עיקר-קאנטינגענט אין ווילנע איז באשטאנען דעמאלט פון גאנץ יונגע בחורימלאך, פון עלטערע שילער פון די ווילנער פוילישע שולן.

דאס אלץ איז פארגעקומען גאנץ אפן, אין מיטן העלן טאג...

די באלשעוויקעס האבן זיך דערווייל אלץ נענטער צוגערוקט צו ווילנע; זייער קאמוניסטישער פארפאסט אין ווילנע איז מחמת דעם געווארן, וואס ווייטער, אלץ פרייער און עזותדיגער...

די ליטווישע רעגירונג אין ווילנע האט באשלאסן אין דער צווייטער העלפט דעצעמבער צו מאביליזירן א פאר ראטעס חייל, כדי צו „שיצן ווילנע" אנטקעגן די באלשעוויקעס.

נאטירליך האבן די ליטווינער ניט געקענט האבן קיין האפענונג צו פאר-טרייבן אדער אפילו איינצוהאלטן א געוויסע צייט די באלשעוויקעס; זייער חייל האט באדארפט האבן מער א מאראלישע אדער א דעמאנסטראטיווע באדייטונג; עס האט באדארפט הייסן, אז די ליטווינער האבן ניט געלאזן פארנעמען ווילנע אן א ווידערשטאנד, אז „זיי האבן פארגאסן זייער בלוט פאר ווילנע"...

דערביי האט די ליטווישע רעגירונג געמאכט אלע הכנות צו פארלאזן ווילנע און זי האט באשלאסן באלד אריבערצופארן קיין קאונע. איך האב דאן דערקלערט, אז איך קען ביי מיר ניט פועלן צו פארלאזן מיין שטאט אין א סכנה; דעריבער האב איך זיך אנגעגעבן אין דעמיסיע...

## II.

ארויסגייענדיג נאָך מיין אָפיציעלער דעמיסיע פון דעם טאריבא-בנין, וואו איך האָב צום לעצטן מאָל זיך באַטייליגט אלס מיניסטער אין דער זיצונג, אויפן גאַס ארום 8 אזייגער פון אָוונט דעם 31 דעצעמבער 1918, האָב איך מיט באַוואונדערונג באַמערקט אויפן גאַס עטליכע צענדליג קאַוואַלעריסטן, וועלכע האָבן זיך רייטנדיג געוואָרפן פון איין זייט גאַס אויף דער אנדערער, שרייענדיג הויך אויף פויליש: א היים! א היים! אויף גיך! שליסט די בראָמען, גיך!" באַלד האָט זיך דערהערט א שיסעריי און דער דערשראָקענער עולם, וואָס האָט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס איז דאָ אזוינס פאָרגעקומען, האָט זיך א וואָרף געטאָן א היים...

קודם-כל האָבן זיי ארומגערינגלט פון אַלע זייטן דעם אויבן דערמאָנטן בנין נר' 5 אויף וראָניע-גאַס, וואו עס האָט זיך געפונען די קאָמוניסטישע ציטאדל: דער ראַט פון ארבעטער-דעפוטאַטן, דער צ. ק. פון דער ווילנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און די איבעריגע קאָמוניסטישע, ווי אויך אייניגע אלגעמיין-פּראָלעטארישע אָרגאַניזאַציעס.

עס זיינען גראָד דעמאָלט דאָרטן פאָרגעקומען פאַרשיידענע זיצונגען און אין דעם בנין בכלל, באַזונדערס אָבער אין דעם גרויסן זאַל, איז געווען פאַרזאַמלט א היפּשער עולם.

די קאָמוניסטן האָבן געהאַט כלי-זיין לרוב און האָבן באַלד אָנגעהויבן צו פייערן אויף די פּאָליאַקן פון ביקסן, קוילנוואַרפערס וכדומה. די ביידע-זייטיגע שיסעריי האָט געדויערט די גאַנצע נאַכט פון 31 דעצעמבער און כמעט דעם גאַנצן טאָג פון ערשטן יאַנואַר 1919.

די קאָמוניסטן האָבן זיך פאַרטיידיגט מיט גרויס גבורה. א באַזונדערע גבורה האָבן ארויסגעוויזן די יונגע קאָמוניסטישע פירער מיט דעם יונגן שימע-לעוויטשן בראש. זעענדיג, אַז מען קען זיך ווייטער ניט האַלטן, האָבן זיי דער-קלערט דעם עולם, אַז מען מוז זיך אונטערגעבן די פּאָליאַקן, אָבער זיי, די פאַרשטייער, ווילן בעסער שטאַרבן, איידער אונטערגעבן זיך. דאַן האָבן זיי זיך אַלע פינף מענטשן, אייגער נאָך דעם אַנדערן, דערשאָסן. די איבעריגע האָבן זיך אונטערגעגעבן און מען האָט זיי באַלד אָפּגעפירט אין תפיסה.

די טויטע קאָמוניסטישע פירער זיינען דערווייל געבליבן ליגן אין דעם חדר פון קעלער (סוטערען), וואו זיי האָבן זיך דערשאָסן...

דעם נייעם יאָר 1919 האָבן די ווילנער תושבים צום ערשטן מאָל דערזען די פּוילישע ארמיי בייטאָג. זי האָט ניט געמאַכט קיין סאָלידען רושם, באַזונ-דערס נאָך דער אָקאַרשט-אַוועקגעגאַנגענער דייטשער ארמיי. די פּוילישע סאָל-דאַטן זיינען על-פּי-רוב באַשטאַנען פון אונטערגעוואַקסענע יינגלאַך. דאָס זיינען געווען, ווי שוין אויבן דערמאָנט, שילער פון די העכערע קלאַסן פון ווילנער פּוילישע שולן. דער רוב האָט געטראָגן ציווילע קליידער. די כלי-זיין זיינען אויך געווען פאַרשיידענע. אין זאַך האָט זיי פאַראייניגט, הגם ניט פאַרשענערט, דאָס איז געווען — די שנאה צו יידן!...

מערקווירדיגן פאר דער גאנצער צייט פון דער דייטשער אקופאציע האבן
יידן זיך ניט נוקם געווען אן די פאליאקן, נאר זיי האבן זיך אפילו מער אדער
ווייניקער פריינדליך באנומען צו זיי; די פאליאקן האבן קיין באזונדערן יסוד
ניט געהאט ארויסצואווארפן זיך מיט שנאה אויף יידן, און—דאך האבן די פוי-
לישע סאלדאטן געברענט און געפלאקערט פון שנאה צו יידן!...

כמעט אין דעם גאנצן משך פון דער דייטשער אקופאציע, בערך דריי יאר, האבן
קיין עקסצעסן קעגן יידן ניט געקענט פארקומען. ביי די דייטשן האט מען געפילט, אזוי
ווי שפעטער ביי די באלשעוויקעס, אז אזא זאך וועט ביי זיי ניט אנגיין, אז זיי וועלן
דאס פשוט ניט דערלאזן און דעריבער האט מען זיך געמוזט... איינהאלטן.

צוליב דעם האט זיך באלד, ווי די פוילישע „לעגיאנערן" זיינען אריין
אין ווילנע, געשאפן אין שטאט אן אטמאספערע פון פאגראם; עס איז צום
פאגראם דעם מאל אייגנטליך ניט דערגאנגען, אבער עס האט זיך געפילט, אז
דער ייד, זיין לעבן, זיין האב און גוטס איז געווארן מער אדער ווייניגער הפקר.
דער באנעמען פון די פוילישע סאלדאטן צו די ווילנער יידן איז געווען זעהר
א פיינדזעליגער און א רשעות'דיגער. דער פאגראם איז געהאנגען אין דער לופטן...

אמת, מען מוז מודה זיין, אז פון דעם ערשטן טאג אן איז אין די גאסן
געווען אויסגעהאנגען א מודעה פון דעם פוילישן קאמענדאנט, אין וועלכער ער
האט מתרה געווען, אז פאר פאגראמירן וועט מען באקומען די שווערסטע שטראף
און אפילו טויט-שטראף אויך. די מודעה האט, אבער, ווי אלע מודעות פון דעם
מין, די פאליאקן ניט דערשראקן און די יידן ניט באזונדערס בארוהיגט. מען האט פשוט
געוואוסט, אז דאס זיינען בלויז דבורים... איך וויל דערמיט ניט זאגן, אז די
געבילדעטע „פויליש-געזעלשאפט" און די פוילישע אפיצירן האבן געוואלט דעם
פאגראם, ניין דא, ווי אומעטום, האבן די געבילדעטע פאליאקן פארשטאנען,
אז א פאגראם אויף יידן וועט זיי אין אויסלאנד שטארק שאדן, און—אז זייער
שטרעבן צו באשאפן א „גרויסע פוילן" קען דעריבער אפגעהאלטן ווערן.
אבער, צום אומגליק, איז זייער השפעה אויף דעם המון און באזונדערס
אויף די סאלדאטן געווען א צו קליינינקע, אז די זאל קענען זיי צוריקהאלטן
פון פאגראם.

צולאנג און צו טיף האבן די אלערליי נאציאנאלע פאנאטיקער מיט די
ענדעקן בראש פארגיפטעט די נשמה פון דעם דאזיגן המון מיט דעם ווילדן
אנטיסעמיטיזם, אז זיי זאלן זיין ביכולת איינצולעשן ווען זיי ווילן דעם פאר-
נאנדערגעפלאקערטן פייער פון שנאה צו יידן...

ווייטער איז די דעמאלטיגע קורצע פוילישע ממשלה אין ליטע געגאנגען
לויט דעם געוויינלעכן שאבלאן; ערשטנס, איז דערקלערט געווארן באלאגערונגס-
צושטאנד און פון 9 אוונט ביז 6 פרי האט מען אן א באזונדערן שיין ניט גע-
טארט ארויסגיין אויפן גאס; צווייטנס, האט מען דעם עולם מודיע געווען, אז
מען מוז אלע כלי-זיין אין משך פון עטליכע טעג אפגעבן אין דער קאמענדאנ-
טור; דריטנס, האט מען געמאכט זוכונגען אין פריוואטע דירות און גאר ביי

יידן, מען האָט געזוכט בלומרשט פּלי-זיין און מען האָט דערביי ניט וועלן געפֿינען אַלץ, וואָס איז שלעכט געלעגן און אַ היבשן טייל אַפֿילו פֿון דעם, וואָס איז גוט געלעגן... פֿערטנס, האָט מען אַרויסגעלאָזן אַ ספּעציעל-מיליטערישן באַפֿעל, וואו מען האָט די „יונגע" פּוילישע אַרמיע אויסגעהויבן אין הימל אַריין*).

עס זיינען קוים אַריבער פֿינף טעג, זייט די פּאָליאַקן האָבן פֿאַרנומען ווילנע, ווי דער פֿאָדערשטער טייל פֿון דעם באָלשעוויסטישן חיל האָט זיך גיך צוגערוקט צו ווילנע, האָט צוקלאַפּט די פּאָליאַקן און אין דער-נאַכט פֿון 5 און 6 יאַנואַר נאָך אַ קורצן געשלעג צפֿון-מזרחדיג פֿון ווילנע פֿאַרנומען די שטאָט.

דעם זעקסטן יאַנואַר אין דערפֿרי האָט מיר מיין פּוילישע קעכין, יאַדוויגאַ, מיט טרערן אין די אויגן אָנגעזאָגט די בשורה: „שוין פֿול די שטאָט מיט די באָלשעוויקעס!"...

די באָלשעוויקעס זיינען געווען אַפֿילו פֿאַר ווינטער זעהר גוט אָנגעטאָן און עקיפּירט. אין די אויגן האָט זיך געוואָרפֿן דער געזונטער און קרעפֿטיגער אויסזען פֿון די סאָלדאַטן; דאָס זיינען געווען על-פּי רוב איינוואוינער פֿון אַר-כאַנגעלסקער און וואָלאָגדער גובערניע. דער גרעסטער טייל האָט געטראָגן רויטע אָדער רויטליך-ברוינע קאָקאַרדעס אָדער צייכנס; אָן אָפֿיצער אונטערשיידן פֿון אַ סאָלדאַט איז געווען זעהר שווער.

צו דער אָרטיגער באַפֿעלקערונג האָבן זיך די באָלשעוויקעס בכלל באַנו-מען ניט שלעכט.

ס'איז אינטערעסאַנט אויפֿצוווייזן אויף די פֿאַרענדערונג אין דער פֿאַרהאַל-טעניש צו יידן מצד די רוסישע סאָלדאַטן, וועלכע איז פֿאָרגעקומען פֿאַר די לעצטע פּאָר יאָר. בעת אַז פֿאַר די רוסישע צאַרישע סאָלדאַטן האָט איטליכער ייד אין דעם ערשטן יאָר פֿון דער מלחמה ביים באַגעגענען זיך מיט זיי געמוזט מורא האָבן, מען זאָל אים ניט אָנטאָן קיין רשעות, — האָבן זיך יידן פֿאַר דער רויטער אַרמיע געפֿילט גאַנץ זיכער און רוהיג. די אַטמאָספֿערע פֿון פּאָגראָם, וועלכע האָט געהערשט אין דער סביבה פֿון דער צאַרישער אַרמיע אין דער צווייטער העלפֿט פֿון דעם ערשטן יאָר וועלט-מלחמה, איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ביי דער רויטער אַרמיע און איז איר געוואָרן פֿרעמד.

עס וואָלט, אָבער, געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז די רויטע אַרמיע איז געווען גאָר פֿריי פֿון אַנטיסעמיטיזם.

*) עס לאָזט זיך ניט זאָגן מיט געוויסקייט, אַז אויב די באָלשעוויקעס וואָלטן ניט פֿאַר-נומען ווילנע, וואָלט פֿאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אין ווילנע. עס איז זעהר מעגליך, אַז דער פּוילישער ציווילער און מיליטערישער מאַכט וואָלט זיך אפשר איינגעגעבן איינצוהאַלטן זייערע סאָלדאַטן. מען טאָר, אָבער, ניט פֿאַרגעסן, אַז דער עיקר ראָלע ביי אַ פּאָגראָם שפּילט דער פֿאַרווילדערטער און צוגושעוועטער המון, וועלכער שלעפּט אַריין נאָכדעם די סאָלדאַטן אויך. עס האָבן, למשל, די פּוילישע מאַכט, די פּוילישע אָפֿיצירן און געוויס אַ גרויסער טייל פֿון דער פּוילישער אינטעליגענץ אין לעמבערג בשום אופֿן ניט געוואָלט קיין פּאָגראָם און—דאָך איז ער פֿאָרגעקומען; אין ווילנע האָבן יידן אויך דעריבער מורא געהאַט, אַז דער געררייצטער און געהעצטער המון זאָל זיך ניט אַרויסדרייען פֿון דער השפּעה פֿון די קולטורעלע עלעמענטן און זאָל ניט מאַכן אַ פּאָגראָם, צו וועלכן ער איז געווען מסוגל. בכלל איז די מורא פֿאַרן פּאָגראָם ערגער, איידער דער פּאָגראָם אַליין און, ווי געוויינליך, האָט דער פּחד גרויסע אויגן.

דער אנטיסעמיטיזם איז א געפיל, וועלכער דרינגט טיף אריין אין די פסיכיק פון מענשן און וועלכער ווערט, איבערגייענדיג פון איין דור צום אנדערן, אין משך פון פיליארהונדערטער א געוואוינהייט אזא טיפע און אזא איינגעגעסענע, אז עס איז נויטיג א קולטורעלע ארבעט פון הונדערטער יארן אויף א פלאנמעסיגע שטענדיגע מלחמה קעגן דעם אנטיסעמיטיזם, כדי פטור צו ווערן אינגאנצן פון דער דאזיגער געוואוינהייט. אין דער רויטער ארמיע, לכל-הפחות אין זייער א גרויסן טייל אירן, האט נאך געטליעט, ווי פייער אונטער אש, געוויס דער אנ-טיסעמיטיזם, וועלכער פלעגט זיך ניט זעלטן ארויסווייזן אין שלעכטע אדער קינדיש-נאאיווע ווערטער; אבער דאס, וואס פון אויבן האט זיך דער פייער אין אזא קורצער צייט באדעקט מיט אזא גראבער שיכט פון אש, ווייזט אויף געוויס אויף די וויכטיגקייט פון דעם פאקט, וואס מיט דער באלשעוויסטישער איבער-קערעניש האט די אפענע עזות'דיגע און חוצפה'דיגע אנטיסעמיטישע אגיטאציע מיט איין קלאפ אויפגעהערט.

## III.

מיט דער רויטער ארמיע האט זיך ארייגעריסן אין ווילנע גאר א נייער און א ניט באקאנטער ווינטל. ס'האט זיך אין ליטע באוויזן אן ארמיע, וועלכע איז געווען ארגאניזירט, באוואפנט און אויסגעמושטירט מער אדער ווייניגער, ווי אלע אייראפעאישע ארמיעס; איר כוח, אבער, איז באשטאנען ניט גאר אין דעם גראבן פיזישן כוח, נאר אויך אין דעם איבערצייגונגס-כוח אדער אין דעם איינ-ריידונגס-כוח. די דאזיגע ארמיע האט געפירט ניט נאר ביי זיך אין דער היים, נאר אויך אין אויסלאנד, וואו זי האט נאר געקענט, א גרויסע אגיטאציע פאר דעם סאציאליזם בכלל און פאר דער ראטן-מאכט און דיקטאטור פון פראלעטאריאט בפרט.

די רויטע ארמיע, לויט איר אידייע לכל-הפחות, האט באדארפט איינגעמען לענדער ניט כדי צו פארקנעכטן זיי, נאר כדי צו באגליקן זיי מיט דערזעל-ביגער מלוכה-ארגאניזאציע, וועלכע איז געווען איינגעפירט אין ראטן-רוסלאנד. איר פיזישן כוח האט זי באדארפט צולייגן נאר דערצו, כדי צו העלפן דעם מיעוט פארכאפן די דיקטאטור איבער דעם רוב אדער דארטן, וואו די איבעררייד-ונג... האט ניט געהאלפן... די רויטע ארמיע האט באדארפט ווערן א מין איבערגאנג-ארמיע פון דער ארמיע פון דער אלטער וועלט, וועלכע פלעגט זיך אנשפארן נאר אן דעם גראבן פיזישן כוח, צו דער ארמיע פון דער נייער וועלט, וואס מוז זיך אנשפארן אן דעם שכל און דעם יושר.

מנצח זיין די קעגנערישע ארמיע דורך איבערריידעניש—דאס איז געווען דער נייער ווארט, וועלכן די רויטע ארמיע האט געזאגט. ביי אזא סיסטעם פון פירן מלחמה האבן די פעסטונגען און די גרעניצן געשפילט שוין ניט די ראליע, ווי פריהער...

צום ערשטן מאל האט זיך אין דער מלחמה דער ארגאניזירטער קאמף פון אידייען אריינגעמישט אין דעם קאמף פון כלי-זיין און האט אים פארפלאנטערט.

מיט דעם פארנעמען די שטאט פון די באלשעוויקעס האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה פון מיטינגען, קאנצערט-מיטינגען, גרויסארטיגע גאסן-דעמאנסטרא-

ציעס מיט רויטע פאנעס, מיטן זינגען און שפילן פון רעוואָליוציאָנערע לידער. אונטער די קלאַנגען פון דער מאַרסעליעזע און פון דעם אינטערנאַציאָנאַל זייַנען די באָלשעוויקעס אַריין אין ווילנע און די ביידע לידער האָבן ניט אויפגעהערט צו קלינגען פאַר דער גאַנצער צייט פון זייער זיין אין ווילנע. די טעאַטראַלישע עפעקטן בכלל האָבן ביי די באָלשעוויקעס, באוואוסטזיניג אָדער ניט באוואוסטזיניג, געשפּילט אַ גרויסע ראָליע; זיי שאַפן די שטימונג און האָבן אויף דעם המון אַ סך אַ גרעסערע השפּעה איידער די איינרעדונג.

אין ווילנע האָט די באָלשעוויסטישע אַגיטאַציע שוין פון די ערשטע טעג אָן געהאַט פיל גליק; דער באָלשעוויזם האָט שטאַרק אויסגענומען ביי אַ טייל אַרבעטער, הגם חייט ניט ביי אַלעמען, און ביי דער יוגנט בכלל, באַזונדערס ביי דער יידישער יוגנט. וואָס איז שייך די יידן בכלל, מוז מען מוסיף זיין, אַז צווישן זיי, ווי מען האָט דאָס אַנדערש ניט געקענט דערוואַרטן, זייַנען עכטע קאָמוניסטן געווען זעהר ניט פיל; דערפאַר, אָבער, האָבן זיך צווישן זיי געפונען אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן זיך שטאַרק מטריח געווען כדי מען זאָל זיי האַלטן פאַר קאָמוניסטן... די אַרבעטסלאָזיגקייט באַזונדערס פון דער יידישער מאַסע איז געווען שוין צו דער צייט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען ווילנע, אומגעהויער גרויס. דער האַנדל אין ווילנע, איז צוליב דער איזאָלירטקייט פון דער דרויסענדיגער וועלט, דעם דוחק אין טראַנספּאָרט-מיטלען און דעם קליינעם סכום סחורה, געווען כמעט אינגאַנצן פאַראַליזירט. די שלאַף-אַנטוויקעלטע אינדוסטריע איז צו דער דאָזיגער צייט כמעט אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען, דער האַנטווערק האָט, מחמת פעלן פון רוי-מאַטעריאַלן און פון נאָכפרעג, אפילו די קנאַפּע סחורה, וואָס ער האָט פּראָדוצירט, ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן.

דערצו, אלס צוגאָב, האָט זיך מיט דעם אַריינגיין פון די באָלשעוויקעס אָנגעהויבן אַ שרעקליכער ניט דערהערטער יקרות; אלע מקחים פון סחורות בכלל און פון די נויטיגסטע אַרטיקלען בפרט — האָבן גענומען וואַקסן, ווי אויף הייוון. אַזוי, למשל, איז ברויט, וואָס האָט גאָר ניט לאַנג צו דער צייט, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַוועקצוגיין, געהאַלטן 50 - 60 קאָפּיקעס אַ פונט, מיט אַ מאָל אין עטליכע טעג אַרום געוואָרן 8—10 און צוועלף רובל אַ פונט. דער מקח פון פלייש איז געוואָרן מער, ווי צען מאָל טייערער, האָט געהאַלטן אין שטייגן און דעם אַרטיקל בכלל איז געווען שווער צו קריגן; אַזוי זייַנען געשטיגן מער אָדער ווייניגער אלע סחורות; ליטע איז מיט אַמאָל אָפּגעריסן געוואָרן פון מערב און איז פאַראייניגט געוואָרן מיט דעם הונגעריגן מזרח. די סכנה פון הונגער-טויט האָט אָנגעהויבן שוועבן איבער ליטע.

דעריבער האָבן זיך אלע אויפן גענעמען אָנגעטאָן צו די באָלשעוויקעס פאַרנעמען שטעלעס. ביי די באָלשעוויקעס האָבן גענומען וואַקסן אינסטיטוציעס, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. אַ סך אינסטיטוציעס זייַנען געווען לגמרי איבעריגע, הייטער אַ סך האָבן געקענט אויסקומען מיט אַ פינפטחלק אָדער אַ צענטחלק פון זייערע אָנגעשטעלטע און אַרבעטער.

געלט און אפילו צארישע געלט איז ביי די באָלשעוויקעס געווען לרוב און זיי האָבן ניט געקאָרגט קיין געלט... פאר די באָלשעוויקעס איז דאָס געווען איינער פון די בעסטע מיטלען צוצוציען צו זיך די אָרטיגע באפעלקערונג, די אינטעליגענץ און דעם גרעסטן טייל אָרבעטער און אויף אזא אויפן דערגרייכן זייערע באזונדערע פאָליטישע צילן.

א סך טויזנטער אָרבעטסלאָזע יונגע לייט, מאנסביל און פרויען, וואָס האָבן ניט געהאט, וואו אהינצוטאָן זיך, באזונדערס יידן, האָבן זיך א שאָט געטאָן אויף די באָלשעוויסטישע שטעלעס. א גרויסער טייל האָט אָפן געזאָגט, אז זיי זיינען ניט קיין באָלשעוויקעס; דער איבעריגער טייל איז געווען על פי רוב געמאכטע באָלשעוויקעס. דער הונגער און די אָרבעטסלאָזיגקייט האָבן זיי גענייט פארדעקן זייער שטארק „בורזשואזן" פרצוף מיט א רויטער מאסקע... די באָלשעוויקעס האָבן געטיילט זייערע אָנגעשטעלטע, ווי די גאנצע באפעלקערונג, אין „חברים", „מיטפילענדיגע" און „אומפארטעאישע". די ערשטע קאטעגאָריע איז אפילו געווען די קלענסטע, אָבער די „דיקטאטור" פון דעם מעוט האָט געוואָלפן אויסגלייכן די גוואלטיגע דיפערענץ...

דער ווייטיגער פועל יוצא דערפון איז געווען דער, וואָס אין דער שטאָטישער פארוואלטונג, אין די שולן, אין די אינסטיטוציעס פון סאָציאלער פארזאָרגונג וכדומה האָט זיך געשאפן א קאָלאָסאלע מאסע אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן זיך שוין נאָכדעם, אָרגאניזירענדיג זיך אין פראָפעסיאָנעלע פאראיינען, ניט געוואָלט לאָזן פארקירצן און זיינען געבליבן הייננגען אויך שפעטער אויף די שלאפע פלייצעס פון דער שטאָטישער פארוואלטונג, ווי א שווערע משא, וועלכע זי איז ניט געווען ביכולת צו טראָגן. דאָס איז געווען איינע פון די עיקר סיבות, וועלכע האָבן געבראַכט שפעטער פאר דער פוילישער ממשלה דעם פינאנציעלן מצב פון ווילנע צו א קאטאסטראָפע.

נאָך דעם אויבן געזאָגטן איז קלאָר, פארוואָס אזא סך יידן האָבן אָנגענומען שטעלעס ביי די באָלשעוויקעס, פארוואָס זיי האָבן שפעטער געמוזט אזוי פיל אויסשטיין: די גרויסע נויט פון איין זייט און די גרינגקייט צו באקומען באצאָלטע אָרבעט ביי די באָלשעוויקעס פון דער אנדער זייט האָבן גורם געווען, אז א גרויסער טייל פון דער ווילנער יידישער באפעלקערונג האָט זיך גערן געשטעלט אין דעם באָלשעוויסטישן דינסט.

עס וואָלט, אָבער, געווען א גרויסער טעות צו מיינען, אז נאָר יידן האָבן פארנומען שטעלעס: די פאָליאקן האָבן פארנומען אפשר ניט ווייניגער שטעלעס, נאָר ביי זיי איז דאָס געווען אָרגאניזירט, ווי געווייגלאך פון באהאלטענע מענטשן, וועלכע האָבן פארפאָלגט ספעציעלע נאציאָנאלע צילן; אזוי, למשל, איז די גאנצע אָפטיילונג פון ערד און ערד-אָרבעט, אזוי ווי די אָפטיילונג פון יוסטיץ פארכאפט געוואָרן כמעט נאָר פון פאָליאקן, וועלכע האָבן דאָרטן געטאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט. בראש פון דער גאנצער אגראַר-זאך איז געשטאנען א פוילישער שווארצמאה'דיגער גראף...

אַ גרויסן טייל שטאָטישער ווירטשאַפט האָבן זיי אויך שטילינקערהייט פאַרנומען און קיינעם איז גאָר אין זינען ניט אַריינגעפאַלן נאָכדעם זיי דאָס אויסצואוואַרפן!...

די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען אויף זיך דעם אויסהאַלטן פון כמעט אַלע מוסדות פון סאָציאַלע פאַרזאָרגונג און דערמיט האָבן זיי אַרויסגעראַטעוועט פון אַ סכנות'דיגע לאַגע דעם רוב פון די דאָזיגע מוסדות, וואָס זיינען געלעגן אַ טייל אויף דער אָרטיגער זעלבסטפאַרוואַלטונג, אַ טייל באַזונדערס יידישע, אויף פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און חברות, וועלכע האָבן קיין מיטלען ניט געהאַט זייערע מוסדות ווייטער צו פירן און אויסצוהאַלטן. אויך די ווילנער יידישע קהילה האָט דורכדעם באַקומען די מעגליכקייט אויסצוהאַלטן אַלע אירע צדקה-אַנשטאַלטן. די באָלשעוויקעס האָבן אפילו די קהילה ווי געוויינלאַך ניט אָנערקענט, אָבער, צומאַכן זי האָבן זיי אויך ניט געוואָלט.

ווייטער האָבן די באָלשעוויקעס אויסגעהאַלטן אַלע וועלטליכע שולן. פאַר-שטייט זיך, אַז זיי האָבן דערביי פון חנוך אויסגעשלאָסן אַלץ, וואָס קען גאָר האָבן די קלענסטע שייכות צו נאַציאָנאַליזם...

כמעט די גאַנצע בעלי-בתישקייט פון דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג איז ביי די באָלשעוויקעס באַשטאַנען פון ר י י נ ע  ה ו צ א ו ת; הכנסות אין פאָרם פון כל-המינים שטייער, פון שטאָטישן באַוועגליכן און ניט באַוועגליכן אייגנס, חוץ די שטאָטישע אונטערנעמונגען, ווי עלעקטריע, וואַסערלייטונג, א. אז. וו.,—האָבן די באָלשעוויקעס ניט געהאַט. אַזאַ בעלי-בתישקייט האָט זיך געקענט האַלטן נאָר ביי דעם תנאי, אַז די באָלשעוויסטישע מאַכט זאָל פון איר קעשענע דערלייגן די קאָלאָסאַלע סומע געלט, וועלכע איז געווען נויטיג דערצו.

די באָלשעוויקעס האָבן דערלייגט די דאָזיגע גרויסע געלט כלומרשט פון זייער אייגענער קעשענע; אין דער אמת'ן, אָבער, איז די געלט געגאַנגען פון אַלערליי רעקוויזיציעס, וועלכע־שען פלעגט מאַכן ביי דער אָרטיגער באַפעלקערונג.

שוין אין די ערשטע טעג פון זייער פאַרנעמען ווילנע האָבן די באָלשע-וויקעס אָנגעהויבן צו רעקווירירן סחורות מכל-המינים, ביי די גרויסע, ווי ביי די קליינע קרעמער; מען פלעגט אָפט אפילו גאָר ניט שלעכט באַצאָלן, אָבער ניט זעלטן פלעגט מען צונעמען די „רעקווירירטע" סחורות אויך אָן געלט. חוץ דעם האָבן פאַרשיידענע באָלשעוויסטישע אינסטיטוציעס געמאַכט טאָג-טעגליך אין אַלע קאַנטן פון שטאָט זוכונגען אין פריוואַט-דירות מיט „אָרדערן" אָדער אָן ז"י. דערביי פלעגט מען געוויינליך צונעמען געלט, גאָלד, זילבער, בריליאַנטן, וועש און אַלץ, וואָס פלעגט אַריינפאַלן אין האַנט; ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פלעגט געמאַכט ווערן נאָר ביי „בורזשויען".

אַזוי ווי די „בורזשויען" זיינען געווען על-פי-רוב יידן, האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אויך געבראָטן דעם יידן, אָבער אונ-טער דעם בורזשואַזן סאָאוס. על-כל-פנים געלט פון רעקוויזיציעס, קאָנפיסקאַציעס און אַלערליי שיין-פאַרמאַסקירטע שלעכטע מעשים האָבן די באָלשעוויקעס באַ-

קומען לרוב און, אויב אפילו א היפשער טייל פון די אלע אייגענע פלעגט אריינפאלן, ווי שלעכטע ציינגער האבן דערציילט, צו די קאמיסארלאך אין די ברייטע קעשענעס, איז דאך געווען גענוג געבליבן ביי דער סאוועטישער מאכט, כדי צו דעקן דעם אריבנדערמאנטן דעפיציט.

## IV.

ביי די באלשעוויקעס איז די רויטע ארמיע געווען א מיטל צו פארשפרייטן די סאציאלע רעוואלוציע אין דער וועלט. זייער פלאן איז באשטאנען דער עיקר אין איינגעמען ליטע, פוילן און מזרח-פרייסן, כדי צו באשאפן אין די אלע לענדער א רויטע ראטן-מאכט, וואס זאל זיין אונטער זיך פעדעראטיוו פאראייניגט.

אין ווייסרוסלאנד האט זיך זיי דאס, לויט זייער שאבלאן, גרינג איינגעגעבן. אין ווילנע און אין דעם גאנצן אקופירטן ווילנער קאנט איז אויך די זאך ניט שווער צוגעגאנגען. דערפאר, אבער, זיינען אלע זייערע פרובן אריבערצווארפן די ראטן-מאכט אין די עטנאגראפישע ליטע געווען אומזיסטע: עס האט זיך זיי דאס ניט איינגעגעבן; זיי זיינען דעריבער געבליבן דורך ליטע אפגעטיילט פון מזרח-פרייסן, וואוהין זיי האבן זיך געצויגן מיט אלע כחות, האפנדיג פון דארטן פארגאנדערבלאזן דעם פייער פון דער סאציאלער רעוואלוציע איבער דער גאנצער וועלט... די באלשעוויקעס זיינען געווען זיכער, אז ווי זיי וועלן זיך נאר דערוויזן אין דייטשלאנד, וועלן זיך די ספארטאקיסטן מיט זיי פאראייניגן און גאנץ דייטשלאנד וועט ביי זיך בילדן א ראטן-מאכט. פון דארטן האט זיך זיי געחלומט וועט זיך שוין די באוועגונג מוזן גרינג אריבערווארפן ווייטער אין מערב, אומעטום צוווארפנדיג די נאציאנאלע צאמען און פאראייניגנדיג דעם אלוועלטליכן פראלעטאריאט אין איין מעכטיגן קלאס אונטער דער פאן פון דער סאציאלער רעוואלוציע...

דעריבער איז די ארבעט פון די באלשעוויקעס אין ווילנע באשטאנען דער עיקר אין דער אגיטאציע: מען האט געשטרעבט מיט אלע כחות אריינצוציהען וואס ברייטערע פאלקסמאסן אין די רייען פון קאמוניסטן; מען האט אויף קיין זאך ניט געקוקט, נאר אבי עקאנאמיש באהערשן די דאזיגע מאסן און דעריבער, ווייסגדיג, אז דער איינפירן פון דער ראטן-מאכט מיט אלע אירע אפאראטן איז קודם-כל פארבונדען מיט א הונגער, האט מען ניט געקארגט קיין מיטלען אויף אויסצוהאלטן די הונגעריגע מענטשן מיט געלט. ווי אויבן איז שוין געזאגט געווארן, איז דאס געווען די איינציגע סיבה, פארוואס די באלשעוויקעס האבן ביי זיך אריינגענומען אזוי פיל איבעריגע ארבעטער און אנגעשטעלטע.

ווייטער האט מען געבילדעט פון סאלדאטן פון וואלאגדער, ארכאנגעלסקער און אנדערע צפונדיגע רוסישע גובערניעס אזוי-גערופענע ליטווישע און ווייסרוסישע פאלקן. דער איינציגער ניט רוסישער פאלק, וועלכער האט געטראגן א ריכטיגן נאמען, איז געווען דער פוילישער קאוואלעריסטישער פאלק, וועלכער איז באשטאנען פון פאליאקן: צי זיינען די דאזיגע פאליאקן געווען אויך קאמו-

ניסטן איז שווער צו זאָגן ... על־פּי־פּנים האָט מען געוואָלט דער עראָיגער באַפעלקערונג אין ליטע אימפּאָנירן און אַביסל אַפּילו שיטן זאמד אין די אויגן.

ווייטער האָבן די באָלשעוויקעס געהאַט ביי זיך און פארגאַנדערגעשיקט שפּעטער אין אַלע ווינקעלאך פון דער עטנאָגראַפישער ליטע א גאַנצע אַרמיי פון קאָמוניסטישע רעדנער. וואָס האָבן באַדאַרפט פּראָפּאַגאַנדירן און אויפבויען דאָרטן די סאָציאַלע־רעוואָלוציע.

ווייטער האָבן גרויסע פּראָצעסיעס, מאַניפעסטאַציעס און מאַסן־מיטינגען מיט און אָן קאָנצערטן געזאָלט פאַרבלענדן און פאַרכאַפּן דעם ליטווישן עולם.

די אייגענטליכע מיליטערישע זייט האָט דערביי געשפּילט גאָר א קליינע ראָליע און איז אַפּנים פון אָנהויב אָן געווען פאַרלאָזן.

אין די ערשטע טעג נאָכן פאַרנעמען ווילנע האָבן די באָלשעוויקעס מיט גרויס פּאָמפּע און פייערליכקייט מקבר געווען די אויבנדערמאָנטע קאָמוניסטישע העלדן, וועלכע האָבן ביים פאַרכאַפּן ווילנע דורך די פּאָליאַקן זיך גענומען דעם לעבן, ניט וועלנדיג זיך אונטערגעבן דעם שונא. א קאָלאָסאַלע פּראָצעסיע, וועלכע האָט זיך געצויגן דורך די גאַנצע שטאָט מיט א מאַסע דעלעגאַציעס, פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פאַראיינען און אינסטיטוציעס, מיט רויטע קרענץ און רויטע פאָנעס אָן א צאָל און אָן און ערך, — האָט באַגלייט די פינף רויטע ארונות. מען האָט די מתים מקבר געווען אויף דעם ווילנער היסטאָרישן פּלאַץ אַנטקעגן דעם קאַטעדראַל־קלויסטער הארט ביי דעם דענקמאָל פון דער קייזערין יעקאַטערינא. יעקאַטערינאַס בראָנזענע מצבה (מ. אַנטאָקאָלסקי'ס ארבעט) איז פאַר דעם אָנקומען פון די דייטשן געווען אראָפּגענומען און אריבערגעפירט ערגעצוואו אין צענטראַלן רוסלאַנד; עס זיינען פאַרבליבן נאָר די מראָמאָרנע און אויך דעקאָראַטיווע טיילן פון דער מצבה און דער סעדעל ארום. ביי דעם אָרט גופא זיינען געווען אויסגעבויט א סך טריבונעס, פון וועלכע קאָמוניסטישע רעדנער האָבן געהאַלטן זייערע דרשות...

עטליכע חדשים שפּעטער, ווען ווילנע איז ווידער אריינגעפאַלן אין די פּוילישע הענט, האָבן די פּאָליאַקן אויסגעגראָבן דעם קבר, ארויסגענומען די מתים פון זייערע ארונות און זיי ערגעצוואו אריבערגעפירט און באַהאַלטן!...

פון די ערשטע טעג אָן האָבן די באָלשעוויקעס אין ווילנע אָנגעהויבן צו מאַכן זוכונגען אין אַלע עקן שטאָט; זיי האָבן געזוכט „וויים־גוואַרדיסטן" (ביעלאָ־גוואַרדייצעס) און „ספּעקוליאַנטן". אונטער „וויים־גוואַרדיסטן" האָט מען פאַרשטאַנען אַלע ניט קאָמוניסטישע פּאָליטיקער. אונטער „ספּעקוליאַנטן" — אַלע „ניט ארבעטנדיגע" תושבים.

אין דעם ניט קענען דולדן נעבן זיך מענטשן פון אַן אַנדער פּאָליטישן קוק זיינען די באָלשעוויקעס זעהר נאָענט דערגאַנגען צו דעם רוסישן אַבסאָליוטיזם און אפשר אים נאָך אריבערגעיאָגט; אין דעם שרעקליכן טעראָר, אָבער, מיט וועלכן זיי האָבן געזוכט צו פאַרניכטן און עוקר מין השורש זיין זייערע

פּאָליטישע קעגנער האָבן זיי ווייט איבערגעיאָגט דעם רוסישן זעלבסטהער־שערטום אפילו פון ניקאָלאַי דעם צווייטנס צייטן.

בכלל וואַרפט זיך אין די אויגן די שטאַרקע ענליכקייט צווישן דעם צאַריסטישן און דעם באָלשעוויסטישן מלוכה־סיסטעם און זיין אידעאָלאָגישן „אויבער־בנין": ביידע זיינען געווען אין העכסטן גראַד דעספּאָטיש און אַנטידעמאָקראַטיש.

שוין פון די ערשטע טעג נאָכן פאַרנעמען ווילנע האָבן זיך די קאָמוניסטן אויף אַלערליי מיטינגען געהרפּט מיט די איבעריגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען; דערביי, אָבער, האָט זיך שוין פון אָנהויב אַן ארויסגעוויזן, אַז די קאָמוניסטן ווילן ניט גיין אויף קיין שום פּשרה און ווייערע עיקר־פּונקטן זיינען געווען: דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, סאָציאַלע־רעוואָלוציע ביז צום פולן נצחון פון דעם אַלוועלט־ליכן פּראָלעטאַריאַט, ראַטן־סיסטעם וכדומה. פון נאַציאָנאַליזם, אפילו אַלס דער־ווייליגן טאַקטישן מיטל, ווילן זיי גאָרניט הערן. שטייענדיג, ווי זיי מיינען, אויף דעם אָרטאָדאָקסאַל־מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט, האָבן זיי איטליכן קאָמפּראָמיס, הן אין פּאָליטיק, הן אין סאָציאַל־עקאָנאָמיק, אַזוי ווי איטליכע אָפּשפּיגלונג פון נאַציאָנאַליזם אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טאַקטיק—באַטראַכט אַלס בגידה. מען מוז זיך מודה זיין, אַז פון זייער שטאַנדפּונקט זיינען די געגאַנגען נאָר מיט דעם גלייכן וועג, ניט לאָזנדיג זיך אַראָפּפירן ניט אויף רעכטס, ניט אויף לינקס און זיינען געווען טעאָרעטיש קאָנסעקווענט...

דעריבער זיינען די קאָמוניסטן אין אַלע זייערע וויכוחים מיט זייערע קעגנער און אין זייערע דרשות אויף מיטינגען, פאַרזאַמלונגען וכדומה געווען דער שטאַרקסטער צד; זייערע געגנער האָבן על־פּי רוב געמוזט מאַכן דעם איינדרוק אויף די ניט באַהאַוונטע עלעמענטן, ד. ה. אויף 99 פּראָצענט פון אַלע פאַרזאַמלונגען, פון „פּשרה־סאָציאַליסטן", „ניט קאָנסעקווענטע" און „ניט גענוג אַנטשלאָסענע". מחמת דעם און ווייל די קאָמוניסטן האָבן געהאַלטן פעסט אין זייערע הענט די פאַרכאַפּטע מאַכט—האָבן זיי וואָס ווייטער געוועדט אַלץ העכער און אַלץ מיט מער גרויסקייט.

דער „ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן" (סאָוודעפּ), וועלכער איז געווען אויסגעקליבן פריהער, איידער די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען ווילנע, און אין וועלכן דער „בונד" האָט געהאַט אַ היבשע פאַרשטייערשאַפט, איז באַלד אָפּגע־שטופּט געוואָרן אָן אַ זייט דורך דעם קאָמוניסטישן „רעווקאָם", ניט קוקנדיג דערויף, וואָס די פונקציעס פון די ביידע אינסטיטוציעס זיינען געווען כלומרשט גאָר פאַרשיידענע...

באַלד, אָבער, האָבן זיך די קאָמוניסטן שוין געפילט אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן געמאַכט „נייע וואַלן" אין „סאָוודעפּ"; דערביי, אָבער, האָבן זיי אַראָפּגע־שטופּט פון אָרט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פאַרבייטנדיג זיי מיט די „פּראָ־דוקציאָנס־פאַראיינען" (פּראָאיזוואָדסטווענני סאָיוזי); דאָ זיינען שוין די ניט קאָ־מוניסטישע סאָציאַליסטישע עלעמענטן אינגאַנצן בטל בששים געוואָרן... דערצו

זיינען נאָך די „וואלן" אַליין געמאַכט געוואָרן ביי ניט כשרע תנאים.

ס'איז, פאַרשטייט זיך, קיין וואונדער ניט, וואָס אַזוינע „וואלן" האָבן זיך פאַרענדיגט מיט דעם פולן נצחון פון די קאָמוניסטן.

גאָר פון אָנהויב אָן האָבן זיך די באָלשעוויקעס גענומען צו דער ניט קאָמוניסטישע פרעסע; צומאַכנדיג איין אָרגאַן נאָך דעם אַנדערן פון דער ציוניסטישער, פון דער אַלגעמיין-בורזשואַזער און לסוף פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פרעסע, האָבן זיי באַלד געמאַכט אַ סוף פון דער גאַנצער פרעסע, וועלכע איז געווען אין ווילנע ביי זייער אַריינגיין, און האָבן אויף איר אָרט אוועקגעשטעלט זייער אייגענע באָלשעוויסטישע פרעסע אין די אָרטיגע פיר לשונות (רוסיש, פויליש, יידיש און ליטוויש). דער סאָציאַלער עקספּערימענט, וואָס האָט געשטרעבט מיט גוואַלד אויסצוגיסן די עפנטליכע מיינונג אין איין איינציגן פורים, האָט זיך אָנגעהויבן...

## .V

שוין פון די ערשטע טעג פון דער באָלשעוויסטישער אָקופּאַציע האָט דער „טעראָר", וועלכער שפּילט ביי דעם באָלשעוויזם אַזאַ וויכטיגע ראָל, אָנגעהויבן צו באַווייזן אין ווילנע זיין אָפּשטויסנדיגן פּרצוף; די, וואָס האָבן אים געקענט פון רוסלאַנד, האָבן אפילו פה אחד געזאָגט, אַז אין ווילנע איז נאָך נישקשה, „גאָר נישקשה", פונדעסטוועגן האָט פאַר דער באַפעלקערונג געקלעקט... די „פאַרברעכער" זיינען באַשטאַנען, ווי אויבן געזאָגט, על-פי רוב פון צוויי עלעמענטן: אָדער פון ווייסע „גוואַרדיסטן", אָדער פון „ספּעקוליאַנטן"; דער ערשטער עלעמענט האָט אין זיך געקענט אַרייננעמען ביי אַ גרינגען אָנשטרענגען כמעט אַלע ניט קאָמוניסטישע בירגער, באַזונדערס מחמת די מסירות, וועלכע האָבן זיך אַזוי גיך און אַזוי ברייט אַנטוויקלט אין שטאָט און צוליב דעם פּרימיטיוון און אכזריותדיגן אויספאָרשונגס-אַפּאַראַט, דער „טשרעזוויטשייקע" אָדער „אָסאָבי אָטדעל".

די צווייטע קאַטעגאָריע פון עבירות, די „ספּעקוליאַציע", האָט אויך גרינג געקענט אין זיך אַריינציהען אַלע סוחרים, אפילו די קלענסטע, אַלע בעלי-בתים וכדומה.

אונטער אַזוינע תנאים האָט דער רוב בירגער לכל-הפּחות געמוזט מורא האָבן פאַר דער תּפיסה, וועלכע האָט זיך געקענט אויפעפענען פאַר אים גאַנץ אומגעריכט.

מען מוז מודה זיין, אַז אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס האָט זיך דעמאָלט געטאָן אין דעם אייגענטליכן רוסלאַנד, איז די צאָל פון די דערשאָסענע אין ווילנע, אויף וויפל זי איז בכלל דערגאַנגען צו דער באַפעלקערונג, געווען ניט קיין גרויסע. דערפאַר, אָבער, זיינען די תּפיסות געווען איבערגעפּולט מיט מענטשן, יידן מיט זייער אייביגן אָפּטימיזם, וועלכע פרייען זיך, ווען מען שטעכט זיי אויס איין אויג, וואָס די אַנדער אויג איז געבליבן,—האָבן געפונען אויך דאָ אַ שבח; און אפשר זיינען זיי טאַקע גערעכט אין דעם פּרט, ווייל ביי די באָל-

שעוויקעס פֿילט מען ניט קיין נאַציאָנאַלע באַליידיקונג. דאָס איז געוויס אמת, אָבער, אַזוי ווי דער רוב מנין און דער רוב בנין פֿון יידן באַשטייט דאָך פֿון סוחרים, האָבן יידן געמוזט אויך ביי די באָלשעוויקעס ליידן מער פֿאַר אַלעמען: מען האָט זיי גאָר געברענט און געבראָטן ניט אונטער דעם יידישן, גאָר אונטער דעם בורזשואַזן סאָוס...

סיוועט אפשר זיין, ווי מיר דוכט, אינטערעסאַנט דאָ צו באַשרייבן, ווי די באָלשעוויקעס פֿלעגן אַרעסטירן און משפּטן די „ווייסע גוואַרדיסטן". איך האָב דאָס אויסגעפּרובט אויף מיין אייגענער פּלייצע...

ס'זיינען קוים אַריבער 3—4 טעג, ווי די באָלשעוויקעס האָבן פֿאַרנומען ווילנע. אַרום האַלבע נאַכט, אָקאָרשט, ווי איך האָב זיך געלייגט שלאָפֿן, האָבן זיך מיט אַמאָל דערהערט איינער נאָך דעם אַנדערן דריי שטאַרקע קלונגען ביי דער טיר. דער דערשראָקענער דינסט-מיידל אויף איר פֿראַגע: ווער איז דאָס? האָט אַ שטרענגער קול געענטפֿערט: „עפֿן אויף! רויטע סאָלדאַטן זיינען געקומען דורכזוכן די וואוינונג פֿון דעם ד"ר און אים אליין צו אַרעסטירן!". זי האָט קוים געהאַט צייט מיר דאָס צו איבערגעבן, ווי עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ שטאַרקע קלינגעריי ביי דער טיר... איך האָב געהייסן עפֿענען די טיר און איך האָב זיך אָנגעהויבן אָנטאָן. באַלד זיינען אַריין צו מיר אין שלאָפֿצימער צוויי רויטע סאָלדאַטן מיט אַריינגעשטעלטע לאַנגע און דינע באַיאָנעטן אין די ביקסן און אַ הויכער הער אין ציוויל אָנגעטאָן, וועלכער איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיר געוויזן אַן „אָרדער" צו מאַכן אין מיין וואוינונג אַ רעוויזיע און צו אַרעסטירן מיר; דער אָרדער איז געווען אונטערגעשריבן פֿון דריי הויפּט-קאָמיסאַרן. דער מאַן איז געווען אַ הויכער, אַ מאָגערער מיט אַ גלאַט ראַזירטן, זייער אַ שלעכטן פּנים, אויף וועלכן עס האָבן געפֿונקלט אַ פּאָר גרויע זייער שלעכטע קעציש־ע אויגן. ער האָט גערעדט הויך, גראָב און באַפֿעלנדיג... איך האָב בעזאָגט קאַלטבלוטיג, ניט קוקנדיג אויף אים:—„מאַכט, וואָס איר ווילט!"

דערויף האָט ער געענטפֿערט: „איר האָט מיר ניט באַלד געעפֿנט, משמעות האָט איר דערווייל צוריסן קאָמפּראָמעטירנדיגע פּאַפּירן?"

—„דאָס איז ניט אמת", האָב איך געענטפֿערט.

די רעוויזיע אין מיין דירה האָט געדויערט דריי שעה. אַלע כּתבֿ-ידן און דאָקומענטן, וועלכע האָבן נאָר געקענט האָבן אַ וועלכע עס איז שייכות צו מיר, אַלס ליטווישן מיניסטער, האָט דער אויבנדערמאָנטער אַגענט פֿאַרכאַפּט מיט אַ גרויס פֿרייד. אַרום דריי אַ זייגער אין דער נאַכט האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז איך בין אַרעסטירט, געהייסן מיר אָנטאָן זיך און גיין מיט אים... מען האָט מיר גלייך אָװעקגעפֿירט צו דעם אויספֿאָרשונגס-ריכטער, וועלכער האָט מיר מיט לאַנגע רייד און וויכּוחים אָפּגעמאַטערט אַ גוטע פּאָר שעה. סוף-כּל-סוף האָט ער אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל, אין וועלכן ער האָט אַריינגעשמוגלט צוויי ווערטער, וואָס באַווייזן, אַז איך באַנעם זיך פּלומרשט פֿיינדליך צו דער רויטער אַרמיי. שפּעט, נאָך אַ ניט געשלאָפֿענער נאַכט, האָב איך דאָס ניט באַמערקט און—אונ-

טערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל... פון דאָרטן האָט מען מיר שוין אין דער פרי אוועקגעפירט אין לוקישקער טורמע אינאיינעם מיט צוויי כאַיכעס...

דער שעף פון טורמע, עפּעס א מין טונקעלע פּערזאָן, וואָס פלעגט נאָך איטליכן וואָרט זאָגן „טאָוואַרישטש" (חבר), האָט ביי מיר אָפּגענומען דעם פּלעד, מיין וואַרימען פרייגד אין אלע דייטשע תפיסות, און האָט מיר איינגעשלאָסן אין א באַזונדערער קאַמער. אין צוויי טעג אַרום פון אָוונט האָט מען מיר און מיינע צוויי ליטווישע חברים (מ. בירזשישקאָ און יאַנולאַיטיס) אוועקגעפירט אונטער א קאָנוואָי פון בערך צען סאָלדאַטן צום „מיליטער-רעוואָליוציאָנערן" בית-דין.

מען האָט אונז אַריינגעבראַכט אין א קליינעם חדר, וואו חוץ אונז דרייען זיינען געווען נאָך צוויי רויטע סאָלדאַטן מיט ביקסן; די איבעריגע סאָלדאַטן פון קאָנוואָי זיינען זיך אין וועג, ניט פרעגנדיג ביי קיינעם, אליין פאַרנאַנ-דערגעגאַנגען. פון די איבערגעבליבענע צוויי סאָלדאַטן האָט איינער באַלד אוועק-געשטעלט דעם ביקס אין א ווינקעלע, אַראָפּגענומען די וואַליקעס און אוועקגע-לייגט זיך אויף דער ערד שלאָפן. דער צווייטער האָט אויך אוועקגעשטעלט דעם ביקס אָן אַזייט און האָט זיך אויסגעצויגן אויף א פּליושענעם דיוואַן. ער איז, אָבער, ניט געשלאָפן און קוים זיינען אַריבער א פינף מינוט און זיין חבר האָט גענומען כראָפּען, האָט ער אים גענומען שטופן און וועקן מיט געשרייען: „שטיי אויף, וואַסיאַ! אויף גיך!"

—וואָס ווילסטו? האָט געפרעגט זיין האַלב פאַרשלאָפענער חבר, אויפ-כאַפּענדיג זיך.

„שטיי אויף, זאָג איך דיר", האָט געשריען דער ערשטער „און לאָמיר גיין א היים, וואָס ווען מיר דאָ אויסזיצן?"

—„ביסט משוגע, צו חסר-דעה!" האָט געשריען וואַסיאַ, וועלכער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געבליבן זיצן, „דו זעסט ניט א פּנים, אָט זיצן דאָך אַרעסטאַנטן! מירביידע זיינען דאָך א קאָנוואָי, באַלבעס!" דער „באַלבעס", א זעכצניאָריגער און זעהר א קרעפּטיגער סאָלדאַט, האָט געזאָגט מיט כעס:

„וואָס גייט דאָס מיר אָן? איך וויל שלאָפן, איך וויל א היים!". זיין חבר האָט אים אָנגעזידלט און ווידער געלייגט זיך שלאָפן. אין עטליכע מינוט אַרום— ווידער דיזעלבע סצענע. צום סוף איז דער „באַלבעס" אויפגעשטאַנען, געעפנט די טיר אין דעם צווייטן צימער, וואו עס האָט זיך געפונען דער „בית-דין" און ווייזנדיג אין דער זייט פון די ריכטער, קוקנדיג און שאָקלענדיג זיך דערביי פון איין זייט אויף דעם אַנדערן, האָט ער געזאָגט: „הייסט עס, מיר גייען מיטן חבר אוועק"... אלע איינריידעניש פון די מיליטערישע ריכטער האָבן ניט גע-האָלפן און אונזער „קאָנוואָי" איז אוועק. ווי א רויך... באַלד האָט מען אונז אלעמען דרייען אַריינגעפירט אין זאַל צום בית-דין, וועלכער איז באַשטאַנען פון דריי ריכטער. אלע דריי זיינען געזעסן ביי א געוויינליכן שרייב-טיש אין היטלען מיט ברוינע שטערן-קאָקאַרדעס. אין מיטן איז געזעסן א קליין געוואַק-

טענער קאָמיסאַר מיט אַן אינטעליגענטן אויסזען; דאָס איז געווען דער פּאָרזיצער. פֿון ביידע זייטן זייַנען געזעסן צוויי יונגע ריכטער; פֿון איין זייט דער אויבן־דערמאָנטער אויספֿאָרשער און פֿון דער אַנדער זייט אַ רויטער סאָלדאַט מיט אַ פֿאַנאַטישן פּנים פֿון אַ גוט אויסגעפּראָפּאַגאַנדירטן אַרבעטער; פֿון זייַנע אויגן, ווען ער האָט געקוקט אויף אונז, האָט געשפּריצט שנאה...

דער פּאָרזיצער האָט מיר געפֿרעגט: „מיט וואָס קענט איר זיך פֿאַרטייַדיקן?" איך האָב געענטפֿערט: „פֿריהער מוז איך וויסן אין וואָס מען באַשולדיקט מיר".

„נו... מען באַשולדיקט אייך אין..." ער האָט לאַנג געזוכט דעם וואָרט. „נו... אין דעם באַטייליגן זיך אין דער ליטווישער טאַריבאַ"... איך האָב די הערן באַקאַנט מיט דעם עבר און מיט דעם הווה פֿון דער טאַריבאַ, און זיי דערקלערט, אַז איך האָב דערצו קיין שייכות ניט.

„אין וואָס פֿאַר אַ מיניסטעריום האָט איר זיך באַטייליגט?" האָט געפֿרעגט דער אויספֿאָרשער.

„אין דעם סאָציאַליסטישן מיניסטעריום סליאַזשעוויץ".

„ווי באַנעמט איר זיך צו דער רויטער אַרמיי?" האָט געפֿרעגט דער פּאָרזיצער.

„גאַנץ גלייכגילטיג".

„פֿאַרוואָס האָט איר געשריבן אין פּראָטאָקאָל, אַז איר זייט אַ פֿייַנט פֿון איר?". דאָ האָט זיך די פֿעלשונג אויפֿגעקלערט.

נאָך לאַנגע שאלות און וויכּוחים האָט זיך געדאַכט, אַז די זאַך איז פֿאַרפֿאַרענדיגט; מיטאַמאָל פֿרעגט מיך דער פּאָרזיצער:

זאָגט ה׳ ד״ר, אויב מיר וועלן אייך הייַנט באַפֿרייַען, וועט איר זיך מער מיט פּאָליטיק ניט באַשעפֿטיגן?

— ווען איר וועט מיר הייַנט באַפֿרייַען, וועל איך מאָרגן פֿרי אָנהויבן זיך ווידער באַשעפֿטיגן מיט פּאָליטיק.

מיט וועלכער פּאָליטיק?

מיט וועלכער איך האָב זיך ביז איצט באַשעפֿטיגט.

מען האָט מיר פֿאַרגעלייגט אַרויסגיין אין אַ דערבייַיאיגן חדר און אין אַ פֿערטל שעה אַרום בערך האָט מען מיר געמאָלדן, אַז איך בין פֿרייַ.

מיט מייַנע צוויי חברים איז די זאַך צוגעגאַנגען כּמעט אויך אַזוי...

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אין דער אָפֿיציעלער צייַטונג איז אין עטליכע טעג אַרום געווען אָפּגעדרוקט אַ באַמערקונג, וועלכע האָט פֿאַלש באַלויכטן די רייד פֿון מיר און מייַנע חברים... אַזוי האָט זיך באַקומען, דער איינדרוק, אַז איך האָב זיך, למשל, פֿאַרטיידיגט מיט דעם, וואָס איך האָב באַשימפּט די פּוילישע אַרמיי. אויף אַן „אָפֿענעם בריוו", „אין דעם נאָמען פֿון דער פּוילישער בעזועלשאַפֿט", וועלכן איך האָב נאָכדעם באַקומען פֿון אַ פּוילישן פֿאָרשטייער ווען

דעם ענין, ד״ר וו., האָב איך די זאַך אויך אין אַן „אָפענעם בריף״ אויסגעקלערט.

צום באַדויערן האָב איך דאָס דעמאָלט ניט געקענט דרוקן... די אויפֿקלערונג איז געווען בקיצור אַזאַ:

— דער געבילדעטער און קליגערער טייל פֿון דער פּוילישער געזעלשאַפֿט, ווי פֿון די פּוילישע אָפֿיצירן, פֿאַרשטייען גאַנץ גוט, ווי שעדליך פֿאַר די פּוילישע אינטערעסן מוז זיין איטליכער פּאָגראָם און דעריבער ווילן זיי טאַקע קיין פּאָגראָם ניט; דער פּוילישער המון, אָבער, איז אַזוי לאַנג און אַזוי שטאַרק „דרעסירט געוואָרן אויף שלעכטסקייט״ געגן יידן, אַז די אויבנדערמאָנטע עלעמענטן קענען אים ניט איינהאַלטן און מוזן דעריבער, פֿאַרדעקנדיג די אויגן אויף דעם אמת, אָפּלייקענען די אַלע פּאָגראָמען, וועלכע זיינען פֿאָרגעקומען...—

די באָלשעוויסטישע ממשלה האָט קעגן זיך אויסגעהויבן ניט נאָר די אָריסטיגע בורזשואזיע, נאָר אויך די פּוילישע נאַציאָנאַלע און קלעריקאַלע קרייזן בכלל, וועלכע האָבן זיך געפֿילט אין אַ גרויסער סכנה מצד דעם באָלשעוויזם און דעריבער האָבן די דאָזיגע עלעמענטן געפֿירט אַ באַהאַלטענע, אָבער אַ טיפֿע און ענערגישע אַגיטאַציע קעגן די באָלשעוויקעס. די אַגיטאַציע האָט זיך באַלד אַריבערגעוואָרפֿן אויף די קלאַסן-יסוד-אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפֿט און אפֿילו אויף די באַן-אַרבעטער, וועלכע זיינען משמעות צוליב וויטערדיגע אַנטי-באָלשעוויסטישע טריט אַריין אין קאָנטאַקט מיט דער באַוואוסטער פּוילישער געהיימער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע פּ. אָ. וו. (פּאָלסקאַ אָרגאַניזאַציע וואָיסקאָוואַ), וועלכע האָט געהאַט אירע פֿאַרשטייער מכל המינים אין ווילנע פֿאַר די באָלשעוויקעס.

קלוג אויסניצנדיג דעם שרעקליכן יקרות און די אַרבעטסלאָזיגקייט, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אינאיינעם מיט דער באָלשעוויסטישער תקופֿה, האָט די אַנטי-באָלשעוויסטישע - אַגיטאַציע באַלד שטאַרק צוגעצויגן אויף איר זייט דעם ווילנער המון.

ווי געוויינליך האָט די דאָזיגע אַגיטאַציע געטראָגן אויך אַ שטאַרק אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. די ווילנער יידן האָט מען באַשולדיגט, אַז זיי רייצן אָן די באָלשעוויקעס, וועמעס צד זיי האַלטן, אויף די פּאָליאַקן. דער נייער בלבול איז געווען פֿאַרשפּרייט כמעט ביי אַלע קריסטן.

אַזוי אַרום האָבן די פּוילישע רעדל-פֿירער, פֿלעכטנדיג דורך זייערע אַגענטן, וועלכע האָבן ניט זעלטן פֿאַרנומען גרויסע שטעלעס ביי די באָלשעוויקעס, אַ געדיכטן נעץ אַרום זיי און אַרומרינגלענדיג זיי מיט אַ סביבה פֿון אַ פֿאַרביסענער שנאה,—זיך געגרייט צום טאָג פֿון „נקמה״ און „באַפֿרייאונג״, וועלכן זיי האָבן אַזוי געגאַרט.

איינער פֿון די גרעסטע און געפֿערליכסטע רעדל-פֿירער, דער קסיאָנדז מוקערמאַן, האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אָפֿן אַרויסצוטרעטן קעגן די באָלשעוויקעס, אַלס מאַרטירער, אַלס קדוש, וועלכער האָט געליטן פֿאַר דער „הייליגער״ זאַך פֿון באַפֿרייאונג, האָט ער אַרויסגערופֿן דעם גרעסטן כעס און די גרעסטע פֿיינדשאַפֿט ביי דעם פּוילישן המון קעגן די באָלשעוויקעס.

קסיאָנדז מוקערמאַן איז אייגנטליך געווען אַ פּויזענער דייטש און האָט אַפילו זעהר שלעכט גערעדט פּויליש, איז אָבער,, אין משך פון אַ קורצע צייט ביי דעם קאַטאָלישן המון געוואָרן זעהר פּאָפּולער און באַליבט. נאָכדעם, ווי די דייטשן זיינען אַרויס פון ווילנע, איז ער דאָ פאַרבליבן אַלס אַ פאָרשטייער (פּראָבאָשטש) פון דעם קאָסטיאָל הייל. קאַזימיר (פריהער רוסישער סאָבאָר). באַלד, ווי די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען ווילנע, האָט קס. מוקערמאַן גענומען זיך צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער-מאַסן. ער האָט געגרינדעט דעם „קריסטליכן אַר-בעטער-פאַרבאַנד פון דעם הייליגן קאַזימיר"; נאָכדעם—אַן אָרגאַניזאַציע צו זוכן אַרבעט פאַר די אַרבעטסלאָזע. דער יסוד פון די אַלע אָרגאַניזאַציעס איז געווען, פאַרשטייט זיך, דער „קריסטליך-סאָציאַלער" פּרינציפּ... אין אַ משך פון בערך צוויי חדשים האָט זיך די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע זעהר שטאַרק אַנטוויקלט. מוקער-מאַן האָט חוץ דעם צוגעצויגן צו זיין אָרגאַניזאַציע כמעט די גאַנצע פּוילישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט דאָרטן געלייענט לעקציעס, געהאַלטן דרשות א. א. וו. די באָלשעוויקעס האָבן זיך פון אָנהויב פאַראינטערעסירט מיט דער אָרגאַניזאַציע און האָבן באַזוכט די לעקציעס. באַלד האָט מוקערמאַן אָנגעהויבן [redacted] אַ זשורנאַל: „ליגאַ ראַבאָטניטשאַ".

דעם צווייטן נומער האָבן די באָלשעוויקעס קאָנפיסקירט, דעם זשורנאַל צוגעמאַכט און מוקערמאַנען געהייסן פאַרלאָזן ווילנע. מוקערמאַן האָט ניט גע-פאָלגט און האָט זיך אינאיינעם מיט אַ גרויסן, אים פאַנאַטיש-איבערגעגעבענעם המון פון אַ פּאָר טויזנט מענטשן, דער עיקר ווייבער, איינגעשלאָסן אין דעם קאָסטיאָל פון דעם הייל. קאַזימיר. די באָלשעוויקעס האָבן געמוזט אַרומרינגלען דעם קאָסטיאָל פון אַלע זייטן און פירן אַ גאַנצע באַלאַגערונג. ערשט אויפן 3-טן מעת-לעת, נאָך אַ שטאַרקער שיסעריי, ביי וועלכער קיין איין מענטש איז ניט פאַרוואונדעט געוואָרן, ווייל מען האָט געשאָסן אין דער לופט,—האָט זיך איינ-געגעבן צו אַרעסטירן מוקערמאַנען.

## .VI

די באָלשעוויקעס זיינען געווען אַזוי זיכער אין זיך, אַז זיי האָבן ניט געמערקט די גרויסע סכנה, וואָס האָט געשוועבט איבער זיי פון אינעווייניג, ניט די נאָך גרעסערע—די אָרגאַניזאַציע פון אַ גרויסן פּוילישן חיל—פון דרויסן. דער אויספאָרשונגס-דינסט פון די באָלשעוויקעס האָט הן אין פּאָליטישן, הן אין מילי-טערישן פּרט געטייגט אויפן פייער... דעריבער איז די מפּלה געקומען אויף זיי אַזוי אומדערוואַרט, אַזוי גיך און אַזוי שטאַרק.

פאַרקערט, אין די פּוילישע קרייזן, וואָס זיינען געשטאַנען נאָהענט צו דער אָרגאַניזאַציע פּ. א. וו., האָט מען אַ פּנים שוין מיט אַ וואָכן פיר פאַר פּסח געוואוסט, אַז די פּוילישע אַרמיע וועט אַריין אין ווילנע פּסח... ס'פאַרשטייט זיך, אַז די באָלשעוויקעס בכלל האָבן אויך געוואוסט, אַז דער פּוילישע חיל רוקט זיך צו שטילינקערהייט צו ווילנע; אין אַפּריל 1919 האָט דער פּוילישער חיל פאַר-

נומען סלאָנים און באַלד צוגערוקט זיך צו לידע אויך און פאַרנומען די שטאָט. דערביי זיינען פאַרגעקומען שווערע אומרוהען קעגן יידן. עס זיינען געפאַלן יידישע אומשולדיגע קרבנות; דער רוב יידישע דירות אין לידע איז צוראַבירט געוואָרן; וועגן פיל יידן האָט מען געשלאָגן און איבער זיי געדזיעקעוועט זיך.

נאָך איידער די פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען לידע, האָבן שוין די באָלשעוויקעס אָנגעהויבן צו עוואַקואירן פּאַמעלאַך ווילנע און אַרויסצופירן דערביי פון שטאָט אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געקענט; נאָכן פאַרנעמען לידע, איז די עוואַקואַציע פון ווילנע אַוועק נאָך פיל גיכער. פון לידע ביז ווילנע איז פיר ניט קיין גרויסע סטאַנציעס (פּאָלעסיער באַן). די פּאָליאַקן האָבן זיך גערוקט אויף דעם וועג קיין ווילנע פון אָנהויב אַזוי ווי גאַנץ פּאַמעלאַך. אָבער דעם 19-טן אַפּריל 1919 האָט זיך די פּוילישע קאַוואַלעריע מיט אַ מאָל אַ וואָרף געטאָן קיין ווילנע, וואוהין די באַן-אַרבעטער, וועלכע האָבן געהאַלטן זייער צד, האָבן זיי אַריבערגעפירט זעהר גרינג און אָן קיין שום שלאַגעריי. אין דער נאַכט פון 19-טן צום 20-טן אַפּריל האָט זיך דער פאָדערשטער טייל פון דער פּוילישער קאַוואַלעריע אויף אַזאַ אופן אַריינגעריסן אין ווילנע און אַרויסגעפאַלן אויף די באָלשעוויקעס, ווי אויף שלאָפנדיגע פליגן. דורך די אָרגאַניזאַציע פּ. אָ. וו. האָבן די פּאָליאַקן באַלד פאַרכאַפּט די היסטאָרישע „ווילנער בערג“—דעם שלאָס-באַרג און דעם צלם-באַרג, וועלכע באַהערשן די גאַנצע שטאָט. פינף—האַלב זעקס אין דער פרי האָט זיך דערהערט אין שטאָט אַ שטאַרקע שיסעריי פון ביקסן און קוילן-וואַרפער, וועלכע האָט מיט קליינע הפסקות שוין מער איינגאַנצן ניט אויפגעהערט אין משך פון דריי טעג...

אַרום אַכט אַזייגער אין דער פרי איז געקומען צו מיר די פרוי פון דעם שטאַב-שעף פון דער באָלשעוויסטישער „בריגאַדע“, וועלכע איז געווען איינקוואַרטירט אין ווילנע, פרוי ג—יעווא, וועלכע האָט געוואוינט אין איין הויז מיט מיר און האָט מיר געבעטן, איך זאָל איר ערלויבן צו בלייבן ביי מיר, ווייל זי האָט מורא צו בלייבן אַליין ביי זיך אין וואוינונג; איך האָב אויף דערויף מסכים געווען. זי האָט מיר איבערגעגעבן עטליכע זעהר כאַראַקטעריסטישע פאַקטן. זי האָט דערציילט:

„מיין מאַן איז ביז צוויי ביינאַכט געווען אויף אַן עקסטרע מיליטערישע באַראַטונג; ס'איז באַקומצן געוואָרן אַ זיכערע ידיעה, אַז די פּאָליאַקן געפינען זיך צוואַנציג ווערסט פון ווילנע. מיין מאַן איז געקומען אַהיים צוויי אַזייגער און האָט געזאָגט, אַז ס'איז ניטאָ, וואָס מורא צו האָבן: אַלע מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן און האָט זיך געלייגט שלאָפן. איך בין אויפגעשטאַנען באַגינען און בין אַוועקגעגאַנגען אין קלויסטער אָפּריכטן די פאַסטן-תפילה. גייענדיג צוריק, האָב איך באַמערקט ביי אַ קאָסטיאָל אַ פּאָר הונדערט פּוילישע סאָלדאַטן, וועלכע איך האָב פון אָנהויב אָנגענומען פאַר עסטרייכער; ווען איך האָב זיך איבערצייגט, אַז דאָס זיינען געווים פּאָליאַקן, בין איך אַרום 8 אין דערפרי געקומען אַהיים, האָב אויפגעוועקט מיין מאַן און אים אָנגעזאָגט, אַז

פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען די שטאָט. ער האָט זיך גיך אָנגעטאָן און איז אַוועק פון דער היים... מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן"...

מען האָט גערעכנט מיינען, אַז ביי אַזאַ פלוצלונגדיגן אָנפאַל וועלן די פּאָליאַקן גרינג פאַרכאַפּן די שטאָט ווילנע, הן די באָלשעוויסטישע אַרמיע; ס'האָט זיך, אָבער, באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ טעות: די קאָמוניסטן זיינען באַלד געקומען צו זיך פון דער ערשטער איבעראַשונג און האָבן אַרויסגעוויזן, מען מוז דאָס מודה זיין, אַ גרויסע ניטדערשראָקענקייט און אַ זעלטענע העלדישקייט. זיי האָבן פאַרטיידיגט איטליכן טריט, איטליכע הויז מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיגקייט און מסירת-נפש. איך זאָג דאָס, אַלס עדות פון דעם, וואָס איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן. טריט ביי טריט זיינען די רויטע סאָלדאַטן אָפּגעטראָטן, פאַרהאַלטנדיג די פּאָליאַקן ביי איטליכן ווינקל און ביי איטליכן אָרט, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזן... דריי טעג האָט אין שטאָט ניט אויפגעהערט די גאַסן-מלחמה; ס'האָבן זיך געהערט כמעט אָן אַ הפסקה דער פּלאַצן פון ביקסן און אַ רעוואָלווער-שיסעריי, די טרוקענע קלעפּ פון די קוילנוואַרפער און די ערדציטערדיגע רייסעריי פון די באָמבן-שליידערער [illegible] אפילו פון האַרמאַטן. דריי טעג האָבן די רויטע סאָלדאַטן אויפגעהאַלטן די פּאָליאַקן אין ווילנע, געבנדיג דעם רויטן חיל פון אַרום די מעגליכקייט אָפּצוטרעטן אָן איילעניש און אַוועקפירן מיט זיך אַלע זאַכן. אויפן דריטן טאָג ערשט האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פאַמעלאַך אָפּרוקן צו צפון און צפון-מזרח פון שטאָט איבער דעם „גרינעם בריק" ...

אָבער אויך פון דער פוילישער זייט האָב איך געזען עטליכע העלדישע מעשים. אַזוי, למשל, האָב איך געזען אַ פאַרוואונדעטן פוילישן אָפיצער, וועלכן זיינע חברים — אַ גרופּקע פרייוויליגע און אָפיצערן,—האָבן אַריינגעטראָגן צו מיר אין מיין דירה דעם ערשטן טאָג פון דער גאַסן-מלחמה. דאָס איז געווען אַ שיינער יונגער מאַן, אַ סטודענט פון ווינער אוניווערסיטעט מיט אַ גוטן און אינטעליגענטן פּנים. אַ קויל האָט אים געטראָפן אין דעם אונטערשטן טייל פון דער לינקער באַק, האָט זעהר שטאַרק צוריסן די ווייכע טיילן, אויסגעשלאָגן עטליכע ציינער, שטאַרק אָנגעבראָכן דעם אונטערשטן צאָן-ביין און איז געבליבן ערגעץוואו שטעקן אין די ווייכע טיילן פון האַלז. ניט קוקנדיג אויף די שרעקליכע וואונד און די מורא'דיגע ווייטאָגן, וועלכע ער האָט דערביי געליטן, האָט ער אין די פּאָר שעה, וועלכע ער איז געווען ביי מיר, קיין איין קרעכץ ניט געטאָן, דאַנקענדיג פאַר אַלץ, וואָס מען האָט פאַר אים געטאָן איטליכס מאָל מיט אַ שיינעם מיליטערישן גרוס, מיט אַ גוטן, פיינעם שמייכל און מיט אַ האַרציגן „גאָט זאָל באַצאָלן!"...

די ווילנער באַפעלקערונג האָט איבערגעלעבט דריי שרעקליכע טעג—דעם 20, 21 און 22-טן אַפּריל—פון אַ גאַסן-מלחמה. באַלד האָט זיך, אָבער, אַרויסגעוויזן, אַז, ווי געוויינליך, די גאַנצע צרות האָבן געמוזט אַריבערטראָגן דער עיקר יידן. די סאָלדאַטן זיינען שוין אָנגעקומען שטאַרק צובייזטע קעגן יידן דורך די אַנטי-

סעמיטישע דרשות פון דער משפחה, פון דער שול, פון דער גאַס, פון דער פרעסע און פון אַ טייל גייסטליכע... אין די אַרומיגע דערפער פון ווילנע און אין דער שטאָט גופא האָט זיך געפונען אַ גרויסער המון, וועלכער האָט אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות, כּדי אָנצוריידן די פּוילישע סאָלדאַטן אויף יידן און אַרויסרופן אויף אַזאַ אופן אַ פּאָגראָם. פאַר אַזאַ מין פאַרווילדעוועטן המון איז אַ פּאָגראָם קודם כּל אַ גלענצענדיגער געשעפט און אחרון כּל אַ מיטל נוקם זיין זיך אָן „גאָטס שונאים". ווי נאָר די פּוילישע סאָלדאַטן האָבן זיך באַוויזן לעבן ווילנע און באַזונדערס אין שטאָט, האָט זיך דער אָרטיגער קריסטליכער המון מיט די ווייבער בראש אַלאָז געטאָן צו זיי און אָנגעהויבן זיי דערציילן מעשות וועגן „די עינוים, וועלכע יידן האָבן כּלומרשט אָנגעטאָן פּאָליאַקן" פאַר די דייטשן און באַזונדערס פאַר די באָלשעוויקעס און וועגן דעם באַליידיגן פון קאַטוילישע קאָסטיאָלן און גייסטליכע, וואָס יידן האָבן זיך דערלויבט און אַז. וו. א, אַז. וו.
אָבער די גרעסטע צורייצקייט און בייזקייט האָט אַרויסגערופן ביי די פּוילישע סאָלדאַטן די בּבה-מעשה, וועלכע ניט נאָר דער המון, נאָר אַפילו די פּוילישע אינטעליגענץ און אַ טייל אָפיצירן האָבן דערציילט, אַז יידן האָבן געשאָסן פון די פענסטער און דעכער אויף דער פּוילישער אַרמיי. דערמיט האָט מען זיך עס געוואָלט פאַרענטפערן פאַר דער אַנטאַגטע אַלס תּירוץ אויף די אומרוהען קעגן יידן.

אין דער אמת'ן איז די זאַך געווען גאָר אַנדערש: ביי דעם אַריינרייסן זיך אין שטאָט און נאָכדעם האָבן זיך די פּאָליאַקן אָנגעשטויסן אויף אַ יאושדיגע גבורה מצד דעם רויטן חיל, אין וועלכן, ווי באַוואוסט, יידן זיינען געווען זעהר שוואַך פאַרטראָטן, אַזוי שוואַך, אַז די באָלשעוויקעס פלעגן זיך שטענדיג באַקלאָגן, וואָס יידן זיינען אין דער רויטער אַרמיי פאַראַן אַזוי ווייניג. עס האָבן געשאָסן אין די פּאָליאַקן קאָמוניסטן, אָבער ניט יידן. איך מיט מיינע אויגן האָב געזען פּוילישע רויטע קאַוואַלעריסטן, וועלכע האָבן געשאָסן אויף דער ווילנער גאַס, זיצנדיגע אויף די פערד אין די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך באַפעסטיגט אין דעם „גובערנאַטאָרס הויז". יידישע רויטע סאָלדאַטן שיסנדיג האָב איך ניט געזען. מען קען ניט זאָגן, אַז דאָס האָט ניט געקענט פאָרקומען, אָבער דאָס האָט נאָר געקענט פאָרקומען, אַלס אַ יוצא מן הכּלל... ס'איז גאָר ניט מעגליך זיך פאָרצושטעלן אַ געוויינליכן יידן, וועלכער, זעענדיג נאָך דערצו, אַז דער פּוילישער חייל איז מנצח, זאָל זיך דערוועגן שיסן אין די פּאָליאַקן, וויסנדיג, אַז דאָס וועט ברענגען דעם טויט אים און די אַרומיגע יידן... און אַזאַ פאַל איז טאַקע ניט פאָרגעקומען!

על-כּל-פּנים מיט דעם אַריינגען פון דעם פּוילישן חיל אין ווילנע האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם אין שטאָט. דריי און פופציג יידן זיינען דערהרגעט געוואָרן, צווישן זיי דער באַוואוסטער שריפטשטעלער חייטער, וועלכן מ'האָט אַרעסטירט אינאיינעם מיט ניגערן און לייב יפה. די יידישע פאָרשטייער האָט זיך מיט גרויס מי איינגעגעבן די לעצטע צוויי אַרויסצוראַטעוען פון טויט.

דערנאָך האָט מען הונדערטער יידן אַרעסטירט אָן קיין שום שולד פון דייער וויס. דאַן זיינען כמעט אַלע יידישע דירות צוראַבירט געוואָרן. מען פלעגט קומען, דער עיקר סאָלדאַטן, כלומרשט צו זוכן אין די יידישע דירות פּלי־זיין. די ערשט שאלה איז געווען: „וואוינען דאָ יידן?" האָט מען געענטפערט: „יאָ"— פלעגט מען באַלד אָנהויבן דעם זוכן פון פּלי־זיין: דערביי פלעגט מען צונעמען די גאַנצע געלט, גאָלד־און זילבער־זאַכן, שמוק, וועש—מיט איין וואָרט אַלע ווערט־זאַכן. אַ מאָל פלעגט מען נאָך די בעלי־ביתים אַרעסטירן. אויך און אַ מאָל ניט.

מאַנכע אַרעסטירטע יידן פלעגט מען אַועקפירן אויסן שטאָט און הייסן זיי גראָבן פאַר זיך אַ גרוב, אַ קבר, וואו מען וועט זיי באַלד נאָכן שיסן אַריינוואַרפן און באַגראָבן...

די חוזק־מאַכעריי איבער יידן, דאָס פייניגן און מאַטערן זיי איז געווען אין לשער...

אין דער ווילנער קהלה געפינען זיך אַ גאַנצע ריי פּראָטאָקאָלן, וואו די פאַקטן ווערן באַשריבן און באַשטעטיקט.

די תפיסות זיינען שוין גלייך די ערשטע טעג פון דער פּוילישער ממשלה געווען אָנגעפּאַקט מיט יידן, וועלכע מען האָט אָדער געכאַפּט גלאַט אויפן גאַס, אָדער מען האָט פאַרכאַפּט ביי די „רעוויזיעס", דורכזוכונגען פון דירות אָדער על פּי מסירה. די מסירות האָבן זיך שוין פון די ערשטע טעג אַרויסגעוויזן אַלס איינע פון די גרעסטע יידישע צרות: עס איז געווען גענוג, אַז אַ פּוילישער 12־יאָריגער ייִנגל אָדער מיידל זאָלן ווייזן אויפן גאַס מיט אַ פינגער אויף אַ יידן און זאָגן דערביי: „דאָס איז אַ באָלשעוויק!"— אַז מען זאָל אים באַלד אַרעסטירן.

אין די תפיסות האָט מען געשלאָגן מכות־רצח מיט דער גרעסטער אכזריות און מען האָט זיך איבער די אומגליקליכע און גאַנץ אומשולדיגע מענטשן שרעקליך געדזשעקעוועט.

עס לאָזט זיך איבערהויפּט גאָרניט באַשרייבן די ווילדע און ראַפינירטע אַרט, מיט וועלכע דער המון און די סאָלדאַטן האָבן זיך געדזשעקעוועט איבער יידן אויף ווילנער גאַסן. אינמיטן העלן טאָג אפילו אין צענטער פון שטאָט פלעגט מען אָפּשטעלן יידן, באַראַבעווען זיי, שלאָגן זיי אכזריותדיג און פריילאַך מאַכן זיך איבער זיי... רייכע יידן האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן אָפּקויפן פון תפיסה און פון דורכזוכונגען מיט געלט. דאָס האָט די לאַגע פון די אָרימע און ווייניג־באַמיטלטע יידן נאָך מער פאַרערגערט...

ס'האָבן זיך אין ווילנע אויך געפונען עטליכע יחידים קריסטן, און אַ געוויסע צאָל אָפיצערן, וועלכע האָבן געשיצט מיט אַלע כחות די יידן און געפּאָדערט פון דעם המון און פון די סאָלדאַטן, זיי זאָלן אויפהערן מאַכן זייערע רדיפות אויף יידן; דאָס איז, אָבער, געווען אַ קול קורא במדבר...

באלד האבן מיר אנגעהויבן באקומען ידיעות פון די ארומיגע שטעט, שטעטלעך און דערפער, פון וועלכע עס איז אונז קלאר געווארן, אז דארטן איז דער מצב פון יידן גאר ערגערער. כמעט אומעטום האט מען די יידישע געשעפטן און דירות צוראבירט: א געוויסע צאל יידן געהרגעט, כמעט אלעמען געשלאגן און געדזיעקעוועט זיך איבער זיי. די נויט איז אומעטום געווען גרויס; דאס יידישע לעבן און דאס יידישע האב און גוטס איז געווען הפקר, נאך מער הפקר, ווי אין ווילנע.

דער גרויסער אומגליק, וואס איז ארויסגעפאלן אויף יידן מיט דעם ארייני-רייסן זיך פון דעם פוילישן חיל אין ווילנע און אין דעם גאנצן ווילנער קאנט, האט באוועגט אונז, די יידישע פארשטייער, ארויסצוטרעטן מיט א שארפן פראָ-טעסט קעגן די אלע עגוים קשים, וועלכע מען האט אנגעטאן יידן, און מיט א פאדערונג צו דער מאכט, אז זי זאל אננעמען ענערגישע מיטלען, כדי צו שיצן די יידן.

אפאר ווערטער וועגן די פארשטייער.

דער עלטסטער פארשטייער פון ווילנער יידישע קהלות און זייערע סורא-גאטן בין איך געווען אין משך פון מער אלס פינף און צוואנציג יאר.

פון אנהויב דייטשער אקופאציע, אלס פארזיצער פון דעם הילפסקאמיטעט, בין איך געווען כמעט דער איינציגער יידישער פארשטייער, וועלכן די דייטשע מאכט האט אנערקענט. ביסלעכווייז, איז צו מיר צוגעשטאנען און געווארן אנער-קענט אלס פארשטייער דער דאקטאר ראכמילעוויטש און דער „ראבינער" הרב יצחק רובינשטיין, וועלכער האט שוין אין דעם ערשטן יאר פון דער וועלט-מלחמה, באזונדערס אין דער צייט פון די גירושים, געהאט גרויסע פאר-דינסטן ניט נאר ביי די ווילנער, נאר אויך ביי די ליטער יידן בכלל. צום סוף פון דעם צווייטן יאר פון דער דייטשער אקופאציע, ווען איך בין געווען ארעס-טירט און פארשיקט דורך די דייטשע מאכט, האט פארנומען א בא-דייטנדיגן ארט אין דער יידישער פארשטייערשאפט דער באוואוסטער יידיש-ציוניסטישער עסקן, אדוואקאט ראזענבוים. חוץ אונז דרייען, וועלכע האבן מיט קליינע הפסקות זיך שטענדיג באטייליגט אין דער פארשטייערשאפט, האט זיך אין איר אויך באטייליגט דער ד"ר צ. שאבאד. מיר אלע פיר האבן אין דער צייט פון די אקופאציעס פארנומען שטענדיג די ערטער פון פארזיצער אדער וויצעפארזיצער פון די ווילנער קהלות. אין דער ווילנער דעמאקראטיש-געקלי-בענער קהלה איז דער ערשטער פארזיצער געווען ד"ר שאבאד, דער צווייטער איך און די גאנצע צייט איז הרב רובינשטיין געווען דער וויצע-פארזיצער. ש. ראזענבוים איז געווען אין קאוונע הילפס-מיניסטער. די פארשטייערשאפט כלפי-חוץ האבן געפירט כמעט אויסשליסליך איך און הרב רובינשטיין.

די ווילנער דעמאקראטישע קהלה איז אויסגעקליבן געווארן ערב דער באלשעוויסטישער אקופאציע. די ראטמענער פון די סאציא-ליסטישע פארטייען זיינען באלד ארויסגעטראטן פון דער קהילה.

װעלכע האָט זיך אַלס פּלענום פֿאַר די באָלשעװיקעס ניט צונױפֿגעקליבן. די לױפֿנדיקע ענינים פֿלעגט אױספֿירן דער סעניאָרן־קאָנװענט. מיט דעם אַרײַנמאַרשירן פֿון דעם פּױלישן חיל אין װילנע האָט דער פּלענום זיך װידער צונױפֿגעקליבן און באַלד האָט ער מסכּים געװען, אַז די סאָציאַליסטישע ראַטמענער זאָלן װידער אַרײַנגײן אין דער קהילה.

אױף דער ערשטער פּלענאַרער זיצונג פֿון דער קהילה, װעלכע איז פֿאָרגעקומען אונטער מײַן פֿאָרזיץ דעם 6 מאַי, האָט די קהילה פּה־אחד אָנגענומען אַזאַ החלטה:

„די ייִדישע קהילה אין װילנע דערקלערט:

די װילנער ייִדישע באַפֿעלקערונג איז דערשיטערט דורך די באַלײדיקונגען, רױבערײַען און הריגות, װעלכע זי האָט איבערגעלעבט אין די טעג פֿון 19־טן אַפּריל און װײַטער און דורך די ענוים און לײדן, װעלכע טעראָריזירן אַן אָן אױפֿהער די ייִדישע באַפֿעלקערונג.

פֿיל אומשולדיקע ייִדן פֿון דער פֿרידלעכער באַפֿעלקערונג, װעלכע האָבן אַבסאָלוט קײן שײַכות ניט געהאַט צו דעם קאַמף פֿון דעם פּױלישן מיליטער מיט די באָלשעװיקעס, זײַנען דערהרגעט געװאָרן אָן אַ שום אױספֿאָרשונג אין געריכט.

הונדערטער אומשולדיקע ייִדן אָן אונטערשײד פֿון געשלעכט און עלטער זײַנען בײַ זיך אין די װאױנונגען אָדער אױף די גאַסן אַכזריות׳דיק געשלאָגן געװאָרן.

טױזנטער ייִדישע װאױנונגען זײַנען צעראַבירט געװאָרן און אַ גרױסער טײל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג איז אינגאַנצן פֿאַראָרימט געװאָרן. טױזנטער אומשולדיקע ייִדן, צװישן זײ פֿיל אָנגעזעענע מיטגלידער פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און װיכטיקע כּלל־טוער, זײַנען אָן אַ שום יסוד אַרעסטירט געװאָרן, געשלאָגן געװאָרן און אַרײַנגעװאָרפֿן אין פֿאַרשײדענע תּפֿיסות, װאו זײ זײַנען געהאַלטן געװאָרן אָן עסן און טרינקען און װוּ זײ האָבן אַריבערגעטראָגן די גרעסטע באַלײדיקונגען; אַ גרױסער טײל פֿון זײ איז אָן אַ שום אױספֿאָרשונג און אױסװאַל אָפּגעשיקט געװאָרן קײן לידע, װאו זײ האָבן געהאַט אַריבערצוטראָגן די שרעקלעכסטע ענוים — פֿיזישע און מאָראַלישע — נאָכדעם זײַנען זײ אָפּגעשיקט געװאָרן אין אַן אומבאַװאוסטער ריכטונג. פֿאַרשײדענע אַנדערע גרופּעס פֿון די אַרעסטירטע ייִדן זײַנען פֿאַרמשפּט געװאָרן אַרױסגעשיקט און אינטערנירט צו װערן אָן שום באַװײַזן פֿון זײער שולד און אָן צוגעבן זײ די מעגלעכקײט דערװײַזן זײער אומשולד.

די דאָזיקע ערשײנונגען האָבן ניט אױפֿגעהערט אױך נאָכדעם, װען די ייִדישע פֿאָרשטײער האָבן אינפֿאָרמירט די מאַכט װעגן דעם, װאָס עס קומט פֿאָר אין שטאָט.

אין דער באַפֿעלקערונג איז געשאַפֿן געװאָרן די פֿאָרשטעלונג, אַז אַלע ייִדן זײַנען געשטעלט געװאָרן אױסער דעם געזעץ און מען קען מיט זײ טאָן, װאָס מען װיל און דאָס האָט געשאַפֿן דעם באָדן פֿאַר אַנטיסעמיטישע פּאָגראָם־העצעס און פּראָװאָקאַציע, װעלכע האָט זיך אױסגענוצט מיט אַלערלײ בלבולים

געגן יידן און געוואָלט צו מאַכן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק, הגם דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקרונג האָט געליטן פון דער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק פיל מער, ווי אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג און הגם אין דער קאָמוניסטישער רעגי-רונג און אויף די אָנפירענדסטע קאָמוניסטישע שטעלעס האָבן דעם באַדייטנד-סטען אָרט פאַרנומען ניט יידן.

די יידישע קהילה אין ווילנע דריקט אויס איר שאַרפסטן פּראָטעסט געגן די שרעקליכע ענוים, וועלכע די יידישע באַפעלקערונג האָט איבערגעלעבט פאַר די לעצטע טעג.

## די יידישע קהילה פאָדערט:

1) עס זאָל תיכף געמאַכט ווערן אַ סוף צו די רדיפות געגן יידן, ס'זאָל פאַרזיכערט ווערן די יידישע אומבאַרירליכקייט, דער יידישער כבוד, די יידישע האָב און גוטס און ס'זאָלן געשאַפן ווערן די רעכטליכע באַדינגונגען, ביי וועלכע די יידישע באַפעלקערונג זאָל זיך קענען אומקערן צו אירע פרידליכע באַשעפטיגונגען.

2) עס זאָלן תיכף אומגעקערט ווערן צוריק אַלע יידן, וועלכע זיינען, אָן אַ קלאָרן באַווייז אין זייער שולד, אַרויסגעשיקט געוואָרן פון שטאָט.

3) ס'זאָלן געשאַפן ווערן געזעצליכע גאַראַנטיעס, וואָס זאָלן געבן די אַרעסטירטע די מעגליכקייט אויסצוניצן אַלע יורידישע מיטלען, כּדי צו באַווייזן זייער אומשולד.

4) עס זאָלן גלייך באַפרייט ווערן אַלע אַרעסטירטע, געגן וועלכע עס איז ניטאָ קיין באַשולדיגונגס-מאַטעריאַל.

5) עס זאָלן תיכף אָנגענומען ווערן מיטלען אויפצוזוכן די צוראַבירטע יידישע גוטס און צו באַשטראָפן די רויבער.

די יידישע קהילה אין ווילנע איז זיכער, אַז דאָס יידישע פאָלק אין ליטע וועט ניט אָפּשטעלן און ניט אָפּשוואַכן זיין קאַמף פאַר די יידישע בירגערליכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט, פאַר דעם נאַציאָנאַלן קיום און כּבוד פון יידישן פאָלק".

מיט דער דאָזיגער החלטה, וועלכע די פאָרשטייער האָבן דער-לאַנגט דער אויבערשטער פּוילישער מאַכט, האָט זיך אָנגעהויבן די אָפענע און גבורות'דיגע מלחמה פון דער ניי-געקליבענער יידישער קהילה פאַר דעם שוץ פון די יידישע בירגערליכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט אין ליטע.

מיט דער העכערער פּוילישער מאַכט זיינען די יידישע פאָרשטייער גע-קומען אין באַרירונג שוין גאָר פון אָנהויב אָן. יוזעף פּילסודסקי, דער מלוכה-שעף, איז אָנגעקומען אין ווילנע שוין אין די ערשטע טעג פון דעם פּוילישן פאַרנעמען ווילנע. צו אים האָט זיך געווענדט אַ גרויסע יידישע דעפּוטאַציע, באַקלאָגנדיג זיך אויף די „עקסצעסן", ווי די פּאָליאַקן פלעגן זיי איידל רופן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ווילנע און פון וועלכע עס האָט זיך גאָר קיין סוף ניט געזען.

געוויס האָט יוזעף פּילסודסקיס השפעה פיל געווירקט, אַז דער ווילנער פּאָגראָם זאָל ווערן איינגעהאַלטן, אָבער מען מוז זאָגן, אַז זעהר ענערגישע מיטלען, ווי, למשל, טויט-שטראָף פאַר די רוצחים, זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן. דאָס וואָלט] דאָך הייסן, אַז מען שטעלט 'זיך איין פאַר יידן געגן פּאָליאַקן און דעריבער האָט מען פאַר אַזאַ „ניט פּאָפּולערן" מיטל זיך ניט גענוצן; מ'האָט גאַנץ פּשוט מורא געהאַט פאַר די סאָלדאַטן און זיי געבעטן נאָר מיט גוטן... דער פּועל-יוצא דערפון איז געווען, וואָס די „עקסצעסן" זיינען געוואָרן עפּעס קלענער, אָבער האָבן אָנגענומען אַ כראָנישן כאַראַקטער און האָבן זיך נאָכדעם געצויגן וואָכן און חדשים...

מען קען זאָגן, אַז די גאַנצע צייט פון דער פּוילישער אָקופּאַציע האָבן זיך די ליטווישע יידן בכלל און די ווילנער בפרט געפילט ניט זיכער, הן בנוגע זייער לעבן און הן בנוגע זייער אייגנס. אין דער גאַנצער שווערער תקופה האָט זיך פון דער פּוילישער אינטעליגענץ קיין איין קול פאַר יידן ניט דערהערט...

באַלד, ווי מען האָט נאָר געקענט, הגם מיט אַ געוויסע סכנה, אַרויסגיין אויפן גאַס, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די באַוואוסטע שריפטשטעלער און כלל-טוער ש. ניגער און לייב יפה שוועבן אין אַ סכנה דעשאָסן צו ווערן. אַ פּוילישער אָפיצער איז ערוב געווען, אַז זיי האָבן געשאָסן פון פענסטער אין די פּאָליאַקן. מען האָט זיי אַרעסטירט אינאיינעם מיט וויטערן, וועמען מען האָט באַלד דערשאָסן; ניגערן און יפה'ן האָט מען געשלאָגן, אָפּגענומען ביי זיי אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט, אַפילו די קליידער און די שיך. מיר זיינען אוועקגעגאַנגען מיט צוויי וועגן: דער ראַבינער רובינשטיין און ד"ר שאַבאַד זיינען אוועק אויפן וואָקזאַל, וואו מען האָט איינגעשלאָסן די אַרעסטירטע; איך בין אוועק צו דעם אָקאָרשט באַשטימטן שטאָט-פּרעזידענט וויטאַלד אַבראַמאָוויטש און אים געבעטן, ער זאָל זיך גלייך משתדל זיין פאַר די צוויי יידישע שריפטשטעלער, פאַר וועלכע איך בין גרייט צו געבן אַ שריפטליכע ערבות, אַז זיי זיינען ניט קיין קאָמוניסטן און אַז זיי האָבן גאַנץ געוויס ניט געקענט שיסן אין די פּוילישע סאָלדאַטן. דער הער אַבראַמאָוויטש, מיט וועמען מיר זיינען אַלכע באַקאַנטע, האָט געזאָגט, אַז ער גלויבט אין מיין וואָרט און וועט זיך משתדל זיין וועגן זיי. איך האָב אים באַדאַנקט און געזאָגט, אַז דאָ איז איטליכע סעקונדע טייער און איך בעט גלייך, ניט אָפּלייגנדיג די זאַך, זיך אַריינמישן לטובת די אומגליקליכע. ער האָט מיר דאָס צוגעזאָגט באַלד צו טאָן. זעגענענדיג זיך מיט מיר, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיט מיר איבערצורעדן וועגן זעהר אַ וויכטיגן און אַן איילינן ענין. איך האָב מסכים געווען אויף מאָרגן, 12 אַזייגער בייטאָג, מיט אים דעם ענין צו באַטראַכטן.

דער ענין, האָט מיר אויף מאָרגן געזאָגט וו. אַבראַמאָוויטש, באַשטייט דערין, וואָס די שטאָט און דער גאַנצער קאַנט לעבן איבער אַ שווערע גורל-שעה. ערגער פאַר אַלץ איז, וואָס עס איז נאָך דערווייַלע ניטאָ אין לאַנד קיין אָרגאַניזירטע מלוכה-מאַכט. וואָס עס זאָל ניט ווערן שפּעטער פון אונזער קאַנט, מוז

דאָך, לויט מיין מיינונג, קודם-כל אָרגאַניזירט ווערן אַ מלוכה פֿאַר אונזער קאַנט. אַ דערווייליגע מלוכה. לאָמיר אָרגאַניזירן אַ מיניסטעריום. פֿון יידן בעט איך אייך, איר זאָלט זיך באַטייליגן אַלס מיניסטער און איינלאַדן מיט זיך נאָך איינעם אָדער אפילו צוויי יידישע מיניסטאָרן. אין אַ פּאָר טעג ווען אונזער מיניסטעריום זיין פֿאַרטיג, דאַן גייען מיר אַריין צו יוזעף פּילסודסקי. ער בלייבט נאָך דריי טעג אין ווילנע, און בעטן אים, אַז ער זאָל דאָ בילדן אַ דערווייליגן מיניסטעריום, וועלכער זאָל אָנפֿירן מיט אַלע ענינים פֿון אונזער קאַנט...

דאָס וואָלט הייסן, ערשטנס, אַז מיר אָנדערקענען די סוּווערעניטעט פֿון פֿון דעם פּוילישן מלוכה-שעף און, נאַטירליך, פֿון פּוילן. צווייטנס, האָט דער פּאָגראָם אין ווילנע, אמת אין אַ שוואַכערע פֿאָרמע, נאָך געפֿושעוועט: יידיש לעבן און יידיש אייגנס איז נאָך געווען הפקר. דריטנס, איז די לאַגע פֿון פּוילן אין דעם גאַנצן קאַנט געווען אין איטליכן פּרט אַזוי ניט זיכער, אַז באַטייליגן זיך אין אַ פּוילישע רעגירונג וואָלט דאָך הייסן ריזיקירן מיט דעם עתיד פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין ליטע. איך רייד שוין ניט, וואָס איך פּערזענליך, וועלכער איז דאָ גאָרניט לאַנג געזעסן אַלס מיטגליד אין דעם ליטווישן מיניסטעריום, האָב דאָך ניט געקענט אַזוי גרינג מגולגל ווערן אין אַ פּוילישן מיניסטער...

איך האָב געזאָגט וו. אַבראַמאָוויטשן, אַז איך קען אַליין אויף די שאלה קיין ענטפֿער ניט געבן: איך מוז זיך באַראַטן מיט מיינע פּאָליטישע פֿריינד און אויך מיט דער קהילה.

„על-כל-פנים", האָב איך געזאָגט, וועלנדיג געווינען צייט און צווינגען די מאַכט אָנצונעמען שטרייִנגע מיטלען געגן פּאָגראָם, „פֿאַר צען-טעג וועל איך קוים זיין ביכולת צו געבן אַן ענטפֿער שוין פֿון דעם גרונד, וואָס מען קען קיין אסיפה ניט צונויפֿקלייבן מחמת דער שיסערייִ און רויבערייִ אויף די גאַסן".

סוף-כל-סוף זיינען מיר מושווה געוואָרן אויף 5 טעג: אין 5 טעג אַרום האָב איך אים מודיע געווען, אַז מיר קענען זיך ניט באַטייליגן אין דעם מיניסטעריום, ערשטנס, ווייל עס איז נאָך אַלץ ניט מעגליך צו פֿאַרזאַמלען זיך מחמת די „עקסצעסן" אויף די ווילנער גאַסן הערן אַלץ ניט אויף; צווייטנס, האַנדלט זיך דאָך דאָ וועגן אַ מיניסטעריום פֿאַר דעם גאַנצן קאַנט און דעריבער וואָלט נאָר אַ קאָנפֿערענץ פֿון אַלע שטעט, וועלכע גייען אַריין אין אים, קענען געבן אַ תשובה אויף דער שאלה...

אַבראַמאָוויטש האָט פֿאַרשטאַנען נאַטירליך די זאַך און האָט זיך געמאַכט, אַז ער לאָזט זיך נאַרן... מיר זיינען זיך פֿאַרנאַנדערגעגאַנגען.

יוז. פּילסודסקי איז באַלד אַוועקגעפֿאָרן פֿון ווילנע און האָט געלאָזן אין שטאָט אַ געוויסן הער יעזשי אָסמאָלאָווסקי אַלס הויפּט-קאָמיסאַר איבער די מזרח-לענדער. דער דאָזיגער קאָמיסאַר איז געשטאַנען בראש פֿון אַ גרויסער „פֿאַרוואַלטונג פֿון די מזרח-לענדער". אַזוי ווי דער ראָמאַנטישער סאָציאַליסט יוזעף פּילסודסקי האָט דעמאָלט אָנגעהויבן זיין מאַרש, כדי צו באַקומען די

גרעניצן פון יאָר 1772 און אַרויסרוקן פּוילן אויף דעם וועג קיעוו—אָדעס ביז צו די ברעגן פון שוואַרצן ים, לויט דעם אַלטן פּאַטריאָטישן פּראָגראַם: „פּוילן פון ים ביזן ים!"—האָט דער דערמאָנטער קאָמיסאַר באַדאַרפט ווערן אַ הערשער איבער די אַלע דאָזיגע לענדער.

אַסמאָלאָווסקי איז געווען אַ הויכער און אַ שיינער הער פון 45—50 יאָר בערך, וועלכער איז געווען גוט דערצויגן, מיט שיינע מאַנירן, אָבער ווייטער אַ גאַנץ מיטלמעסיגער מענש... איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט פון דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז אַריין אין דינסט. אַלס ענטפער אויף אונזערע תביעות, וואָס מען האָט אַזוי פיל אומשולדיגע מענטשן אַרעסטירט, האָט דער הער אַסמאָלאָווסקי צונויפגערופן אַן אויספאָרשונגס-בית-דין מיט דעם אָנטייל פון נאַציאָנאַליטעטן-פאָרשטייער; אין דעם דאָזיגן בית-דין זיינען אַריין פּוילישע, ליטווישע און יידישע כלל-טוער, אַלס „אויספאָרשונגס-ריכטער". פון יידן זיינען אַריין חוץ מיר: ד"ר שאַבאַד, ד"ר י. מאַקאָווער און אַנדערע. דער פּאָרזיצער פון געריכט ביי דער גרעסטער תפיסה „אין פּאָליציע—הויף", וואו איך האָב זיך באַטייליגט אַלס ריכטער, איז געווען מאַיאָר קאָסטעצקי, וועלכער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס דער ריכטער, וואָס האָט אָקאָרשט פאַרענדיגט פונקט אַזאַ פּראָצעס אין לעמבערג (לוואָוו).

עס קען זיין, אַז אין דער קאָלאָסאַלער מאַסע אַרעסטירטע ווילנער בירגער, על פּי רוב יידן, זיינען אפשר געווען עטליכע קאָמוניסטן אויך, זיכערע באַווייזן דערפאַר האָב איך עפּעס ניט געזען, אָבער דערין איז קיין ספק ניט געווען אַז ניט ווייניגער, ווי ניינציג פּראָצענט פון זיי האָבן גלאַט קיין שייכות ניט געהאַט ניט צום קאָמוניזם, ניט צו פּאָליטיק בכלל. איך האָב זיך אין דעם איבערצייגט באַלד, ווי מיר האָבן אָנגעהויבן דורכזיפן דעם גרויסן עולם פון דער אויבנדערמאָנטער תפיסה „אין פּאָליציע הויף", וועלכער איז געווען, ווי אַלע איבעריגע תפיסות פול אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, וואָס מען האָט געשלאָגן און געהאַלטן אין דעם גרעסטן שמוץ. מען האָט זיי כמעט ניט געגעבן עסן און איבער די יידן האָט מען זיך חוצדעם שטאַרק געדזיעקעוועט.

די ערשטע טעג האָט זיך אונז איינגעגעבן צו באַפרייען אַ היבשע ביסל מענטשן, אָבער פון דעם דריטן טאָג אָן האָבן אַלע אונזערע פאָרשטעלונגען, אפילו אונזערע ערבות, מער קיין השפּעה ניט געהאַט און אפילו מענטשן, וועמעס אומשולד איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, פלעגט אויך דער פּאָרזיצער לאָזן אין תפיסה „ביז די זאַך וועט ווערן קלאָר"; מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז די מאַכט וויל נאָר אויסנוצן אונזערע נעמען פאַרן אויסלאַנד, וואו דער ווילנער פּאָגראָם האָט געמאַכט אַ גוואַלטיגן רושם. די אַרעסטירטע, אָבער, באַ-פרייען האָט מען אָפּנים ניט געהאַט בדעה; מען האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן אַלע אַרעסטן צודעקן מיט אונזערע נעמען. דעריבער האָבן זיך אַלע כלל-טוער, ליטווישע, פּוילישע און יידישע, באַלד אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין די דאָזיגע „געריכטן".

דערמיט, אָבער, האָט זיך די אַרבעט פון די יידישע פאָרשטייער צום שוץ פון די יידישע אַרעסטירטע נים נאָר ניט געענדיגט, נאָר מען קען זאָגן ערשט אָנגעהויבן. דאָ טרעט אַרויס מיט איר אָרגאַניזירטער אַרבעט און פּעכטע רייד ווידער די קהילה, צו וועלכער ס'איז איבערגעגאַנגען די איינגעאָרדענטע פון „יעקאָפּאָ" יורידישע קאָמיסיע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די אַלע זאַכן. די דאָזיגע אָפּטיילונג האָט געשאַפן קודם-כל א רעגיסטראַציע פון די ווילנער הרוגים און פון א היבשן טייל צוראַבירטע. יעדע רעגיסטראַציע איז באַשטאַנען פון א פאָרמוליאַר, אין וועלכן אַלץ איז געווען נאָכן אמת פאַרשריבן פון פּערזאָנען- עדות מיט זייערע חתימות און אַדרעסן. א קאָלאָסאַלער מאַטעריאַל ליגט נאָך איצט אין דעם ווילנער אַרכיוו פון דער קהילה און האָט געשפּילט בשעתו א ג ר ו י ס ע ר אָ ל. די ערשטע וויכטיגע אַרבעט האָט דאָ געשאַפן דער באַקאַנטער קאָוונער עסקן, אַדוואָקאַט עזור פינקלשטיין, די יורידישע אָפּטיילונג פלעגט פירן א גענויע רעגיסטראַציע פון אַלע אַרעסטירטע, פלעגט קלייבן אין די דרייערליי פוילישע זשאַנדאַרמעריעס ידיעות וועגן זיי און פלעגט אינאַיינעם מיט די מיטגלידער פון פּרעזידיום אַרבעטן אויף זיי צו באַפרייען. דאָ האָט זיינע גרויסע פאַרדינסטן געהאַט הרב י. רובינשטיין, וועלכער האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף די אַרעסטירטע, פלעגט מער פאַר אַלעמען אָפּגעבן זיך דער זאַך, האָט ניט איינמאָל באַזוכט וועגן דעם וואַרשוי, וואו ער איז געווען אָנגענומען פון מלוכה-שעף.

באַזונדערס שווער איז געווען די לאַגע פון די אַרעסטירטע, וועלכע מען האָט אַרויסגעשיקט פון ווילנע. מען קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן די אכזריות- דיגע עניים, וועלכע מען פלעגט אָנטאָן די דאָזיגע אומגליקליכע. על פי רוב געבן אויסגעלדיבע מענטשן אין וועג און אין די אינטערנירונגס-לאַגערן אין פוילן; גאָר פון אָנהייב האָט מען אַרויסגעשיקט מערערע הונדערטער אַרעסטירטע פון ווילנע אין לידע, ביאַליסטאָק און אַנדערע שטעט, נאָר כדי צו באַקומען אָרט אין די פול געפּאַקטע ווילנער תפיסות פאַר נייע אַרעסטירטע. ביי דעם באַפרייען פון די לאַגערן האָבן זעהר פיל געאַרבעט הרב רובינשטיין, סודיסקי, קליינשטיין ד"ר כהן און א גאַנצע, אַזוי גערופענע ספּעציעלע יורידישע קאָמיסיע.

דער פּאָגראָם אין ווילנע איז ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין א כראָני- שער פאָרמע, וועלכע האָט געדויערט פיל חדשים, נאַטירליך אין א שוואַכערע מדרגה. דער ייד אויפן גאַס, זיין דירה, זיין אייגנס איז נאָך אַלץ געווען הפקר. פלעגט דער ייד אַרויספאָרן פון שטאָט, פלעגט ער שוין מוזן איבערלעבן די שווערסטע צרות און די גרעסטע דערנידעריגונגען. אין וואַגאָן פאָרן פלעגט זיין די גרעסטע סכנה: מען פלעגט שלאָגן יידן מכות רצח, אָפּשניידן זיי די בערד. דאָס איז געווען א ליבע „שטיפעריי", באַזונדערס ביי די ליבע „פויזענער" סאָלדאַטן („פּאָזנאַנטשיקי"), וועלכע זיינען געווען באַזונדערס צובושעוועט. דאַן פלעגט מען ביי די יידן אָפּט אָפּנעמען אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט, אפילו אַראָפּרייסן די שטיוול פון די פיס און נאָכדעם פלעגט מען זיי, ניט זעלטן, געוויינליך דורכן טיר אָדער דורכן פענסטער אַרויסוואַרפן פון וואַגאָן עס פלעגן פאָרקומען נאָך ערגערע זאַכן.

גאָר זעלטן פֿלעגט פֿאָרקומען, אַז װען עס איז פֿון פּאָליאַקן זאָל זיך דערבײַ אָנגענומען פֿאַר ייִדן...

דער באַנעמען פֿון דער העכער און דער העכסטער פּױלישער מאַכט צו ייִדישע פֿאָרשטייער איז געװען, פֿון דער דרױסנדיקער זײַט, אַ גאַנץ גוטער, אָבער אין תּוך איז דאָס געװען אַ שפּיל: אַט, לאָמיר אָפּגעבן די ייִדישע פֿאָר־שטייער כּבֿוד, מיר דאַרפֿן זײ איצט האָבן. קיין ערנסטן װילן צו געבן די ייִדן פּ אַ ק ט י ש ע גלײַכבאַרעכטיקונג אָדער נאַציאָנאַלע רעכט האָב איך בײַ דער מאַכט ניט געקענט באַמערקן.

דער „הױפּט־קאָמיסאַר פֿון די מזרח־לענדער", אַ מין רוסישער גענעראַל־גובערנאַטאָר, י. אָסמאָלאָװסקי, װאָס מיר אײַנגעלאַדן אַפֿאָר מאָל צו זיך, האָט מיר אָנגענומען, ניט קוקנדיק אױף די װאַרטנדיקע פּױלישע מאַגנאַטעריע, װעלכע איז געקומען פֿריִער פֿאַר מיר, דעם ערשטן, האָט זײער ליבנסװירדיק גערעדט מיט מיר אַ לענגערע צײַט. האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם, „װאָס װילן די ליטװישע ייִדן". אַז איך האָב אים, אָבער, געזאָגט, אַז די ליטװישע ייִדן פֿאָדערן קודם־כּל נאַציאָנאַלע רעכט, און װעלכע זײ קענען ניט אױסקומען, — האָט ה׳ אָסמאָלאָװסקי געמאַכט אַ זױערע מינע און איז, פֿאַרשװײַגנדיק די זאַך, באַלד אַריבערגעגאַנגען צו אַן אַנדער ענין... װײַטער האָט מען די גאַנצע צײַט זיך געשפּילט אין כּלומרשט־קאָמיסיעס און בית־דינס, װעלכע האָבן באַדאַרפֿט כּלומרשט אױספֿאָרשן די שרעקלעכע עבֿירות קעגן ייִדן און באַשטראָפֿן די גזלנים און די רוצחים און װעלכע האָבן כּמעט גאָרנישט ניט געטאָן און ניט אױפֿגע־טאָן. די פּױלישע מאַכט בײַם פֿאַרנעמען װילנע האָט פֿון איין זײַט מורא געהאַט אָנצונעמען שטרענגע און ענערגישע מיטלען קעגן די אַלע „עקסצעסן"; פֿון דער אַנדערער זײַט האָט זי ניט פֿאַרשטאַנען, װי װיכטיק ס׳איז פֿאַר פּױלן אײַנצוהיטן ייִדן פֿון די אַלע „עקסצעסן". אין אַ גורל־שעה אי פֿאַר פּױלן, אי פֿאַר ליטע האָבן די פּאָליאַקן פֿאַרנומען װילנע, װען די פּױלישע מאַכט װאָלט דערבײַ ענערגיש דערשטיקט די „עקסצעסן" קעגן ייִדן, װאָלטן די באַציִונגען צװישן די פּאָליאַקן און ייִדן הן דאָ אין ליטע, הן אין אױסלאַנד געװאָרן אַ גאַנץ אַנדערע...

אַנשטאָט דעם האָט די מאַכט דורך איר פֿאַרמאַכן אַן אױג אױף די אַלע עקסצעסן אײַנגעװאָרצלט בײַ די פּױלישע סאָלדאַטן און בײַ דער פּױלישער באַפֿעלקערונג די זיכערקײט, אַז מיט ייִדן קען מען זיך אַלץ דער־לױבן; די פֿריִערדיקע דעמאָראַליזאַציע און דער נידעריקער קולטור־מצבֿ האָט דערבײַ געטאָן זײַנס ...

די פּױלישע מאַכט האָט זיך געהאַלטן בנוגע ייִדן פֿאַר אַ פּאָליטיק פֿון זיסע װערטער און ביטערע מעשׂים...

בכלל מוז איך זאָגן, אַז אין דער גאַנצער צײַט פֿון די אַלע דרײַ פּױלישע אָקופּאַציעס, האָב איך אין ליטע, קומענדיק אין באַרירונג מיט אַלע העכערע און מיטעלע באַאַמטן, ניט געזען קיין אײנציקן אמתן מלוכה־מאַן, װעלכער זאָל

האָבן גענוג קענטעניש און פאַרשטאַנד אין דער פויליש-יידישער שאלה בכלל און אין דער דאָזיגער שאלה אין ליטע בפרט. די אַלע מלוכה-מענער, וועלכע איך האָב געקענט, זייַנען אָדער געווען פריהערדיגע רוסישע ביוראָקראַטן, אָדער גלאַט גוטע מענטשן, נאָר שלעכטע מוזיקאַנטן...

וואָלט זיך אין דער דאָזיגער צייט געפונען אַ פוילישער מלוכה-מאַן, אַ גוט-באַהאַוונטער אין דער שווערער שאלה, וועלכער וואָלט אָנשטאָט פוסטע דיבורים אַריבערגיין צו ענערגישע מעשים, ד. ה. צום ענערגישן דערשטיקן די „עקסצעסן" פון איין זייט, צום פאַרווירקליכן דאָס יידישע נאַציאָנאַלע רעכט און די גלייכבאַרעכטיגונג פון דער אַנדער זייט, — דעמאָלט וואָלט דער גורל פון ליטע און פון גאַנץ פוילן גאָר אַנדערש פאַרחתמעט ווערן. דאָס איז מיין טיפע איבער-צייגונג. צום אומגליק איז דאָס אַזוי ניט געווען.

דעריבער שטייט נאָך איצט, צום אָנהויב פון 1922 יאָר, דער פוילישער וואָגן אין ליטע אין דערזעלביגער בלאָטע ווי פאַר צוויי יאָרן...

## VII.

די פאָגראָמען און רדיפות אויף יידן האָבן געמאַכט אַ גוואַלדיגן רושם אין מערב-אייראָפע און אַמעריקע.

אונטער דעם דרוק פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג זיינען מיט הפסקות פון עטליכע חדשים געקומען קיין פוילן און נאָכדעם קיין ווילנע, כדי אויסצו-פאָרשן די לאַגע און פעסטצושטעלן דעם אמת, דריי פאַרשיידענע קאָמיסיעס. די ערשטע איז געווען די אַמעריקאַנער קאָמיסיע מיט דעם אַמבאַסאַדאָר, סענאַטאָר מאָרגענטוי בראש, וועלכע ווילסאָן האָט געשיקט; די צווייטע איז געווען אַן ענגלישע אונטער דעם אָנפיר פון סער סעמועל; די דריטע איז געווען אַ פראַנ-צויזישע סאָציאַליסטישע מיט דעם באַקאַנטן סאָציאַליסטן-פירער רענאָדעל בראש.

וועגן די דריי קאָמיסיעס וויל איך דאָ באַריכטן.

די אַמעריקאַנער קאָמיסיע מיט מאָרגענטוי בראש איז אָנגעקומען אין ווילנע אין די לעצטע טעג פון חודש יולי 1919 יאָר און איז באַשטאַנען פון אַמבאַסאַדאָר מאָרגענטוי, אַלס יושב ראש, פון דעם גענעראַל דזשאַדווין און פון דעם קאַפיטאַן גאָטהאַרט; אויסערדעם זיינען ביי זיי געווען צוויי געהילפן, קראָס און סאַמועלי, דאַן דאָלמעטשער, סטענאָגראַפן, אַ פאָטאָגראַף וכדומה.

אַזוי ווי אין פוילן, אַזוי האָט אויך ביי אונז די קאָמיסיע זיך געשטעלט צוויי צילן: אויספאָרשן די פאָגראָמען און שטרעבן צו שלום, ד. ה. אַז יידן און פאָליאַקן זאָלן ווערן „גוטפריינט".

דעם ערשטן ציל האָט די קאָמיסיע אַזוי פאַרשטאַנען, אַז זי מוז פעסט-שטעלן די פאַקטישע זייט פון די אַלע מעשים תעתועים, אויף וועלכע מיר האָבן זיך באַקלאָגט. דעריבער האָט זיך די קאָמיסיע קודם כל געווענדעט צו

דער קהילה וועגן מאַטעריאַל. די קהילה, ווי שוין אויבן געזאָגט, האָט געשאַפט א סיסטעמאַטיזירטן מאַטעריאַל, וועלכן זי האָט איבערגעגעבן אין רשות פון דער קאָמיסיע. די קאָמיסיע האָט זיך, מחמת דעם גרויסן מאַטעריאַל, געמוזט טיילן אין דריי סוב-קאָמיסיעס. איטליכע סוב-קאָמיסיע פלעגט מיט א טאָג פריער אַרויסרופן די געליטענע און די עדות און פלעגט זיי ז ע ה ר ש ט ר ע נ ג אויספרעגן. די זיצונגען פון די קאָמיסיעס זיינען פאָרגעקומען אין דעם בנין פון דער קהילה ביי דעם בייזיין פון פאָרשטייער פון דער פוילישער מאַכט, ווי דער אָרטיגער אדוואָקאַט און שטאָט-קאָמיסאַר יאַן פילסודסקי און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך באַטייליגט אין דער אויספאָרשונג און—פון פאָרשטייער פון דער וואַרשעווער און ווילנער פרעסע. דער פועל-יוצא פון דעם גאַנצן אויספרעגן איז געווען דער, אַז די אַלע יידישע באַשולדיגונגען האָבן זיך באַשטעטיגט מער אָדער ווייניגער פולקום הן מצד די יידישע און הן מצד די קריסטליכע עדות. דער מאַטעריאַל פון דער קהילה איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער וואָלט געפאָדערט פאַר זיין אויספאָרשונג פיל חדשים; דעריבער האָט די קאָמיסיע זיך באַגרעניצט מיט די שווערע פאַלן, וועלכע זי פלעגט אויסקלייבן פון פאַרשיידענע ראַיאָנען און פערזאָנען אויף א פראָבע.

די קאָמיסיע האָט געאַרבעט מיט גרויס התמדה היבשע עטליכע טעג און איז אַוועקגעפאָרן. איך ווייס ניט, וואָס מאָרגענטוי האָט איבערגעגעבן דעם פרעזידענט ווילסאָן וועגן דער גאַנצער מעשה; איך ווייס נאָר, אַז די אַלע מעשים, אויף וועלכע די יידן האָבן זיך באַקלאָגט אין ווילנע, האָבן זיך אַרויסגעוויזן, אַלס א מ ת. ווי מען זאָל דאָס אָנרופן, צי פאָגראָם, צי „עקסצעס"—ענדערט דאָך עס אין עצם גאָרניט און איז אייגענטליך ניט קיין וויכטיגע שאלה.

די צווייטע עובדא, וואָס די מאָרגענטוי-קאָמיסיע האָט געוואָלט אויסטאָן, איז געווען דער שלום-שליסן צווישן פאָליאַקן און יידן. געווים וואָלט געווען פאַר ביידע צדדים א גרויסער גליק, ווען פאָליאַקן און יידן זאָלן גוט-פריינט ווערן. עס ליגט אָבער דערין א גרויסע—באַאיוויטעט... די נאַציאָנאַלע, פאָליטישע, עקאָנאָמישע, פסיכאָלאָגישע און ראַסן-סתירות, וועלכע האָבן זיך אין משך פון אַסך יאָרהונדערטער צוזאַמענגעוועבט אין א שרעקליכן פלאָנטער, מוזן האָבן, כדי צו פאַרשווינדן, א גרויסע, זעהר א גרויסע צייט. דאָס לאָזט זיך פאַרווירקליכן נאָר אויפן יסוד פון פאַקטישער און נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיגונג. דאָ זיינען נויטיג מעשים און ניט ווערטער, וועלכע קענען אין בעסטן פאַל אפשר עפעס אָפּשטעמפן די פאַרשאַרפונג פון דעם ביידערזייטיגן באַנעמען; מער פאַר דעם געוויס ניט.

אַלע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן באַזוכט דעם ציוניסטישן מרכז און כמעט אַלע האָבן דאָרטן געהאַלטן שלום-רייד.

א פאָר טעג פאַרן אַוועקפאָרן זיינען געווען איינגעלאַדן די יידישע פאָרשטייער און די אַמעריקאַנישע קאָמיסיע צו דעם הויפט-קאָמיסאַר אָסמאָלאָווסקי, וואו ס'האָבן זיך געפונען אַלע פאָרשטייער פון דער העכסטער פוילישער מאַכט אין אונזער קאַנט, אויף אַן אָפיציעלער שלום-זיצונג, אויף וועלכער עס איז גע-

קומען פון וואַרשע דער פאַרשטייער פון דעם פוילישן מיניסטעריום פאַר אויס־לענדישע ענינים גראַף זשולטאַווסקי.

ה׳ אַסמאַלאַווסקי האָט געעפנט די זיצונג און האָט באַדאַנקט די אַמעריקאַנישע געסט פאַר זייער שלום־פרוב. מאָרגענטוי האָט דערויף געזאָגט, אַז ער האָפט, אַז די איצטיגע באַגעגעניש וועט זיין דער אָנהויב פון נייע באַציהונגען צווישן פאָליאַקן און יידן...

איך האָב דאַן אין אַ לענגערער רעדע געדאַנקט דעם פרעזידענט ווילסאָן פאַר זיין שלום־קאָמיסיע און די קאָמיסיע פאַר איר שטרעבן צו דערנענטערן פאָליאַקן און יידן. ווייטער האָב איך געזאָגט, אַז מיר, יידן, זיינען „לויט אונזער פסיכאָלאָגיע און לויט אונזער גאַנצער מאָראַלישער קולטור אַ פרידליך פאָלק״... „שלום מאַכן צווישן צוויי פעלקער, צווישן וועלכע מען האָט אין משך פון הונדערטער יאָרן געזייט שנאה, איז ניט קיין לייכטער ענין, מען מוז אַזאַ שלום אויסבויען אויף פעסטע יסודות״... „ביי אונז אין ווילנע מוז מען אויפהערן צו בויען אַזאַ שלום נאָר אויף שיינע ווערטער, מען מוז אַריבערגיין צו מעשים, וואָס זאָלן אויסדריקן דעם פעסטן ווילן צום שלום״... ווייטער האָב איך די דאָזיגע מעשים קאָנקרעטיזירט און אונטערגעשטריכן, אַז „פון אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט קענען מיר און וועלן זיך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן״.

לידער האָט זיך, פאַרשטייט זיך, באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די פאָליאַקן פירן בנוגע יידן אַ פּאָליטיק פון שיינע ווערטער, וועלכע גייען ניט אַריבער אין מעשים. .

אַ פּאָר חדשים שפּעטער בערך איז אָנגעקומען אין ווילנע די ענגלישע אָפיציעלע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע מיט סער סעמיועל בראש. עס איז געוויס קיין צופאַל ניט, וואָס ביידע פאָרזיצער פון דער אַמעריקאַנישער און ענגלישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס זיינען געווען יידן: ביידע רעגירונגען האָבן דערמיט געוואָלט דעמאָנסטרירן דעם גרויסן צוטרוי, וועלכן זיי האָבן צו זייערע יידן. פאַר אונז, אָבער, יידן וואָלט געווען בעסער, אַז עס וואָלטן געווען ניט יידן: ערשטנס, וואָלט דאָס וויינציגער רייצן די צורייצטע פאָליאַקן; צווייטנס, וואָלטן די ניט יידן ניט באַדאַרפט מורא האָבן, אַז מען זאָל זיי חס־וחלילה ניט חושד זיין אין סימפּאַטיעס צו יידן...

די סעמיועל־קאָמיסיע האָט אויך נאַטירליך דורכגעזיפּט דעם מאַטעריאַל פון דער קהילה. ווייטער האָט די קאָמיסיע באַטראַכט גאַנץ ערנסט די פוילישע באַשולדיגונגען אין „שיסן פון די פענסטער״, אין „באָלשעוויזם״, צו וועלכן „כמעט אַלע יידן געהערן״ און אַז. וו. עס איז אויך געווען אַ פאָרשטייער פון פוילישן מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע ענינים. סער סעמיועל איז ניט קיין דיפּלאָמאַט ווי מאָרגענטוי, נאָר אַ פּראָסטער ענגלישער ייד, אָדער אַ יידישער ענגלענדער מיט אַ גלייכן און אַ געזונטן פאַרשטאַנד.

דעריבער איז אויך זיין באַשלוס, ווי זיין באַריכט, ווען איך האָב קיין טעות ניט, געווען קלאָר און איינפאַך ...

אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער האָט געהאַט די פּראָגצוויזשע סאָציאַליסטישע

קאָמיסיע מיט דעם באַקאַנטן פראַנצויזישן אַרבעטער-פירער רענאָדעל בראש, אָדער קורץ די רענאָדעל-קאָמיסיע, וועלכע איז געקומען קיין ווילנע אויף אויספאָרשן די פאָגראָמען עטליכע חדשים נאָך דער ענגלישער קאָמיסיע.

די רענאָדעל-קאָמיסיע איז געקומען קיין ווילנע אין אַ פאַרקירצטער צוזאַמענשטעלונג: זי איז באַשטאַנען נאָר פון רענאָדעל, וועלכער קען קיין אַנדער לשון ניט, חוץ פראַנצויזיש, און פון דעם באַקאַנטן פירער פון די דייטשע אומאָפּהייניגע סאָציאַליסטן, ד״ר אָסקאַר קאָן.

ווען די ענגלישע און באַזונדערס די אַמעריקאַנישע קאָמיסיע האָבן זיך באַשעפטיגט מיט אויספרעגן פון געליטענע און עדות, כדי צו פעסטצושטעלן געוויסע אינדיווידועלע פאַקטן,—האָט זיך די רענאָדעל-קאָמיסיע גאַנץ ווייניק אָפּגעגעבן מיט אַזוינע זאַכן. זי האָט די גאַנצע שאלה געשטעלט פיל ברייטער, ווי אַ שאלה פון דעם אַנטיסעמיטיזם בכלל און פון דעם אַנטיסעמיטיזם אין פוילן און ליטע בפרט. זי האָט געוואָלט אויספאָרשן די דאָזיגע שאלה בכלל און פון דעם אַרויסגעפינען מיטלען צו באַזייטיגן די טרויעריגע ערשיינונגען פון דעם מיאוסן אַנטיסעמיטיזם.

די קאָמיסיע רענאָדעל האָט מיר, אַלס פאָרזיצער פון דער ווילנער קהלה, פאַרבעטן דעם ערשטן אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג אין די אַלע פראַגן, וועלכע איר אינטערעסירט. אָסקאַר קאָן, מיט וועמען איך בין שוין פון פריהער געווען באַקאַנט, האָט, פאַרבעטנדיג מיר אויף אַ זיצונג פון דער קאָמיסיע, מיר פאָרגעלייגט איינצולאַדן נאָך עטליכע מיטגלידער פון דער קהילה.

איך האָב פאַרבעטן די הערן קרוק און בוניאַק, וועלכע זיינען אויף מאָרגן אין דער אָפּגערעדטער שעה מיט מיר אינאיינעם געקומען אין האָטעל, וואו די קאָמיסיע האָט זיך געפונען.

רענאָדעל האָט אונז אין אַ קורצער רעדע באַקאַנט מיט די אויפגאַבן און וואונשן פון דער קאָמיסיע און האָט מיר געבעטן צו געבן מיינע אויפקלערונגען בנוגע די אַלע פונקטן, וועלכע זיי אינטערעסירן. איך האָב די קאָמיסיע אין אַ רעדע, וועלכע האָט געדויערט מער ווי צוויי שעה, באַקאַנט מיט מיין שטאַנדפונקט בנוגע אַנטיסעמיטיזם בכלל און אין פוילן בפרט, ווייטער מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן באַנעמען זיך פון אַלע פעלקער פון ליטע, באַזונדערס אין דער צייט פון אַלע אָקופּאַציעס און לסוף — מיט די לעצטע טרויעריגע געשעהענישן. פאַרענדיגנדיג מיינע רייד, האָב איך אַלס פועל-יוצא פון דעם, וואָס איך האָב געזאָגט, פאָרגעשלאָגן אַ ריי מיטלען, וועלכע מוזן אָנגענומען ווערן אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן וועג, דער עיקר דורך דער פעלקער-ליגע, כדי צו פירן מלחמה מיט דעם אַנטיסעמיטיזם, דעם פאָטער פון אַלערליי רדיפות אויף יידן און פאָגראָמען בתוכם. איך האָב פאָרגעלייגט:

1) ס'זאָל געפירט ווערן זעהר אַן ענערגישע מלחמה מיט דעם אַנטיסעמיטישן חנוך אין שול און, אויף וויפיל עס לאָזט זיך,

אויך אין דער פאמיליע, אין דער פרעסע, אין קלויסטער (קירכע), אויף עפנטליכע אסיפות, אויפן גאס ובדומה.

2) די יידישע גלייכבארעכטיגונג זאל מיט אלע כחות דורכגעפירט ווערן אין לעבן. דאס וועט בעסער פאר אלץ ארייננשטופן די דאזיגע השגה אין דעם רעכטבאוואוסטזיין פון פעלקער, וואס שטייען אויף א נידעריגער קולטורעלער מדרגה.

3) די פעלקער-ליגע מוז זארגן דערפאר, אז די רעכט פון די מעוטפעלקער, וועלכע זיינען אזוי הויך און אזוי פעסט פראקלאמירט געווארן אין דעם ווערסאלער שלום-אפמאך, זאלן ניט בלייבן קיין „שטיקל פאפיר", קיין נאטוראל-רעכט, נאר אן אבתער, א ווירקענדיגער רעכט. עס איז צו ווינשן, אז דער קאמפעטענץ-קרייז פון דער פעלקער-ליגע, וועלכער דרינגט אריין אין דעם סווערעניטעט-רעכט פון איינציגע מלוכות, זאל פארברייטערט ווערן. ס'איז דורכאויס נויטיג, אז די פעלקער-ליגע זאל זיך קענען אנשפארן אן א געווגענדען צוואנגס-כח.

4) אין דער יידישער פראבלעם שפילט פאלעסטינע, אלס א זעלבסטשטענדיגע יידישע היים, פון נאציאנאל-עקאנאמישן, ווי אויך פון נאציאנאל-פאליטישן און קולטורעלן שטאנדפונקט א קאלאסאלע ראל. די פעלקער-ליגע מוז דעריבער אנשטרענגען אלע אירע כחות, כדי צו פארווירקליכן דעם ציוניסטישן אידעאל.

די קאמיסיע-רעגאדעל האט נאכדעם אויך געהאט לאנגע ישוב-הדעתן מיט פארשטייער פון אלע סאציאליסטישע פארטייען, יידישע און קריסטליכע.

## .VIII

שוין אין די ערשטע טעג פון דער פוילישער אקופאציע האט מיר דער הויפט-קאמיסאר געזאגט, אז ער האפט גאר אינגיכן מאכן אין ווילנע וואלן*) פאר די זעלבסט-פארוואלטונג; ער האט מיר פארזיכערט, אז די וואלן וועלן זיין „העכסט דעמאקראטישע". איך האב געפרעגט: „זעקס-סימנים'דיגע?—וועגן פרויען איז נאך דערווייל ניט באשטימט געווארן, האט מיר דער קאמיסאר געענטפערט. מען האט באזונדערס זעהר פיל גערעדט וועגן דעמאקראטיע אין די אפיציעלע קרייזן, מחמת ... פילסודסקין.

עס זיינען קוים אריבערגעגאנגען עטליכע חדשים, ווי מען האט געהאט גענומען שטארק ריידן און שרייבן וועגן „זעקס-סימנים'דיגע" וואלן אין שטאט-ראט. באלד האבן זיך אנגעהויבן די אנטי-דעמאקראטישע הכנות צו די דעמאקראטישע וואלן.

---

*) פון דעם פארגעמען ווילנע ביז צו די וואלן אין שטאט-ראט האט מיט אלע קאנדטישע ענינים און מיט דער בעלי-בתישקייט אנגעפירט א באשטימטער מאגיסטראט מיט ה. אנגראמאוויץ בראש, וואו עס זיינען אריינגעגאנגען אויך דריי באשטימטע יידן. די קהלה האט מען וועגן איר מיינונג ניט געפרעגט.

קודם־כל האָט דער קאָמיסאַר פאַר די מזרח־לענדער פּובליקירט אַ באַפעל, לויט וועלכן דער פּלאַן פון דער שטאָט ווילנע ווערט אַזוי געענדערט, אַז זיין שטח ווערט פאַרגרעסערט מער, ווי צוויי אין אַ האַלב מאָל; דערביי ווערן אריינגעצויגן אין שטאָט דערפער און דאָרפישע ערטער, וועלכע ליגן 25—30 וויאָרסט ווייט פון שטאָט און וועלכע האָבן ניט קיין שום עטנאָגראַפישע, טאָפּאָגראַפישע אָדער עקאָנאָמישע שייכות צום שטאָט.

אַזוי, ווי די באַפעלקערונג פון ווילנע האָט זיך צו דער צייט געווען פאַרקלענערט ביז אַ העלפט פון דער פריהערדיגער באַפעלקערונג און אַזוי ווי דער האַנדל און אינדוסטריע אין גאַנצן קאַנט זיינען געווען פּאַראַליזירט, האָט מען אין פּלוג ניט געקענט פאַרשטיין צוליב וועלכע טעמים מען האָט אַזוי פאַרגרעסערט דעם פּלאַן פון דער שטאָט ווילנע. מיר, אָבער, די, וואָס קענען שוין דעם שווינדל פון פריער — האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ הקדמה צו די וואַלן. די זאַך איז אַ גאַנץ פּראָסטע. וואָס מער מען זאָל אין פּוילן אָדער אין ליטע אריינציען אין אַ שטאָט אַרומיגע דאָרפישע ערטער, אַלץ גרעסער וועט ווערן די קריסטליכע באַפעלקערונג און אַלץ קלענער וועט געוויס ווערן דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווייל יידן וואוינען אויסערן שטאָט זעהר ווייניג: זיי זיינען שטאָדטישע תושבים.

דער שווינדל האָט שוין זיין פאַרגעשיכטע. די וואַלן אין די ערשטע רוסישע מלוכה־דומע זיינען געווען דעמאָקראַטישע און דערביי האָבן זיי אָפּגעשפּיגלט דעם יידישן רוב פון דער ווילנער באַפעלקערונג: אין דומע איז געווען אויסגעקליבן אַ יידישער דעפּוטאַט.

האָבן זיך צוליב דעם די פּוילישע ענדעקן געפילט גאַנץ אומגליקליך: „סטייטש — אַ ייד — אַ פאַרשטייער פון ווילנע!“ האָבן זיי פאַרגרעסערט דעם פּלאַן פון ווילנע און געבילדעט אַן „אכטן אוטשאַסטאָק“, וועלכער איז באַשטאַנען פון אויסנשטאָטישע ישובים; זיי האָבן דאָס, אָבער, דורכגעפירט אפילו דורכן סענאַט, וואו זיי האָבן געהאַט, ווי געוויינליך, אַ היבשע ביסל אייגענע מענטשן. דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען דער, אַז אין דער צווייטער און אַפשיטאַ שוין אין דער דריטער דומע זיינען שוין פון ווילנע געווען אויסגעקליבן פּאָליאַקן.

גאָר אין אָנהויב פון דער דייטשער אָקופּאַציע, מורא האָבנדיג, טאָמער וועלן די אויבנדערמאָנטע פאַרגרעסערונגען ניט קלעקן און וועלנדיג באַווייזן די דייטשן, אַז ווילנע איז אַ שטאָט מיט אַ שטאַרקער פּוילישער מאַיאָריטעט, האָבן געוויסע פּאָליאַקן איינגערעדט דעם אָבער־לייטענאַנט פּאָנפּיק, אַז מען מוז פאַרגרעסערן דעם שטח פון דער שטאָט ווילנע, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס דער גרעסטער טייל פון דער ווילנער באַפעלקערונג איז מיט עטליכע חדשים צוריק אַנטלאָפן פון ווילנע. די פאָלקסציילונג פון דער נייער ווילנע האָט שוין אַרויסגעוויזן, אַז יידן אין ווילנע זיינען נאָר 43,5 פּראָצ. אַיך האָב די דייטשן דעמאָלט דערקלערט די זאַך: זיי האָבן אמת חרטה געהאַט,

אָבער, ניט זייענדיג פאַראינטערעסירט אין דער זאַך, האָבן זיי דייטשן זי ראַך געלאָזן ווי זי איז...

איצט איז געקומען דער „קאָמיסאַריאַט פאַר די מזרח-לענדער" מיט אַ נייער, ניט דערהערטער פאַרגרעסערונג פון דער שטאָט ווילנע אָדער מיט דער שאַפונג פון אַ „גרויס-ווילנע". איך האָב אויפגעהויבן אַ ויצעקו אין דער פרעסע און ביי דער פוילישער מאַכט, איך האָב, אָבער, גאָרניט געקענט אויספירן.

באַלד נאָכדעם האָט מען פאַרעפענטליכט די תּקנות פון די וואַלן, פון וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז 1) ס'קענען ניט קלייבן אונטערטענער פון די מלחמה-פירענדיגע לענדער און 2) קענען געקליבן ווערן נאָר די, וואָס קענען ריידן און שרייבן פויליש. דער ערשטער פונקט וואָלט מאַכן די צאָל פון די יידישע קלייבער דריי אָדער פיר מאָל קלענער, ווי זי איז געווען. דער צווייטער פונקט וואָלט אַריינלאָזן אין שטאָט-ראַט נאָר אַ גאַנץ קליינע הייפעלע „פוילישע" יידן...

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס כמעט אַלע יידישע פּאָליטישע פּאַרטיעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אָנטייל נעמען אין אַזוינע „וואַלן". דאָס אַלץ האָט געהאָלפן און די אויבנדערמאָנטע צוויי פּאַראַגראַפן, ווי נאָך עטליכע קלענערע באַגרעניצונגען, זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן. מען האָט זיך געניטיגט אין אונז, כדי צו ווייזן דער אַנטאַנטע, אַז דער „הייפעלע" יידן אין ווילנע גייט אויך מיט די פּאָליאַקן. דער עיקר-ציל פון די וואַלן איז געווען אַ פּאָליטי-שער: באַווייזן, אַז ווילנע איז אַ פוילישע שטאָט... די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיעס האָבן זיך אפילו נאָך דער אויבנדערמאָנטער אויסבעסערונג פון די תּקנות אָפּגעזאָגט פון באַטייליגן זיך אין די וואַלן.

די איבעריגע יידישע פּאַרטיעס האָט זיך מיר איינגעגעבן איינצורעדן צו באַטייליגן זיך אין די וואַלן.

פאַר מיר איז דער שטאָטראַט געווען קודם-כּל אַן אָרט, וואו מען האָט געקענט און געמוזט פירן מלחמה פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר אונ-זער עקאָנאָמישע גלייכבאַרעכטיגונג. לאָזן אויף הפקר אַלע יידישע אינטערעסן האָט מען, לויט מיין מיינונג, ניט געטאָרט. געוויס איז די „גרויסע ווילנע" געווען אַ שווינדל; געוויס האָבן מיר ניט דערוואַרט, אַז מיר וועלן דערגרייכן אַלץ, וואָס אונז קומט על-פּי-יושר, אָבער אַוועקגיין און לאָזן פאַלן אונזער רעכט אָן שוץ און אָן אַ פאַרעקשנטן קאַמף וואָלט געווען אַ פעלער, ווייל דער פּאָליטישער קאַמף איז די עיקר-זאַך.

ווייטער זיינען אין אַלע סטאַדיעס פון די וואַלן פאָרגעקומען מיסברויכן מצד די פוילישע ענדעקן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט דעם גאַנצן אויספיר-אַפּאַראַט פון די וואַלן. איך האָב, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס איך בין געווען אַ מיטגליד פון דער הויפּט-וואַל-קאָמיסיע, שאַרף פּראָטעסטירט געגן דעם און געפאָדערט נייע וואַלן. עטליכע מיסברויכן האָט זיך איינגעגעבן צו באַזייטיגן; אויף נייע וואַלן איז די פוילישע מאַכט ניט מסכים געווען.

פוף-כל-סוף זיינען אין חודש סעפטעמבער 1919 פאָרגעקומען די וואַלן אין שטאָט-ראַט. פון 48 ראַטמענער זיינען אויסגעקליבן געוואָרן נאָר 14 יידן, הגם די יידישע באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן זעהר אַ קליינעם אַבסענטעאיזם. די סיבה דערפון איז געווען „גרויס ווילנע"...

פון די 34 אויסגעקליבענע פּאָליאַקן זיינען 31 געווען „נאַראָדאָווצעס" און אַנדערע רעכטע, 1 „דעמאָקראַט" און 2 פּ. פּ. ס.

פאַר די, וואָס קענען די פּוילישע פּאַרטיעס אין ליטע, איז דער פּועל-יוצא פון די וואַלן געווען אַ גאַנץ פאַרשטענדליכער...

אויף דער ערשטער פייערליכער זיצונג פון דעם שטאָט-ראַט זיינען די פּאָליאַקן אַרויסגעטראָטן מיט דעקלאַראַציעס, אין וועלכע זיי האָבן אַרויסגעזאָגט זייער פריידי, וואָס די פּוילישע אַרמיע האָט באַפרייט דאָס לאַנד פון די באָל-שעוויקעס און זייער האָפענונג, אַז אונזער קאַנט וועט זיך אויף וועלכן עס איז אופן אַנשליסן אָן פּוילן.

אין דעם נאָמען פון די יידישע ראַטמענער האָב איך איבערגעלייענט אַ דעקלאַראַציע אויף יידיש, אין וועלכער, חוץ אַ ברייטע עקאָנאָמישע פּראָגראַם, איז געווען אַ שאַרפער פּראָטעסט געגן דער „גרויס-ווילנע" און אַלע איבעריגע עוולות, וועלכע זיינען אָנגעטאָן געוואָרן יידן ביי די וואַלן... דער עפנטליכער אַרויסטרעטן מיט אַ דעקלאַראַציע אין יידיש (די פּוילישע איבערזעצונג איז איבער-געלייענט געוואָרן דורכן אינזשענער ה' ספּירא) האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם: דאָס איז געווען דער ערשטער אַרויסטרעטן אין דעם ווילנער שטאָט-ראַט אויף יידיש.

אין פּרעזידיום פון מאַגיסטראַט האָבן די יידישע ראַטמענער ניט געוואָלט אַריינטרעטן דערווייליע מחמת כמה טעמים; אָבער אין מאַגיסטראַט גופא האָבן מיר געפאָדערט צוויי ערטער, וואָס קומען אונז, לויט אונזער צאָל. די פּאָליאַקן האָבן זיך פאַרעקשנט נאָר אויף איינעם; היות, ווי מיר האָבן זיך פון אָנהויב, צוליב פּאָליטישע טעמים, ניט געיאָגט נאָך אַ שטאַרקער פאָרשטייערשאַפט אין מאַגיסטראַט, האָבן מיר ניט געוואָלט פאַרפירן צוליב דעם אַ מחלוקת און דערקלערט, אַז דערווייליע זיינען מיר מרוצה מיט איין מיטגליד פון מאַ-גיסטראַט (לאַווניק); אָבער, אַז עס וועט קומען די צייט, וועלן מיר פאָדערן דעם צווייטן. אונזער לאַווניק, דעם אינזשענער א. קאַבאַטשניק, האָבן די פּוילשע ראַט-מענער פון דעם רוב אָנגעטרויט די פייערלעשעריי און סאַניטאַריע. דאָס איז פאַר די פּוילישע ענדעקן גאַנץ כאַראַקטעריסטיש: געבן די יידן אַ פלומרשטע פאָר-שטייערשאַפט, וועלכע זאָל אָבער קיין פּראַקטיש-ממשותדיגן ווערט ניט האָבן, כדי דער גאַנצער אויספיר-אַפּאַראַט, וועלכער איז אַסך וויכטיגער איידער דער געזעץ-געבערישער, דער פּלענום פון שטאָט-ראַט,—זאָל פעסט פאַרבלייבן אין זייערע הענט. מיר זיינען דעריבער דערויף ניט איינגעגאַנגען און האָבן פאַר אונזער לאַווניק באַקומען אַ לעבעדיגע פונקציע: דעם פאַרוואַלטן מיט די שטאָ-טישע גיטער און הייזער, הייץ-מיטל וכדומה. חוץ דעם האָבן מיר געפאָדערט און באַקומען אַ יידישן אָנפירער (קיעראָווניק) אין דער אָפּטיילונג פון האַנדל

און אינדוסטריע; מיט דעם לעצטן האָבן די ענדעקן געדרייט ביז צום סוף. וואו זיי האָבן פאַר קיין געלט ניט געוואָלט צולאָזן צו דער פּראַקטישער אַרבעט אַ יידן — דאָס איז געווען אין די פאַרטיילונגס-אָרגאַנען פון עסן-וואַרג, סחורות וכדומה: דאָס האָבן זיי געהאַלטן פאַר זיך...

ווי מיר האָבן פאַרויסגעזען, האָט די פּאָליטיק, די אַזוי צו זאָגן דרויסנ-דיגע פּאָליטיק, געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דעם שטאָט-ראַט און אין מאַ-גיסטראַט. מיט אַלע כּוחות האָבן זיך די ענדעקן, שטרעבנדיג צו פאַראייניגן (אינקאָרפּאָרירן) אונזער קאַנט מיט פּוילן, געצויגן צו דעמאָנסטרירן זייער אַחדות מיט פּוילן און זייער איבערגעבנקייט צו איר. פּאַטריאָטישע טעלעגראַמעס צו דעם מלוכה-שעף, צו דעם וואַרשעווער סיים, צו פאַרשיידענע פּוילישע שטאָט-ראַטן און גאַנץ באַזונדערס צום פּוילישן חיל, האָבן זיך פּשוט געשאָטן. דאָס פלעגט אונזו יידישע ראַטמענער, וועלכע האָבן זיך פאַרהאַלטן אין מלוכה-רעכט-ליכע פראַגן דערהויפּט גאַנץ נייטראַל, שטעלן אין אַ קיצלדיגע לאַגע. פאָרויסזעהענדיג דאָס, האָבן מיר שוין אין אונזער דעקלאַראַציע דערקלערט, אַז, לויט אונזער מיינונג, טאָר זיך דער שטאָט-ראַט ניט פאַרנעמען מיט מלוכה-רעכטליכע שאלות: דאָס איז ניט זיין זאַך. דעריבער, ווי עס פלעגט אין שטאָט-ראַט אויף די פּלענאַרע זיצונגען אַרויסשווימען וועלכע עס איז פּאָליטישע שאלה בכלל, פלעג איך באַלד אין נאָמען פון די יידישע ראַטמענער דערקלערן, אַז מיר האַלטן זיך אָפּ פון אָפּשטימען...

וואָס איז שייך די עקאָנאָמישע אַרבעט פון שטאָטראַט, די שטאָטישע בעל-הבתישקייט בכלל, איז זי געווען אַ קלאָגעדיגע. די פינאַנסיעלע לאַגע איז געווען אַ טרויעריגע. דער מאַגיסטראַט האָט איבערגענומען פון פריהערדיגן נאָר חובות און גרויסע חובות הן כּלפּי חוץ, ווי, למשל, דער גאָלד-חוב אין ענגלאַנד, די חובות פאַר קאַנאַליזאַציע און וואַסערלייטונג וכדומה, און הן כּלפּי פּנים, פאַר אַלערליי אַנשטאַלטן פון סאָציאַלע פאַרזאָרגונג, קולטורעלע אַרבעט, ווי, למשל, שולן וכדומה. די לעצטע חובות זיינען געווען מער פון אַ מאָראַלישן כאַראַקטער, אָבער ס'איז דאָך געווען נויטיג זיי צו דעקן. דאַן זיינען געווען גרויסע, זעהר גרויסע הוצאות אויף שכירות פאַר דעם קאָלאָסאַלן אַפּאַראַט פון די שטאָטישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. די צאָל פון די אָנגעשטעלטע איז געווען אַ סך גרעסער פון דער צאָל, אין וועלכע די שטאָטישע בעל-הבתישקייט האָט זיך גע-נויטיגט. דאָס איז געווען, ווי ס'איז שוין אויבנדערמאָנט געוואָרן, אַ ירושה פון די באָלשעוויקעס. דערביי האָט דער וואַקסנדיגער יקרות צוליב דעם פעלן פון אַלערליי סחורות און עסנוואַרג פון איין זייט און צוליב דעם כּמעט שטענדיגן פאַלן פון דער פּוילישער וואַליוטע פון דער אַנדער זייט, — געטריבן די שכירות אַלץ העכער און העכער. חוץ די אַרבעטער האָבן געפאָדערט הוספות נאָך הוספות, איז, אָבער, די לאַגע געווען אַזאַ, אַז אפילו די ענדעקעס האָבן געמוזט מודה זיין, אַז די פאָדערונגען זיינען יושרדיגע.

ווייטער איז די אַרבעטסלאָזיגקייט ביי די שטאָטישע אַרבעטער געווען

אזא שרעקליכע, אז די שטאָט האָט געמוזט צוטרעטן צו עפּענטליכע אַרבעטן אין אַ היבשן מאַסשטאַב.

די קאַסע פון שטאָטראַט איז געווען פּוסט. דער אויסמאָנונגס-אַפּאַראַט פאַר כל-המינים שטייער איז נאָך ניט געווען אויסגעאַרבעט; דעריבער זיינען די אַלע שטייערן, אָדער כמעט אַלע, וועלכע דער שטאָטראַט האָט אַרויפגעלייגט אויף דער באַפעלקערונג, געבליבן נאָר אויפן פּאַפּיר. די בעלי-בתּישקייט אין די שטאָטישע אונטערנעמונגען, ווי קאַנאַליזאַציע, וואַסערלייטונג, עלעקטריע וכדומה, איז געווען זעהר אַ שלעכטע. די קאָנטראָל-קאָמיסיע, די ווירטשאַפט-קאָמיסיע פון שטאָט-ראַט זיינען געבליבן אויפן פּאַפּיר. פון אַלע קאָמיסיעס פון שטאָט-ראַט האָט געאַרבעט נאָר איין קאָמיסיע, די פינאַנס-קאָמיסיע. ס'איז אָבער קלאָר, אַז זי האָט ניט געקענט קיין זאַך אויפטאָן. געלט האָט מען געמוזט קריגן נאָר דורך אַ הלוואה. אַזוי, אָבער, ווי אַנטלייען האָט מען געקענט נאָר ביי דער פּוילישער מלוכה, האָט מען אין דעם פּרט אָפּגעלייגט אַלע כּוחות, כּדי צו באַקומען געלט פון וואַרשע. די ערשטע צוואַנציג מיליאָן פּוילישע מאַרק, וואָס דער ווילנער שטאָטראַט האָט באַקומען בתורת הלוואה פון וואַרשע, איז באַלד אויסגעגעבן געוואָרן. דאַן איז מען ווייטער געפאָרן א. א. וו.

די יידישע ראַטמענער האָבן געפאָדערט, אַז לכל-הפּחות אַ טייל פון די איבער טויזנט יידישע אָנגעשטעלטע, וועלכע די פּוילישע מאַכט האָט אַרויסגעוואָרפן פון דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, זאָל אָנגענומען ווערן צוריק. האָבן, אָבער, אין דעם פּרט ווייניג אויסגעפירט. די יידישע פאָדערונגען, אַז דער שטאָט-ראַט זאָל אויסהאַלטן כאָטש אַ טייל פון די יידישע וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס און די שולן האָט מען, ווי געוויינליך, געצויגן אָן אַ שיעור, ביז... די באָלשע-וויקעס זיינען געקומען. ביי אַלע אַרויסטרעטונגען קעגן יידן, ווי שלאָגערייען, בערד-שניידערייען, שמייסערייען וכדומה, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט, פלעגט דער שטאָטראַט אונטערהאַלטן די יידישע פּראָטעסטן און פאָדערונגען פון דער מאַכט, אַז „זי זאָל אָננעמען ענערגישע מיטלען ניט צו דערלאָזן אַזעלכע מעשים אויף להבא“...

די מלחמה פאַר דער יידישער שפּראַך אין דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט נאָר געבראַכט אפשר אַ מאָראַלישע נוצן; קיינע רעאַלע הנחות אין דעם פּרט האָט מען ביי די ענדעקן ניט געקענט אַרויסרייסן.

וואָלט מען, אָבער, אויפן סמך פון דעם אויבן-געזאָגטן וועלן דרינגען, אַז די גאַנצע אַרבעט פון די יידישע ראַטמענער אין שטאָטראַט פאַר דער צייט איז געווען אַן איבעריגע, אַז זי האָט כּמעט קיין נוצן ניט געבראַכט,—וואָלט דאָס געווען אַ טעות: די גרעסטע אַרבעט, וועלכע די יידישע ראַטמענער האָבן אָפּגעטאָן אין שטאָטראַט, איז געווען די ענערגישע און אָפענע מלחמה פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר די איינג מיט זיי פאַרבונדענע מלחמה פאַר דער עקאָנאָמישער גלייכבאַרעכטיגונג. אָט דער פּראָצעס גופא פון אַזאַ מלחמה-פירן איז די עיקר-זאַך, ווייל ער שאַפט אין דער געזעלשאַפט אַזעלכע פּסיכאָלאָגישע אימ-

פֿאָנדערפֿאַילינן, וועלכע לאָזן זיך גאָרניט אָפּוועגן און אָפּמעסטן אויף א גע-
חייגליכע וואָג און מיט א געוויינליכע מאָס. וועלכע שפּילן, אָבער, אין דער גע-
שיכטע פֿון דעם קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיגונג
א גרויסע ראָל... דאָס יידישע עקאָנאָמישע רעכט הערט אויף ביי אזא מין שוין
צו זיין א הפקר-זאַך: מען פּילט דעם ענערגישן שוץ און מען דערלויבט זיך
דעריבער ניט אזוי גרינג אָנצוטרעטן גראָב אויף אזא רעכט.

IX.

דער אמתער פֿאַרהאַלטן פֿון דעם רוב פּאָליאַקן*) לכל-הפחות צו יידן אין
אונזער קאַנט וואָלט אפשר דורך קיין זאַך ניט אזוי בולט אויסגעדריקט און ניט
אזוי העל אילוסטרירט, ווי דורך דער ווידער-אויפֿבויאונג פֿון דעם ווילנער
אוניווערסיטעט.

שוין אין די ערשטע חדשים פֿון דער פּוילישער אָקופּאַציע האָבן די
פּוילישע העכערע באַאַמטע אָנגעהויבן ריידן און די פּוילישע צייטונגען האָבן
אָנגעהויבן שרייבן וועגן דעם ווידעראויפֿבוי פֿון ווילנער אוניווערסיטעט, דער
וויג פֿון דער פּוילישער קולטור אין ליטע, דער „אַלמאַ מאַטער" פֿון דעם גרעסטן
פּוילישן פּאָעט, א. מיצקעוויטש. און אזא לאַנד, ווי דער ווילנער קאַנט, וואו
עס האָבן נאָך געפֿעלט כמעט אַלע מלוכהשע און אָרטיגע מאַכט-אָרגאַנען, איז
געווים געווען עפּעס צו פֿרי צוצוטרעטן צו עפֿענען אַן אוניווערסיטעט. די
זאַך איז, אָבער, געווען די, וואָס די פּאָליאַקן האָבן זיך גענייטיגט אין דעם
ווילנער אוניווערסיטעט, דער עיקר, מחמת א פּאָליטישן טעם: עפֿענען דעם ווילנער
אוניווערסיטעט מיט איין איינציגן לשון, דעם פּוילישן, פֿאַרשטייט זיך, האָט
באַדאַרפֿט באַווייזן, אַז „ווילנע און איר קאַנט זיינען דאָך עכט פּוילישע ערטער".
דעריבער האָט מען זיך מיט דער פֿאַרבערייטונג צו עפֿענען דעם אוניווערסיטעט
שטאַרק געאיילט. עס זיינען נאָר ווינציג פֿאַקולטעטן געעפֿנט געוואָרן און אפילו
אין די, וואָס זיינען יאָ געעפֿנט געוואָרן, האָבן אויסגעפֿעלט פּראָפֿעסאָרן, לעקטאָרן
און נויטיגע מכשירים: אויף גיך, אויף גיך האָט מען צונויפֿגעקליבן פֿון אַלע
פּוילישע קאַנטן א הייפֿעלע מענטשן, וועלכע מען האָט געקרוינט פֿאַר פּראָפֿע-
סאָריאַט פֿון דער הויכשול. לאַבאָראַטאָריעס, קליניקן, ביבליאָטעקן, לערן-
מכשירים וכדומה האָבן כמעט אינגאַנצן געפֿעלט! אָבער דעם „אוניווערסיטעט"
האָט מען מיט א גרויסן טאַראַראַם געעפֿנט.

סטודענטן—דאָס איז געווען דער איינציגער עלעמענט, אין וועלכן די
ווילנער „הויכשול" האָט ניט געפֿילט קיין דחקות, ווייל די אָרטיגע יוגענד, גאַנץ
באַזונדערס די יידישע, איז שוין פֿינף יאָר געווען אָפּגעריסן פֿון אַלע הויכשולן
און האָט זיך דעריבער זעהר געצויגן צו זיי.

*) אומעטום, וואו איך געברויך אין דעם פּאָליטישן זין דעם וואָרט „פּאָליאַקן",
מיין איך די קאָמאַנדירענדיגע פּריצישע קלעריקאַל-פֿעאָדאַלע קלאַסן אין ליטע.

האָט זיך אין פלוג געקענט דאַכטן, אַז מען האָט באַדאַרפט אָננעמען אַלע סטודענטן, וועלכע האָבן נאָר די נויטיגע פּאַפּירן. נאָר אָן אַ חלוק: ערשטנס, וואָלט דאָס געווען דער בעסטער מיטל אַריינצובריינגען די פּוילישע שפּראַך און די פּוילישע קולטור דאָרטן, וואו זיי זיינען נאָך ניט געווען אַריינגעדרונגען, ווי למשל, אין די יידישע קרייזן. ווייטער, וואָלט דאָס באַדייטן פאַר אויסלאַנד, אַז די פּוילישע מאַכט האַלט זיך פּלומרשט פאַר דעם פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיגונג...

ווען אָבער ביי די פּוילישע אַנטיסעמיטן די שנאה צו יידן אַריבער דעם שכל און—דעריבער האָט מען גענומען זוכן אַלע מיטלען, כדי צו פאַרלייגן יידישע סטודענטן און יידישע אַביטוריענטן דעם וועג צום אוניווערסיטעט. מען האָט ביי זיי גענומען פאָדערן ספּעציעלע עקזאַמענס פון פּויליש; די, וואָס זיינען דורך דער זיפּ דורכגעגאַנגען, האָט מען גענומען זיפּן דורך אַ געדיכטערע זיפּ פון אַלערליי עקזאַמענס, ביז אויפן זיפּ זיינען ניט פאַרבליבן סינף פּראָצענט יידן בערך...

מיט דעם איינפירן פון דער פּאַקטישער „פּראָצענט-נאָרמע" פאַר יידן אין דעם ווילנער אוניווערסיטעט האָט די ענדעקישע מאַכט קלאָר באַוויזן, אויף וואָס יידן קענען זיך נאָך ריכטן...

.X

איך וויל צום סוף אין קורצע ווערטער שילדערן די פּוילישע מלוכה-מאַכט אין אונזער קאַנט.

די געזעצגעבנדיגע מאַכט איז פון אָנהויב געווען כמעט נאָר אַ מיליטערישע, ביסלעכווייז איז זי אַריבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער ציווילער מאַכט. דערביי איז, אָבער, פאַרבליבן נאָך אַ היפּשער קרייז, וואו עס איז נאָך אַלץ געווען חל דער פעלד-מיליטערישער בית-דין.

די אָרגאַניזאַציע פון דעם פּוילישן בית-דין האָט זיך אָנגעהויבן פון די שלום-בית-דין'ס מיט אַ פאַרברייטערטער קאָמפּעטענץ. באַלד נאָכדעם האָט זיך געעפנט דער קרייז-בית-דין און דער אַפּעליאַציע-בית-דין. די אַלע אָרגאַנען פון דעם פּוילישן בית-דין זיינען געווען בכלל גענומען ניט קיין שלעכטע, עטליכע פּערזאָנען, וואָס זיינען געשטאַנען בראש, ווי למשל, ר. סומאָראָק, זיינען געווען גוט באַקאַנט דער אָרטיגער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך צו זיי באַנומען מיט גרויס אַכטונג. צום אומגליק, אָבער, האָט די זשאַנדאַרמעריע פאַרשטאַנען, ווי צו פירן די ענינים, און זעהר אָפט האָט זי גאָרניט דערלאָזן, אַז זיי זאָלן דערגיין ביז צום בית-דין...

די פּוילישע זשאַנדאַרמעריע בכלל, ניט קוקנדיג, וואָס זי האָט בעציילט ביי זיך אַ געוויסע צאָל אָנשטענדיגע און ערליכע מענטשן, האָט געהאַט אין ווילנע ניט קיין שיינעם נאָמען און באַזונדערס ליידן פון איר פלעגן יידן.

די פּוילישע אַדמיניסטראַציע בכלל האָט בנוגע יידן זיך געפירט דרויסנדיג העפליך און קאָרעקט, אָבער אין דער עצם זאַך זיינען די פּוילישע באַאַמטע געווען על-פּי-רוב אַנטיסעמיטן, ווי אַנדערש האָט דאָס ביי זיי ניט געקענט זיין, און די פּאָליטיק ווייערע איז באַשטאַנען, ווי געוויינליך, אין פאַרציען די זאַך, אין פיל צוזאָגן און קיינמאָל ניט דערפילן... געוויס זיינען געווען אויך דאָ יוצאים

מין הכלל, אָבער וועגן זיי וויל איך דאָ גאָרניט ניט זאָגן, ווייל זיי זיינען געווען... יוצאים מין הכלל.

די וויכע באַאַמטע אין ווילנע זיינען אַלע געווען מער אָדער ווייניגער ערליכע און אָנשטענדיגע מענטשן; אָבער זיי האָבן נאָר געשפּילט אַ מער אָדער ווייניגער דעקאָראַטיווע ראָל; הינטער זייערע פּלייצעס האָבן אַנדערע געפירט די געשעפטן.

זעהר פיל שאָדן האָט די פּוילישע אַדמיניסטראַטיווע מאַכט בכלל געליטן דורך דעם פעלן פון גוט-אויסגעאַרבעטע אָרגאַנען פון דער מאַכט; אַזוי למשל, האָט די פּוילישע מאַכט ביזן סוף ניט באַוויזן אויסצואַרבעטן אַ נישקשהדיגן שטייער-אַפּאַראַט, וועלכער זאָל קענען לכל-הפּחות איינמאָנען דעם שטייער, וואָס קומט דער מלוכה. איך רייד שוין ניט פון דעם שטייער פאַר די שטאָדטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג. ווייטער האָט געפעלט אַ גוטער קאָנטראָל-אַפּאַראַט און אַז. וו.

וואָס איז שייך די מיליטערישע מאַכט האָט זי זיך שטענדיג פאַר די פּוילישע אָקופּאַציע שטאַרק געפילט אין אונזער קאַנט. די מיליטערישע קאָמענדאַטורן אין ווילנע און אויסן-שטאָט האָבן שטענדיג געהאַט אַגאַנץ גרויסע מאַכט, מיט וועלכער די יידן האָבן זיך געמוזט זעהר אָפט רעכענען. אונטער די קאָמענדאַנטן האָבן זיך געפונען ניט ווייניג ערליכע מענטשן, וואָס האָבן ניט איינמאָל אַרויסגעטראָטן, כדי צו שיצן יידן; אָבער עס פלעגן זיך געפינען אויך ניט ווייניג פאַרשוינען, וואָס פלעגן אויסנוצן זייער לאַגע, כדי אָנצוטאָן יידן אַלדי צרות.

איך וויל דאָ דערציילן וועגן אַ פאַל, וועלכער באַווייזט, ווי אפילו דער קאָמאַנדיר פון דעם קלענסטן פּאָסטן האָט זיך געקענט דערלויבן ניט דערהערטע גגישות בנוגע יידן, ניט מורא-האָבנדיג פאַר אַ שטראָף... דער פאַל אילוסטרירט אויך די גאַנצע רעכטלאָזיגקייט פון די יידן פאַר דער מיליטערישער מאַכט.

דער פאַל איז אַזאַ:

דעם 8-טן דעצעמבער 1919 אַזייגער 1—1½ ביי טאָג זיינען אויף בערך זעכציג יידישע פורמאַנעס, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער סחורה-סטאַנציע, אַרויפגעפאַלן סאָלדאַטן, האָבן זיי אַרומגערינגעלט און געפאָדערט פעסער. אייניגע האָבן על-פּי צופאַל געהאַט פעסער, דער גרעסטער רוב האָט, אָבער, ניט האָבנ-דיג קיין פעסער, געבעטן מען זאָל זיי דערלויבן שיקן אַ יינגל, כדי צו ברייגגען זייערע פעסער. אָלס ענטפער האָט מען זיי גענומען טרייבן לעבן די באַנ-רעלסן און געהייסן לויפן. אַן אַלטן 75-יאָריגן יידן, וועלכער האָט ניט געקענט לויפן, האָט מען געדראָט מיט דערשיסן. מען האָט אַלע פורמאַנעס דערטריבן ביז צו אַ באַן-קאַזאַרמע און דאָרטן האָט מען זיי געהייסן אַריינגיין זאַלבע צווייט אין קאַזאַרמע, וואו מען האָט זיי אויסגעטאָן און געשמיסן. דעם 75-יאָריגן פורמאַן, ווי אויך אַ יינגל פון 13 יאָר, האָט מען אויך געשמיסן. אַ קריסט, וואָס איז על-פּי טעות אַריינגעפאַלן צווישן די יידן, האָט מען באַלד באַפרייט

(פראָטאָקאָלן פון דער יורידישער אָפטיילונג ביי דער קהלה נומער 490—499).

ביי דער הייטערדיגער אויספאָרשונג אין דער קהלה האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז די גאַנצע עקזעקוציע איז אויסגעפירט געוואָרן דורך א באַפעל פון דעם פוילישן אָפיציר, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דעם מיליטערישן פאָסטן.

מיר, דריי מיטגלידער פון קהלה-פרעזידיום, זיינען אוועקגעגאַנגען צו דעם קאָמאַנדירענדיגן גענעראַל פון מזרח-פראָנט, שעפּטיצקי. איך האָב דעם גענעראַל איבערגעגעבן די געשריבענע ענערגישע פאָרשטעלונג פון דער קהלה מיט א פאָדערונג, ווי געוויינלאַך, [צו באַשטראָפן די שולדיגע און אָנצונעמען מיטלען, כדי אויף להבא זאָל אַזא זאַך ניט קענען מער פאָרקומען. דער גענעראַל האָט מיך אויסגעהערט און, בעטנדיג זיצן, האָט ער מיר געפרעגט:

„היות ווי די נעמען פון דעם אָפיצער און פון די סאָלדאַטן זיינען דאָך ניט באַקאַנט, טאָ, ווי זאָל איך, די פאַרברעכער כאַפן?"

אויף דערויף האָב איך געענטפערט:

„אַזוי, ווי די צייט און דער אָרט פון דער עבירה איז דאָך פעסטגעשטעלט געוואָרן, מוז דאָך די מיליטערישע מאַכט וויסן, וואָס פאַר א פאָסטן דאָרטן איז געשטאַנען".

דער גענעראַל האָט געזאָגט מיט א מינע פון א מענטשן, וועמען מען האָט אויסגעקלערט א שווערן ענין:

„יע, יע, ה' דאָקטאָר, איר זייט טאַקע גערעכט... גאַנץ ריכטיג!" האָט ער מוסיף געווען, אַזוי ווי אָן מיר האָט ער כלומרשט ניט געוואוסט, וואָס מען זאָל טאָן...

דעמזעלבן אָוונט האָבן מיר אויף דער פלענאַרער זיצונג פון שטאָטראַט אריינגעטראָגן א דרינגליכן פאָרשלאָג אין דעם נאָמען פון די יידישע ראַטמענער, אז דער שטאָטראַט זאָל פאָדערן פון דער העכסטער מאַכט א שטרענגע אויספאָרשונג און באַשטראָפונג, אַזוי ווי דאָס איז פאָרגעקומען אויפן שטח פון שטאָט. אונזער פאָרשלאָג איז פה-אחד אָנגענומען געוואָרן.

אין עטליכע טעג אַרום איז, לויט דעם באַפעל פון גענעראַל שעפּטיצקי געשאַפן געוואָרן אן אויספאָרשונגס-קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון דעם שטאָט-קאָמענדאַנט, פּאָלקאָווניק טופּאַלסקי, א ספּעציעלן מיליטערישן אויספאָרשער, און מיר, אַלס פאָרשטייער פון דער קהילה. פון אָנהויב האָט זיך די זאַך גאָר פון אָרט ניט געוואָלט רירן, ביז אַן עדות, א פוילישער קאַפּראַל, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער עקזעקוציע פון אָנהויב ביזן סוף, האָט ניט אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת, באַשטעטיגט דאָס, וואָס אונזערע געליטענע האָבן דערציילט און אָנגערופן די פולע נעמען פון דעם כוליגאַנישן אָפיציר און זיינע סאָלדאַטן. לויט דעם פריהער אָנגענומענעם באַשלוס, האָט דער דאָזיגער אָפיציר מיט זיין גאַנצער קאָמאַנדע געמוזט גלייך איבערגעגעבן ווערן דעם פעלד-בית-דין. און טאַקע באַלד האָט מען אונז מודיע געווען, אז דער דאָזיגער אָפיציר מיט זיין

גאַנצער קאָמאַנדע... געפינען זיך אויפן פראָנט, פון וואַנען מען קען אים ניט ברענגען...

די אַרבעטסלאָזיגקייט אין ווילנע איז פאַר דער גאַנצער צייט פון דער פוילישער אָקופּאַציע, גאַנץ באַוואונדערס, אָבער, אין אָנהויב, געווען זעהר אַ גרויסע. די לאַגע איז נאָך אַלץ געווען ניט קיין זיכערע און דער קאַפּיטאַל האָט זיך מורא געהאַט צו רוקן אין אונטערנעמונגען, ניט וויסנדיג, וואָס עס וועט זיין מאָרגן. חוץ דעם זיינען כמעט אַלע טראַנספּאָרט-מיטלען געווען פאַרנומען מיט חיל, עסנוואַרג פאַרן חיל, קוילן מכל-המינים וכדומה. דעריבער איז פאַר סחורה בכלל קיין אָרט ניט געווען.

דער האַנדל האָט, חוץ די אָקאָרשט דערמאָנטע טעמים, נאָך שטאַרק געליטן פון די עקסצעסן איבער די יידן אין די באַן-צוגן, וועלכע האָבן כמעט גאָר ניט אויסגעהערט. די יידישע אַרבעטסלאָזיקייט איז נאָך געווען פיל גרעסער פאַר די קריסטליכע, ווייל די יידן האָבן כמעט ניט געקענט באַקומען קיין אַרבעט ניט אין דער מלוכה-אַדמיניסטראַציע, ניט אין דער אָרטיגער זעלבסטפאַרוואַלטונג. איבער טויזנט יידישע אָנגעשטעלטע זיינען באַלד נאָכן פאַרנעמען ווילנע דורך די פּאָליאַקן גאַנץ אומשולדיגערהייט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן גאַס *). ווייטער האָט דער האַנדל און די אינדוסטריע זעהר שטאַרק געליטן פון דעם, וואָס פון איין זייט איז דער אַריינפירן און אַרויספירן פון סחורות געווען שטאַרק באַגרעניצט, פון דער אַנדער זייט איז געווען דער אַרויס-און אַריינפאָרן פון מענטשן אין ווילנע זעהר שטאַרק פאַרשווערט.

ניט קוקנדיג אויף די אַלע שווערע מניעות און אויף דער שטענדיג פאַלענדיגער וואַליוטע, האָט דאָך דער לעבן אין פרילינג אין אָנהויב זומער 1920 אָנגעהויבן מנצח זיין דעם שווערן קריזיס און דער האַנדל און אפילו, אין אַ פיל קלענערע מאָס, די אינדוסטריע האָבן זיך אָנגעהויבן אַ ביסל צו אַנטוויקלען.

אָנהויב זומער 1920 איז אין ווילנע געווען שוין אַ גאַנץ היפּשע מאַסע פון סחורות. דער יקרות איז צו דער דאָזיגער צייט אויך געוואָרן קלענער.

דערווייל האָט די מלחמה צווישן ראַטן-רוסלאַנד און פּוילן, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געדויערט מיט קליינע הפסקות, צו דער צייט שטאַרק פאַרגאַנדערגעפלאַקערט זיך. נאָך דעם בליציגיכן מאַרש פון פּילסודסקין אויף קיעוו האָט זיך באַלד אָנגעהויבן די רוסישע אָפענסיווע מיט אירע געוואַלטיגע נצחונות, וועלכע האָבן פאַרטריבן די פּאָליאַקן ווייט פון די רוסישע קאַנטן צו מערב צו. אַרום דעם 20-טן יוני האָט מען אין ווילנע געוואוסט, אַז די שאלה פון פאַרנעמען ווילנע דורך די באָלשעוויקעס איז נאָר אַ שאלה פון אַ קורצער צייט.

---

*) די „עפנטליכע אַרבעטער", וועלכע דער מאַגיסטראַט האָט אָנגעהויבן, כדי צו פאַרקלענערן די אַרבעטסלאָזיקייט, האָט מחמת דער קליינער סומע געלט, וועלכע ער האָט געקענט דערויף פאַרווענדן, געהאַט נאָר אַ קליינע ממשות. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס אַ היפּשע ביסל קריסטליכע אַרבעטער, ווי למשל די סטאָליאַרעס, פלעגן ניט צו לאָזן קיין יידישע אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן, וואו זיי האָבן געאַרבעט.

אין דער צייט האָבן זיך די אָנפאַלן פון סאָלדאַטן אויף יידן ווידער פאַרשטאַרקט. אַסך סאָלדאַטן פלעגן זיך אַראָפּכאַפּן פון וואָקזאַל אויף די גאַנצע פאַרשטעט, פלעגן ראַבירן יידן און, אַלס דעזערטירן, באַהאַלטן זיך אויסן שטאָט אין די אַרומיגע דערפער. אַנדערע פלעגן זיך אַוועקלאָזן אין רעכטן מיטן שטאָט און דאָרטן אָפן ראַבירן *). א חוץ דעם האָט מען אָנגעהויבן פון סוף יוני צו כאַפּן יידן בלומרשט אויף אַרבעט. פריער פלעגט מען כאַפּן אויפן מיטן גאַס און פירן אונטער אַ קאָנוואָי פון סאָלדאַטן און מיליציאַנטן גאַנצע מחנות יידן, וועלכע מען פלעגט אָפּלאָזן נאָכדעם, ווי זיי פלעגן זיך אויסקריכן... [redacted] פלעגט מען זיך פון זיי ניט קענען באַהאַלטן אפילו בחדרי חדרים: זיי פלעגן קריכן אומעטום, אפילו אויף די בוידימער און אין די קעלערן, פלעגן אויפזוכן דאָרטן די באַהאַלטענע. פון די רייכע פלעגן זיי נעמען שחד און די אָרימע פלעגן זיי טאַקע אַוועקשלעפּן ערגעץ וואו אין מרחקים אויף אַרבעט. דער באַנדיטיזם האָט זיך פאַרשטאַרקט צו דער צייט ביז צו דער העכסטער מדרגה; וואָס נעענטער דער רוסישער חיל איז צוגעטראָטן צו ווילנע, אַלץ מער האָט זיך פאַרשטאַרקט דער באַנדיטיזם און אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער שרעק פאַר דעם פּ אָ ג ר אָ ם ב יי ם א וו ע ק ג יי ן... צווישן דער באַפעלקערונג האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן, וואָס ווייטער, אַלץ מער קלאַנגען וועגן דעם פּאָגראָם, וועלכן די פּאָליאַקן האָבן באַשלאָסן צו מאַכן, אַלס אַ זכרון... איינאיינעם מיט דעם האָט מען דערציילט בבא-מעשות וועגן דעם, אַז די באָלשעוויקעס וועלן קיין איין לעבעדיגן פּאָליאַק ניט לאָזן אין ווילנע און אַז זיי עסן מענטשישע פלייש, אַז די קיטאַיצעס קוילענען מענטשן, ווייל זיי מאַכט דאָס פיל פרייד וכדומה... אַ גרויסער טייל פון דעם פּוילישן המון, וועלכער האָט אָפּגעטאָן מיט יידן מעשים תעתועים, מורא האָבנדיג פאַר נקמה פון יידן, האָט זיך געלאָזט לויפן פון ווילנע; די פּאָליאַקן האָבן זיי אַוועקגעפירט אין די ניט-אָקופּירטע פּוילישע קאַנטן אין מזרח-פּרייסן. די עוואַקואַציע פון ווילנע האָבן די פּאָליאַקן דורכגעפירט אין אַ משך פון 2—3 וואָכן אין דער בעסטער אָרדענונג. עס זיינען פון דעם 1 ביז צום 10 יולי אויך עוואַקואירט געוואָרן אַלע באַאַמטע און כמעט די גאַנצע אינטעליגענץ און יוגענד בכלל. פון יידן זיינען זיך צולאָפן, ווי געוויינליך, די רייכע און די פּחדנים.

די נאַכט פון דעם 13-טן אויף דעם 14-טן יולי 1920 איז געווען פון אָנהויב זעהר אַ טומולדיגע, מחמת די פייפערייען פון די גיך-אָפּגייענדיגע צוגן און די איילינג-אַרומלויפנדיגע אויטאָמאָבילן מפּל-חמינים; נאָך האַלבע נאַכט איז געוואָרן שטיל; קיין איין מענש האָט זיך ניט דערוועגט אַרויסגיין אויפן גאַס.

---

*) באַזונדערס פיל האָבן יידן דעמאָלט געליטן פון דער „בערדישנייד-ערײ". אַ ייד מיט אַ באָרד האָט זיך אויפן גאַס ניט געטאָרט באַווייזן, ווייל באַלד פלעגן אויף אים אָנפאַלן סאָלדאַטן—„פריזיהערס", וועלכע פלעגן אים פּייניגן און מיט אַלערליי געצייג אויסרייסן אָדער אָפּשניידן די באָרד, געוויינליך מיט הויט און פלייש. אַ מאַיאָר „ט"., אַ קאָמענדאַנט, האָט מיר וועגן דעם געזאָגט: „דאָס איז דאָך אַ שפּיעריי"...

חוץ סאָלדאַטן נאַטירלעך. דער עולם, באַזונדערס דער יידישער, האָט זיך באַהאַלטן, פאַרשטיקט... אַרום פינף אין דער פרי האָט מיר אַ שטאַרקער טומל אויפגעוועקט. מיין פוילישע דינסט-מיידל האָט מיר גלייך אָנגעזאָגט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן כלומרשט פאַרנומען ווילנע און מאַכן אַ פּאָגראָם אויף יידן. פון גאַס זיינען געווען אַלע טירן פאַרשלאָסן; איך בין אַראָפּ אין הויף, וואו אַלע איינוואוינער האָבן משמעות די גאַנצע נאַכט צוגעבראַכט. די יידן האָבן מיר מודיע געווען, אַז אין שטאָט מאַכן פּאָליאַקן אַ פּאָגראָם אויף יידן און האָבן מיר ניט געוואָלט אַרויסלאָזן מחמת דער „גרויסער סכנה"...

ווי איך בין נאָר אַרויס אויף דער ווילנער גאַס, האָב איך דערזען אַזאַ בילד. אויף דער גאַנצער גאַס, אויף וויפיל עס האָט געכאַפּט מיין אויג, אין פאַרשיידענע ערטער האָבן זיך געזען גרופּעס פּוילישע סאָלדאַטן פון 30 ביז 40 מאַן אין זייערע גרין-געלבליכע זומער-קליידער, ווער באַוואָפנט, ווער ניט, מיט ביקסן און אָן זיי. בראש פון די דאָזיגע גרופּעס זיינען געשטאַנען אָדער געגאַנגען פּאָליאַקן, ציוויל אָנגעטאָן און אויך ווייבער מיט זעק, קערב וכדומה. די מאַנסבילן וואָס זיינען געגאַנגען פריער, פלעגן זיך אָפּשטעלן ביי אַ קראָם, איינקוקן זיך און פלעגן געבן אַ קאָמאַנדע: „הויבט אָן!" באַלד פלעגן די סאָלדאַטן אָנהויבן אויפברעכן און אויסרייסן די טירן און די לאָדן מיט פאַרשיידענע אינסטרומענטן, וועלכע די ציווילע כוליגאַנעס פלעגן זיי דערלאַנגען. באַלד נאָכן אויפברעכן פלעגט מען אָנהויבן דערלאַנגען זאַכן און סחורה פון אינעווייניג, וועלכע מען פלעגט אויפן אָרט גלייך פאַרקויפן דער ציווילער באַנדע. מען פלעגט אויסשרייען: אַ זייגערל! 30 מאַרק, ווער גיט? באַלד פלעגט זיך אַ צי טאָן אַ האַנט מיט 30 מאַרק און דער זייגערל פלעגט אַריינפאַלן אין אַ קעשענע אָדער אין אַ זאַק פון די „סוחרים". אין אַן אַנדער אָרט האָט מען געשריען דערווייל: „אַ פּאָר נייע דאַמען-שיך 50 מאַרק!". „אַ סאַמאָוואַר 200 מאַרק!" און אַז. וו. באַ אַזאַ אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע פלעגט זיך אַ קראָם אָדער אַ דירה גיך אויסליידיגן און די זאַכן און די סחורות פלעגן גיך אַריבערגיין פון יידישע הענט אין פּוילישע זעק...

אַלע יידן, וואָס האָבן זיך פּרובירט בעטן רחמים, פלעגט מען הרגענען מכות-רצח. אין איין אָרט האָט זיך אַ קסיאָנדז (דוכט זיך אַ ליטווישער) איינגעשטעלט פאַר אַ יידישן שניידער, וועלכן מען האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן צו ראַבירן און האָט אָנגעשריען אויף די סאָלדאַטן: „וואָס מיינט איר זיך? איר וועט באַלד אַוועקגיין, אָבער מיר וועלן דאָ בלייבן! מיר וועלן מוזן זיך מיט אונזער בלוט און גוט פאַראַנטווערטלען פאַר אייער פּאָגראָם!... הערט אויף! גייט אַוועק פון דאַנען!" די סאָלדאַטן זיינען גלייך אַוועקגעגאַנגען...

אין אַן אַנדער אָרט האָט אַ קסיאָנדז מיט אַ נקמה-מינע צוגעקוקט זיך, ווי מען האָט ראַבירט אַ יידישן היטל-מאַגאַזין; ווי נאָר די כוליגאַנעס, האַלטנדיג צו 5—6 און מער היטלען, זיינען אַרויס פון קראָם און באַמערקט דעם קסיאָנדז,

זיינען שליבע פון זיי צוגעלאָפן צו אים און האָבן אים געקושט די הענט; ער האָט זיי מיט ליבע געגלעט איבער די קעפּ און צוויי חייבער געצלמטו...

פון דער ווילנער גאַס בין איך אַריבער אויף די דייטשע גאַס, וואו דער פּאָגראָם איז געווען נאָך שטאַרקער און פון דאָרטן אויף דער רודניצקער גאַס, וואו ער האָט געפלאַמט נאָך שטאַרקער פאַר אַלץ; אומעטום די זעלבע אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע, דער זעלביגער אופן... מערקווירדיג, וואָס איך, אַ ייד מיט אַ טיפּישן יידישן פּנים, האָבן געקענט דורכגיין די דאָזיגע גאַסן און נאָך אַנדערע—און קיינער האָט מיך ניט געשלאָגן און ניט ראַבירט; איך מיין ניט, אַז דעם המון זאָלן האָבן אימפּאָנירט מיינע ווייסע האָר אָדער דער רויטער צלם אויף מיין לינקער האַנט, איך מיין אויך ניט, אַז אַלע כוליגאַנעס זיינען געווען ווילנער און האָבן מיך געקענט; איך מיין, אַז, ווען אינמיטן, טאַקע אין רעכטן מיטן, פון אַזאַ גיהנם גייט זיך אַ ייד רוהיג און זיכער, אימפּאָנירט דאָס דעם המון אַזוי ווייט, אַז ער קען זיך ניט אַנטשליסן אָנצופאַלן... דער זייגער איז געוואָרן דערווייל אַכט און איך האָב באַשלאָסן גיין מיט אַ דעפּוטאַציע צו דער העכערער פּוילישער מאַכט און פאָדערן, אַז זי זאָל אָנגעמען מיטלען קעגן פּאָגראָם. איך מיטן ראַבינער רובינשטיין זיינען אַוועק אין „דעפּענסיווע". ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די „מאַכט" האָט שוין געמאַכט ויברח. אַ „פּאָרוטשיק", וועלכער איז נאָך פאַרבליבן, האָט מיר געענטפערט, ווען איך האָב אים באַקאַנט מיט דער לאַגע:

„ה' דאָקטאָר! איך קען די לאַגע; צ ו ם ב אַ ד ו י ע ר ן האָט זיך דאָ גאָר ניט לאַנג אַרויסגעשטעלט, אַז זיי ראַבירן קריסטן אויך!"

מערקוירדיג מיין שמייכל ווען דעם וואָרט „צום באַדויערן", האָט ער זיך פאַרכאַפּט און מוסיף געווען: „פאַר מיר איז אַלץ איינס, צו מען ראַבירט יידן, צו קריסטן. ווען איך וואָלט קענען, וואָלט איך די הינט אַלעמען דערשאָסן! וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אַז, ווען איך שיק אַרויס סאָלדאַטן צו שיצן די אָרדענונג, שטייען זיי סוף-כל-סוף אויך-צו צו די גזלנים!" נאָך די ווערטער האָבן מיר פאַרלאָזן דעם פאַרשטייער פון דער מאַכט און אויך די לעצטע האָפענונג דורך דער מאַכט איינצוהאַלטן דעם פּאָגראָם.

מיר זיינען אַרויס אויפן גאַס, וואו עס האָט זיך געהערט אַ היפּשע ביקסן-שיסעריי. מיר זיינען פאַרגאַנגען אין דער קהילה צו באַזאָרגן אַ וויכטיגן ענין און פון דאָרטן זיינען מיר אַוועק אהיים. די שיסעריי האָט זיך פאַרשטאַרקט, אָבער ווער אויף וועמען שיסט—האָט קיינער ניט געוואוסט. מען האָט געמיינט אַז מען שיסט אין די רויבער...

אַרום 12 אַזייגער בייטאָג זיינען צו מיר אַריינגעקומען דער ה' א. קאַבאַטשניק (דער יידישער לאַווניק) און אַ פּאָליאַק ה' טשאַיקאָווסקי, ביידע זעהר אויפגערעגטע און ה' טשאַיקאָווסקי האָט זיך צו מיר געווענדט מיט אַזוינע רייד (איך גיב איבער נאָר דעם רעיון): דאָס, וואָס קומט איצט פאָר אין ווילנע איז נאָר אַ הקדמה צו דער שחיטה, וועלכע וועט זיך אָנהויבן

הײַנט (14 יולי) זעקס אזייגער נאָך האַלבן טאָג. דאָס איז באַשלאָסן געוואָרן און דאָס וועט געוויס פאָרקומען. ער, טשאַיקאָווסקי, ווייס דאָס פון אַ זיכערן מקור; און ניט ער אַליין, גאָר די גאַנצע קריסטליכע באַפעלקערונג ווייס דאָס. דעריבער איז ער געקומען צו מיר און מאַכט מיר אַזאַ פאָרשלאָג. אַזוי ווי מען טאָר ניט דערלאָזן צו אַזאַ אומגליק און אַזוי ווי „מיר מוזן איינע די אַנדערע אויסהעלפן אין אַן אומגליק, וועלכער וועט הײַנט פאָרקומען ביי אייך און מאָרגן ביי אונז", לייגט ער פאָר מיר זאָלן גלייך שאַפן אַ שוץ־אָרגאַניזאַציע.

מיר האָבן באַלד אַלע דריי זיך אָפּגעשטעלט אויף אַזאַ אָרגאַניזאַציע:

1) דינגען בערך 100 קריסטליכע שומרים, וועלכע זאָלן זיך געפינען אויף די גאַסן און וועלכע מוזן זײַן גוט באַוואָפנט. די דאָזיגע שומרים מוזן אַנווענדן אַלע כוחות, כדי ניט צו דערלאָזן צו אַ פּאָגראָם. אויב זיי קענען דאָס ניט דער־ווייזן, מוזן זיי זיך ווענדן צו דער

2) בכבודיגער וואך, וועלכע באַשטייט פון חשובע בירגער, וואָס האָבן באַדאַרפט אויסגעקליבן ווערן אויפן מיטינג (דער מיטינג האָט געזאָלט פאָרקומען 4 אזייגער נאָך האַלבן טאָג אויף דעם פּאָליציע־הויף).

אויב די בכבודיגע וואך קען אויך גאָרניט אויספירן, ווענדעט זי זיך צו דעם

3) שעף פון גאַרניזאָן, וועלכער וועט האַלטן מחמת דעם אָנגעגרייט אַ באַוואָפנטע מאַכט, וואָס וועט לויט דער פאָדערונג פון דער בכבודיגער וואך, גלייך אַרויסטרעטן אַנטקעגן די רצחנים.

אָרגאַניזירן דעם ערשטן פונקט האָב איך אויף מיר גענומען; דעם צווייטן און דריטן האָט אויף זיך גענומען טשאַיקאָווסקי.

דער גאַרניזאָן־שעף האָט צוגעזאָגט אַלץ בנוגע דעם דריטן פונקט. אָט דאָס איז געווען בקיצור דער שוץ־פּלאַן געגן דער שחיטה.

פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע האָט מען ניט געקענט דערוואַרטן קיין ראַדיקאַלע הילף, אָבער אַ דערלייכטערונג איז אויך געווען וויכטיג.

איך בין גלייך אזייגער האַלב 12 אַרויס פון דער היים. די גאַסן זײַנען געווען פוסט. די שיסערײַ איז געווען נאָך שטאַרקער. אַלע טירן און טויערן זײַנען געווען פאַרהאַקט און פאַרשפּאַרט. אין משך פון אַ שעה בערך האָט זיך מיר אײַנגעגעבן די זאַך בנוגע פונקט 1 צו באַזאָרגן און שאַפן דערצו די נויטיגע געלט. צוריקגייענדיג האָב איך שוין געהערט די שטאַרקע ביקסן־שיסערײַ ערגעצוואו גאָר נאָהענט אין שטאָט. חוץ דעם האָט זיך שוין געהערט די גיכע און טרוקענע קלאַפּערײַ פון די קוילן־וואַרפער. ווי איך בין אַרויס אויף דער ווילנער גאַס לעבן דער הויז, וואו איך האָב געוואוינט, האָב איך דערזען, ווי דער המון, וואָס האָט געמאַכט דעם פּאָגראָם אויף ווילנער גאַס, איז געלאָפן מיט דער גרעסטער געשווינטקייט, שטויסענדיג און וואַרפנדיג איינער דעם אַנדערן.

די סאָלדאַטן האָבן לויפנדיג אַװעקגעװאָרפן זייערע ביקסן, רעװאָלװערן און די איבעריגע כלי־זין. די גאַנצע מחנה האָט זיך געטראָגן אין אַ װילדער פּאַניק.

איך בין אַריין אין דעם טויער פון מיין הויז. באַלד האָבן זיך באַװיזן אַ הייפעלע רויטע קאָזאַקן מיט תּוילע שװערדן, װעלכע האָבן געטריבן די דאָזיגע מחנה מיט אַזאַ קאַלטבלוטיגקייט, װעלכע מען האָט געמוזט באַװאונדערן.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז גאָר איינדערפרי האָט זיך אין דער צפונדיגער פאָרשטאָט פון װילנע, פּאָספּעשקי, באַװיזן אַ קליינע גרופּע רויטע קאַ־װאַלערישע אויספאָרשער, װעלכע האָבן זיך גענומען פאַר אויסשפּירן די שטאָט. זיי האָבן געמוזט נאָר אויסשפּירן און קומען צוריק צו זייער חיל. דערװיסנדיג זיך, אָבער, אַז אין שטאָט קומט פאָר אַ יידישער פּאָגראָם און אַז מען ריכט זיך אויף אַ שחיטה, האָבן די קאָזאַקן, ניט קוקנדיג אויף זייער קנאַפּע צאָל, נאָך אַ קורצן ישוב הדעת, באַשלאָסן אָנפאַלן אויף די רויבער און פאַרטרייבן זיי פון שטאָט. אַזוי האָבן מיר דערציילט מענטשן, װאָס פאַרדיגען פולקום צוטרוי. די קאָזאַקן האָט זיך זייער גבורותדיגע אונטערנעמונג גלענצנד איינגעגעבן.

באַלד האָט זיך פון פּאָהוליאַנקע דערהערט אַ קאַנאָנאַדע און דער פּױלישער חיל איז אַנטלאָפן...

ביי דער יידישער באַפעלקערונג איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון האַרצן און דער ביטערער, דער שרעקליכער געפיל פון דעם פּאָגראָמישן הפקר האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט צו זויגן די האַרץ און צו ענגערן דעם מוח: פאַר־האַלטענע, דערשראָקענע, בלייכע און פאַרמאַטערטע מענטשן זיינען מיט אַמאָל אַרויס און אָנגעפילט די גאַסן... מען קען זאָגן, אַז די גאַנצע יידישע באַ־פעלקערונג האָט געהאַט איין װאונש: זאָל קומען, װאָס עס װעט קומען, זאָל קומען אַפילו דעם טויט, נאָר עס זאָלן אויפהערן די שטענדיגע דערנידערונגען און באַליידיגונגען!... בעסער שטאַרבן, װי אַ מענטש, איידער לעבן, װי אַ הונט!...

ד״ר יעקב װיגאָדסקי.

# פארשיידענע

„לעבן" ווילנע,
רעד. משה שאליט.

# דער פויגל*)

אין די וועלדער, גרינע וועלדער, אוי-ווי!
אין די וועלדער, גרינע פעלדער
ליגט באדעקט מיט קוילן א זעלנער, אוי-ויין! אוי-וויין!
ליגט באדעצט מיט קוילן א זעלנער, אוי-ווי.

און זיין קערפער איז גאנץ צוריסן, אוי-וויין!...
און זיין קערפער איז גאנץ צוריסן,
פון זיין וואונד טוט בלוט פליסן, אוי-וויין! אוי-וויין!...
פון זיין וואונד טוט בלוט פליסן, אוי-וויין!

און זיין פערד דאס געטרייע, אוי-וויין!
און זיין פערד דאס געטרייע
באגלייט אים צו זיין לויה, אוי-וויין! אוי-וויין!...
באגלייט אים צו זיין לויה, אוי-וויין!

קומט א פויגל אן צופליען, אוי-וויין!...
קומט א פויגל אן צופליען
און שטעלט זיך אויף זיין קבר רוען, אוי-וויין! אוי-וויין!...
און שטעלט זיך אויף זיין קבר רוען, אוי-ווי!

אוי, דו פויגל, טייערע פויגל, אוי-ווי!
אוי, דו פויגל, טייערע פויגל,
נעם דיר די הענט, לאז מיר די אויגן, אוי-וויין! אוי-וויין!...
נעם דיר די הענט, לאז מיר די אויגן, אוי-ווי!

אוי דו פויגל, פויגל גוטער, אוי-ווי!...
אוי דו פויגל, פויגל גוטער,
פלי אהיים צו מיין מוטער, אוי-וויין! אוי-ווי!...
פלי אהיים צו מיין מוטער, אוי-ווי!

פון מיין טויט זאלסט איר ניט זאגן, אוי-וויין!
פון מיין טויט זאלסט איר ניט זאגן,
ווייל זי וועט וויינען און וועט קלאגן, אוי-ווי! אוי-ווי!...
ווייל זי וועט וויינען און וועט קלאגן, אוי-וויין!

*) די לידער און די גימטריאות האט אונז צוגעשיקט ה' ש. סאלאמאן פון ראמאן, רומעניע. „דער פויגל" ווערט געזונגען אין די ווארשטאטן און די פאבריקלעך אין מאלדאווע. ס'איז אינטערעסאנט צו פארגלייכן די לידער מיט די, וואס ש. באסטאמסקי האט פארעפנטליכט אין נומ' 9—10 „לעבן".

קומט אַ פויגל אָן צוגיין, אוי-וויין
קומט אַ פויגל אָן צוגיין
און טרעפט זיין מוטער טרויעריג שטיין, אוי-וויי! אוי-וויין
און טרעפט זיין מוטער טרויעריג שטיין, אוי-וויין ...

ער נעמט זי אָן ביי דער האַנט, אוי-וויין
ער נעמט זי אָן ביי דער האַנט
און פירט זי צו צו אַ באַרג זאַמד, אוי-וויי, אוי-וויי!...
און פירט זי צו צו אַ באַרג זאַמד, אוי-וויין

ווען דער באַרג זאַמד וועט אַנטרינען, אוי-וויין
ווען דער באַרג זאַמד וועט אַנטרינען,
דאַמאָלס וועט דיין זון אַהיים קומען, אוי-וויי! אוי-וויי!...
דאַמאָלס וועט דיין זון אַהיים קומען, אוי-וויין

דער באַרג זאַמד וועט ניט אַנטרונען אוי-וויין
דער באַרג זאַמד וועט ניט אַנטרונען,
און מיין קינד, וועט מער ניט קומען, אוי-וויי! אוי-וויין!..
און מיין קינד וועט מער ניט קומען, אוי-וויין

שווער געטראָגן, שווער געהאָבן, אוי-וויין
שווער געטראָגן, שווער געהאָבן,
נישטאָ ווער עס זאָל נאָך מיר קדיש זאָגן, אוי-וויין אוי-וויי!...
נישטאָ ווער עס זאָל נאָך מיר קדיש זאָגן, אוי-וויין

די זון וועט נאָך מיר קדיש זאָגן, אוי-וויין
די זון וועט נאָך מיר קדיש זאָגן,
די לבנה מיט די שטערן וועלן וויינען און קלאָגן,
אוי-וויין אוי-וויין!...
די לבנה מיט די שטערן וועלן וויינען און קלאָגן, אוי-וויי!...

קינד מיין קינד, מאַך אויף די טיר, אוי-וויין
קינד מיין קינד, מאַך אויף די טיר,
ווייל דיין מאַמע קומט צו דיר, אוי-וויין! אוי-וויין!..
ווייל דיין מאַמע קומט צו דיר, אוי-וויין

איך הויב מיך אָן צו דערמאָנען,
ווער און פון וואַנען,
ווער מיינע עלטערן זיינען געווען.
וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן
קענען מיינע עלטערן קריגן,
אַז איך בין עלנט, ווי אַ שטיין.

(רעפרען): מסתמא האָבן מיר געזינדיגט פאַר גאָט,
יאָ, יאָ.
ביז ווען וועלן מיר זיין אַזוי גע-ווגד׳,
יאָ, יאָ.

צווי מאָל: { אין האַרצן ברענט אַ פייער,
עלטערן מיינע געטרייע,
ווען קאָן איך שוין קומען צו מיין היים.

מיינע עלטערן האָבן מיר אַ בריוו געשיקט,
אַז קומען צו זיי זאָל איך צוריק,
ווייל מ׳האָט שוין פריזאָניער געשענקט:
האָב איך צו זיי אַ בריוו געשיקט,
אַז קומען צו זיי קאָן איך נישט צוריק,
ווייל איך בין אָן איבעגער דעזערטאָר...
(רעפרען)

כ׳האָב נישט געזאָגט פאַר קיינעם
און נאָר פאַר איינעם,
אַז איך וועל קיין רוסלאַנד דעזערטירן.
אַז איך בין קיין רוסלאַנד געקומען,
האָב איך מיך ניט געהאַט צו וואָס צו נעמען,
דאַמאָלס האָב איך געזען,
ווער עס פעלט מיר אויס.
(רעפרען)

# גימטריאות.

| אײנצעלהײטן | פראנץ יאזעף | ניקאלאי | װילהעלם |
|---|---|---|---|
| געבוירן | 1830 | 1868 | 1858 |
| געקרוינט | 1851 | 1894 | 1888 |
| רעגירט | 66 | 23 | 29 |
| אלט געװארן | 87 | 49 | 59 |
| | 3834 | 3834 | 3834 |

די העלפט פון דעם סכום איז 1917.

(מיטגעטײלט פון מינסקער יידן ה׳ סעראדסקי דורך ש״ס).

ר׳ר׳מ׳ר׳נ׳צ׳ב באטרעפט „304“, צײט די פאמיליע עקזיסטירט. איצט בעת מלחמה איז פעליג געװארן זײער צײט.

(געזאמלט פון ש״ס, ראמאן).



# אינהאלט פון די ביז איצט
# ערשינענע העפטן „לעבען":

„ל ע ב ע ן" ווילנע,
רעד. משה שעליט,

## 1-טע העפט:

לידער — יהודה קרני; יידיש טעאַטער אָדער טעאַטער אויף יידיש — מ. עלקין; נאָ שהענטעגע יאָגע (שיר) — י. סעגאַלאָוויטש. קולטור-לעבן: יידישע טעאַטער-געזעלשאַפט — י. ראָזענבוים; היסטאָריש-עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט — ח. לונסקי. ס'ליכט ליכטיג לינד... (שיר) — מ. קולבאַק. אין שעה פון הייליגונג (שיר) — אַ. פרידקין; ווען ס'קומען שטערן (שיר) — ל. נײַדוס. מעמואַרן און בריוו: בריוו פון י. דינעזאָן און אַ. ווייטער. אונזער געזעלשאַפטליכקייט — מ. שאַליט; די יידישע אַגראַר-פּאָליטיק — ד"ר י. וויגאָדסקי; נײַע ביכער; דאָקומענטן; צייכענונגען פון די קינסטלער מ. ליבאָווסקי, ב. צוקערמאַן און ב. גאַטלער.

## 2-טע העפט:

דער טורים פון בבל (פּאָעמע) — אַלטער קאַציזנע, אילוסטרירט פון ב. צוקערמאַן; וועגן ש. אַנ-סקי'ס „דבוק" — אַ. מאַרעוווסקי. קולטור-לעבן: די פּעדאַגאָגישע קורסן — ל. טורבאָוויטש; אַ מעשהלע (שיר) — י. ראָזענבוים; בין השמשות (שיר) — ש. גאָרדאָן; דאָס לצ'ל (שיר) — מ. קולבאַק. מעמואַרן און בריוו: דערינערונגען וועגן אַ ווײַטער — ש. ל. ציטראָן; י. דינעזאָן און דער בײַליס-פּראָצעס, בריוו פון י. דינעזאָן; פון אַ פּעקל בריוו פון אַ. ווייטער; נאָטיצן צום געבורטסטאָג פון ווילנער גאון — ח. לונסקי. דאָקומענטן: י. ל. פּרץ און אַ שטים פון פּאַחיאַק, קהלה — מ. שאַליט. נאָטיצן וועגן נײַע ביכער פון י. ראָזענבוים, מ. ג. שנײַדער און ש.; צייכענונגען פון די קינסטלער ב. צוקערמאַן, ב. גאַטלער און ב. גלאַבוס.

## 3 — 4-טע העפט:

אַ קעסל (ערציילונג) — י. סעגאַלאָוויטש; איך גיי צווישן לעבן (שיר) — אַ. פרידקין; טויט (שירים) — אברהם זאַק; דער טעאַטער מיט דעם זון (ערציילונג) — ש. אַנ-סקי; אוריאל אַקאָסטאַ — אַ. מאַרעוווסקי: קולטור-לעבן: די שול אויף דער פּראָווינץ — י. וואַלק און אַ. קליאַנסקי; „וואָס" אָדער „ווי" מען דאַרף שפּילן אין יידישן טעאַטער — מ. עלקין. מעמואַרן און בריוו: דינעזאָן און לעהאַנדרע — ש. ל. ציטראָן; אַ בריוו פון יענער וועלט (וועגן י. דינעזאָנס אַ בריוו) — ש. אַנ-סקי; בריוו פון י. דינעזאָן. פון צײַט-שטראָם: סאָף-רעמאַ — מ. שאַליט; די יידישע פּאָליטיק — ד"ר י. וויגאָדסקי; די יסודות פון אונזערע קהלות — ד"ר צ. שאַבאַד; צוויי קאַטאַלאָגן — ש. קלײַנקייטן: נאָטיצן פון ח. לונסקי און י. גינזבורג. נײַע ביכער: נאָטיצן פון י. מיצקון, מ. עלקין און ש. צייכענונגען פון די קינסטלער ב. גאַטלער און ב. גלאַבוס.

## 5 — 6-טע העפט:

תנאים (ערציילונג) — אַלטער קאַציזנע; אין שפּיטאָל (ערציילונג) — ח. ייבין. מעמואַרן און בריוו: מינוסינסקער גרים — מ. עלקין; די לישוויש-ווײַסרוסישע הויפן — ד. כהן; צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער — ש. ל. ציטראָן. שוואַנען-ליד — דניאל טשאַרני;

* * — י. ר א ז ע נ ב ו י ם: פון צייט־שטראם אוטאנאמיע — מ. ש א ל י ט: די יידישע שול און געזעלשאפט — י. מ י צ ק ו ן: נייע ביכער — נאטיצן פון ש. און ז.

## 7—8־טע העפט:

פארטרעט פון ש. אנ—סקין ביי אונז פארגיסט מען ניט קיין בלוט (ערציילונג) — ש. א נ — ס ק י; אנ—סקיס לעצטע בריוו; ש. אנ—סקי (שטריכן און ערא־נערונגען) — ד״ר צ. ש א ב א ד: א האלב יאר זכרונות וועגן ש. אנ—סקי — ח. ל ו נ ס ק י: איינער פון די דריי (וועגן ש. אנ—סקי) — ש. ל. צ י ט ר א ן: ש. אנ—סקי (זכרונות) — ד״ר י. ו ו י ג א ד ס ק י: ש. אנ—סקי (ביאגראפישע נאטיצן) — ז. ר י י ז ע ן: צו דער כאראקטעריסטיק פון ש. אנ—סקי — מ. ש א ל י ט. דאקומענטן פון ש. א נ — ס ק י.

## 9—10 העפט:

אנ—סקיס דראמאטישע לעגענדע — מ. ש א ל י ט: בריוו וועגן „דבוק״ — ש. א נ — ס ק י: סדר פון „דבוק״: דער יידישער בינע־יום־טוב — ז. ס ע ג א־ל א וו י ט ש: צווישן צוויי וועלטן — ב. ק א ר ל י נ י ו ס: אנ—סקיס „דבוק״ — א. מ א ר ע וו ס ק י: צו דער העברעאישער איבערזעצונג פון „דבוק״ — ש. ל. צ י ט ר א ן: דער „דבוק״ אויף דער בינע — מ. ע ל ק י ן: בילדער פון „דבוק״: א) פראלאג, ב) די דריי בטלנים, ג) חנן און הנך, ד) דער חתן מיטן מלמד, ה) לאה און פראדע, ו) ר׳ עזריאלקע מיראפאלער, ז—ח) חנן באווייזט זיך דער שטארבענדער לאה, י) „פארשפעטיגט: ברוך דין אמת״; נגונים פון „דבוק״: א) ערשטער רקוד, ב) צווייטער רקוד, ג) טויטן־טאנץ; די יונגע יידישע פאעזיע (מ. קולבאק: די אוקראינישע דיכטער) — י ו נ ה ש פ ע ר ן: פאלקלאר. דאס געהעט — נ ח פ ר י ל ו צ ק י: פון דער יידישער פאלקסשאפונג — ש. ב א ס ט א מ ס ק י: א יונגער יידישער סקולפטאר — ד. ר א ז ע נ ה וו י ז: נייע ביכער. „ביים קוואל״ — א. י. ג א ל ד ש מ י ד ט: קינסטלערישע כראניק.

## ש. אנ—סקי (א ספעציעלע אויסגאבע)

ביי אונז פארגיסט מען נישט קיין בלוט — ש. א נ — ס ק י: אנ—סקיס לעצטע בריוו: ש. אנ—סקי (שטריכן און ערא־נערונגען) — ד״ר צ. ש א ב א ד: א האלב יאר זכרונות וועגן אנ—סקי (דעצעמבער 1918—1919) — ח. ל ו נ ס ק י: דער לעצטער פון די דריי (וועגן ש. אנ—סקי) — ש. ל. צ י ט ר א ן: ש. אנ—סקי (זכרונות) — ד״ר י ע ק ב וו י ג א ד ס ק י: ש. אנ—סקי (ביאגראפישע נא־טיצן) — ז. ר י י ז ע ן: אנ—סקיס דראמאטישע לעגענדע — מ. ש א ל י ט: פון ש. אנ—סקיס בריוו צו פרל׳ מאגאסזאן: סדר פון „דבוק״: דער יידישער בינע־יום־טוב — ז. ס ע ג א ל א וו י ט ש: צווישן צוויי וועלטן — ב. ק א ר ל י נ י ו ס: אנ—סקיס „דבוק״ — א. מ א ר ע וו ס ק י: צו דער העברעאישער איבערזעצונג פון „דבוק״ — ש. ל. צ י ט ר א ן: באמערקונגען צום צווייטן אקט פון „דבוק״ — מ. ש א ל י ט: דער „דבוק״ אויף דער בינע — מ. ע ל ק י ן: נגונים פון „דבוק״ (נאטן); צו דער כאראקטעריסטיק פון ש. אנ—סקי — מ. ש א ל י ט: דאקומענטן — ש. א נ — ס ק י: מיין צואה — ש. א נ — סקי.
בילדער, רעפראדוקציעס, צייכענונגען.

ג ע ב ו נ ד ע ן: 1־טער באנד (העפטען 1—4 מיט אן אינהאלט־פארצייכעניש).
2־טער באנד (העפטען 5—8).

„Leben", zbiór artykułów.

ווילנע — תרפ״ב — 1922.

דרוקעריי בר. ראָזענטאַל. ווילנע, רודניצקער 7.

Drukarnia Br. Rozental. Wilno Rudnicka ul. 7.